Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 29 (558) Friday Apr 5, '24 • ב"ה • פרייטאג שמיני, כ"ו אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx


48

רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, לִפְתּוֹ"חַ עֲלֵיכֶם, לְהִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹכְכֶם, קָדוֹשׁ

# מאַיעסטעטישער ביהמ"ד הגדול והמפואר ד'קהל יטב לב "מעריוואלד, בלומינג גראוו - בנין יאקאבאוויטש" וועט באנייעט ווערן דעם קומענדיגן דינסטאָג ר"ח ניסן

געהויבענער מעמד "קביעת מזוזות ומסיבה לחיים רבתי" דעם קומענדיגן דינסטאָג ר"ח ניסן בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

מַכְנִיסֵי רַחֲמִים הַכְנִיסוּ רַחֲמֵינוּ לִפְנֵי בַּעַל הָרַחֲמִים, כִּי צֹאן רוֹעֶה נֶאֱמָן הָיָה לְחֶרְפָּה:

# הימל-שפאַלטענדע תפלות ותחנונים ביי אַלוועלטליכער יום תפלה וזעקה למען חינוך דורותינו פאַריגן דאנערשטאָג

פלאַקערדיגע דברות קודש נהי בכי תמרורים פון ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צעטרייסלט די הערצער פון כלל ישראל מסוף העולם ועד סופו




הארצרייסנדע תפלות פון טויזנטער תלמידי מוסדות סאטמאר ביי פאַרכטיגן מעמד בקשת רחמים דאנערשטאָג אין ביהמ"ד הגדול ד'סאטמאר

רבינו עומד בתפלה בעדינו: תלמידים פון "מוסדות קרית יואל" רייסן איין ביים מעמד נורא אויפ'ן ציון פון רביה"ק זי"ע
28

עבידנא יומא טבא לרבנן:
"יומא טבא לרבנן קאמפיין" אריינצוברענגען דעם יו"ט בהרחבה ביי העכער 600 חובשי בי מדרשא איפגענומען מיט ווארימקייט
שדר"י הכולל ערהאלטן הויפענעס חיזוק בגוף ובממון נאך אומגעהויערע גריסן וואס קומט ארויס מביני עמודי דגירסא
יעדער תושב גיט לכבוד יו"ט פאר די לומדי תורה וואס באשיצן די שטאט!
כולל סאטמאר קרית יואל

שטארקע אינטערעסע אין 'ליקוטי חמה' פארקאפט אויבן
96

"ראשון הוא"!!! אונזערע מוסדות, אונזערע קינדער, וועלן מיר אנהאַלטן בכל לבבינו ובכל נפשינו!
ווען יעדער תושב קרית יואל וועט זיך אנשליסן מיט "$600" פאַר די הייליגע מוסדות ערב פסח
אין ברען פון וואַקלדיגע עקאנאמיע און שאַרפע אינפלאַציע שרייט גאנץ קרית יואל:
ראשון הוא
70

לקראת יו"ט פסח תשפ"ד הבעל"ט:
"קופת הקהלה" גרייט זיך צו מאסיווע פאַרגרעסערטע 'פסח חלוקה'
אויפ'ן פערזענליכן פאַרלאַנג פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
עלעגאנטע מסיבה אין שפּיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א געקרוינט מיט סוקסעס; אפגעראכטן דורך געטרייע ראשי הקהלה הר"ר לוי יצחק שווארץ הי"ו ושותפו הר"ר יוסף יחזקאל לאנדא הי"ו
קופת הקהלה
42

קרויס בא לעיל!
יהא בואם לברכה להרמ"ת קרן השטריימל! "קרויס שטריימל" געפינט אין הארץ פון קרית יואל, 17 גארפיעלד - מעכטיגע סעיל פראקלאמירט, 40% אראפ אלע שטריימלען, אומגלויבליך!
קרויס שטריימלעך




## Finest cuts



Our meat department is fully stocked with the finest cuts of fresh meat all Kosher L'Pesach, ready for your cooking convenience.

*The Kosher*
# HIVE

250 NY-59, Airmont, NY 10901
845-357-9500 • orders@thekosherive.com

**Order online: kosherhive.com**




# שלום עליכם
# קרית יואל:
# רחבות און הרחבת הדעת

**WE DELIVER TO MONROE!**

*Except on Friday's

Order by Phone or online.

## The Kosher Hive is closer than you think!

**A 20 minute drive from the outskirts of Monroe, Right off Exit 14B avoiding the Monsey traffic.**

**והוצאתי**

Save on your grocery expenses with competitive, **rock-bottom pricing** on all Pesach basics and beyond.

**וגאלתי**

Rescuing you from the Erev Yom Tov runaround with **a one-stop-shop experience** featuring all you need under one roof.

**ולקחתי**

**Take the food home.** Our delicious deli department features a full line of tasty takeout options so you can clean and keep everyone fed.

dartmedia.us

Corporate · Individual · and More



# ער איז געבוירן סוף דעצעמבער...

גייט ער נאך אויף 2023?

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

dartmedia.us

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS

NEW ADDRESS

845.774.2615

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949



זעלטענע
געלעגנהייט
צו ווערן אן
עקספערט
אין חינוך
מיוחד
תיכף נאך פסח וועט זיך אי"ה אנהייבן
א העכסט-פראפעסיאנאלע
און דורכדרינגליכע
עקספערט
טרעינירונג
קורס
מיט'ן ציל אריינצוברענגען פרישע
געלונגענע מלמדים פרטיים אין די
עבודת הקודש, וועלכע פראקטיצירן
אויף די העכסטע סטאנדארטן פון
'נרו יאיר'
20 שעה קורס + ווארקשאפ
געגעבן דורכ'ן לאנגיעריגן וועטעראן אין חינוך מיוחד
הר"ר אביגדור שפיטצער שליט"א
וואס וועט אייך בעז"ה געבן די כלים
צו ווערן אן עקספערט אין דעם פעלד
בלויז
16 סלאטס
עוועילעבל!
נרו יאיר
יעדעס קינד קען שיינען!
רופט ווי פריער צו רעזערווירן אייער השתתפות:
845.202.2620 #3
ארבעט ווי א פראפעסיאנאל | זייט מצליח ווי א פראפעסיאנאל | פארדינט ווי א פראפעסיאנאל



pivotgroup.nyc

## משה׳ס צוויי צענט

מיין חבר ברוך זאגט אז מ׳דארף א מארגעדזש פאר א שטריימל.
אבער אייער פריינט משה האט געטון צום זאך, אזוי ווי אייביג.
זיך איינגעהאנדלט א קרויס שטריימל פאר חצי בחינם. דאס איז
מכובד׳יג, קלאסיש, און מלכות׳דיג. אזוי ווי ס׳פאסט...

# מכובדיג

# סטייל

| SALE | | 40% OFF |
|---|---|---|
| REG $4,500 | REG $3,000 | REG $2,500 |
| $2,899 | $1,799 | $1,500 |
| APRIL 7 - APRIL 18 | פון זונטאג תזריע ביז דאנערשטאג מצורע | |

| מאנטריאל | קרית יואל | מאנסי | וויליאמסבורג | בארא פארק |
|---|---|---|---|---|
| 185 Av. Van Horne | 17 Garfield Road | 6 Melnick Drive | 135 Rodney Street | 1251 51st Street |
| SUN-THURS 2:00 - 5:00 | SUN-THURS 2:30 - 8:30 | SUN-THURS 2:30 - 8:30 | SUN-THURS 2:30 - 8:30 | SUN-THURS 2:30 - 8:30 |

קרויס
שטריימלעך

17 Garfield Rd.
718.2KRAUSS
5 7 2 8 7 7

## נייע קרית יואל לאקאציע

שעה׳ן: זונטאג ביז דאנערשטאג 3:00 - 8:30, פרייטאג 10:00 - 12:00



# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**2,778**
**משפחות**
**5,784**
**ילדים בבית**

**סניף קרית יואל**
**130 משפחות** **244 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

# חכם לב יקח מצות

מיט א שבח והודאה צום בורא כל העולמים האט מען שוין געטיילט
**די מצות און מען גרייט זיך צו טיילן די פעקלעך**
פאר די משפחות אלמנות ויתומים,

**בעזהי"ת וועט מען אויסטיילן די פעקלעך**
**זונטאג פ' טהרה (ו' ניסן - Apr. 14)**

מיר בעטן יעדן פערזענליך, ווער ס'האט א קאר, זאל קומען צוהעלפן, אהיים טראגן די פעקלעך פאר די אלמנות ויתומים, מיט זיין קאר וכו', פאר איין משפחה, אדער עטליכע משפחות,

ביטע רופן ex 4 718-782-5349

בברכת שפע ברכה והצלחה וכט"ס, וחג כשר ושמח
**אברהם לויפער - אבדק"ק דאראג**

| פרנס אלמנה ויתומים לפסח - קמחא דפסחא | מצות | פלייש | פיש | וויין-גרעיפ דזשוס-ביצים-קארטאפל-עפל וכו', צרכי מזון | סך הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה גדולה ברוכי ילדים | 40 פונט-$1,200.00 | $1,000.00 | $600.00 | $800.00 | $3,600.00 |
| משפחה גדולה | 30 פונט-$900.00 | $750.00 | $350.00 | $500.00 | $2,500.00 |
| משפחה רגילה | 24 פונט-$720.00 | $600.00 | $250.00 | $430.00 | $2,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | 16 פונט-$480.00 | $520.00 | $220.00 | $380.00 | $1,600.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | 12 פונט-$360.00 | $400.00 | $160.00 | $280.00 | $1,200.00 |
| אלמנה ויתום | 10 פונט-$300.00 | $350.00 | $120.00 | $230.00 | $1,000.00 |
| אלמנה | 6 פונט-$180.00 | $260.00 | $100.00 | $180.00 | $720.00 |
| יתום | 3 פונט-$90.00 | $120.00 | $50.00 | $100.00 | $360.00 |

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |

בעזהי"ת
**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**
**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק
**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט
**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי
**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד
**פענסילווייניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג
**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**




Viewpoint
ACADEMY

718.766.7177 #9051
www.viewpoint.me

טעקסט דיווארט ADVISOR און איינער פון
אונזערע אדווייזערס וועלן אייך צוריקרופן

IT AND NETWORKING COURSE

לערנט אייך א פאך צו וועלכע איר האט א געפיהל און
פארשטאנד, אינערהאלב א היימישע אטמאספערע, און אויף
א העכסט פראפעסיאנאלע פארנעם, דורך די גרעסטע
עקספערטן, און ערדייכט א געשמאקע קאריערע.

בס"ד

Office suites
for sale coming
up in Monroe
(BloomingGrove)

The peace of
MIND
YOUR getting when you
OWN
the property
of your BUSINESS



BlueKay 845.480.1715

EXECUTIVE CIRCLE

577 NY-208 | Monroe, NY 10950

BENEFIT #3

WHY BUY?

Rent out your extra
space to cover your
monthly payments.

(current rent market
is double than
monthly payments
on owned space)

Contact our team:

PRESTIGE
REALTY TEAM

יואל באש
347.486.2196

יואל שטויבער
845.238.1129

executivecircle@joeljoelteam.com




eiffelteam.com

בס"ד

ענדליך
ערשינען




## טועמיה
א נייע וועכנטליכע אויסגאבע מיט אלע טעמים.

## טועמיה
ערליכע אויסגעהאלטענע ליטעראטור וואס גייט אריין אין יעדע אידישע שטוב.

## טועמיה
דער סאטמארער ביזנעס פלאטפארמע

## טועמיה
וואו סאטמארער אידן אדווערטייזן ביי סאטמארער אידן.




בייגעלייגט די באריפטע אינהאלטסרייכע מערכת השלחן בייל‏אגע

צו באקומען ביי אלע סאטמארער שמשים פאר $5.99

אדער ביי אלע סאטמארער פלייש געשעפטן פאר $2.99

Permanent Price

### אינהאלט:
לענינינו • נייעס איבערזיכט • ביזנעס שמועס • טעימה קלה • סוף פסוק • מארטגעדזש ראט • חזוקות כשרות

### מיין ליבע היים - פרויען אפטיילונג:
אן אפנהארציגע ארבייטער • א פלאנטער אין די ארבייט • ביי מיר אין שטוב.

### קינדער אפטיילונג:
דער המבדיל פון צאנזער רב • קאמיקס.



Melodia
COLLECTION
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408.8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822
MONROE:
7 Garfield Rd.
845.250.8700
JERUSALEM:
ישא ברכה 48
02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM



INNOVATIVE MALCHUS
FEATURING THE NEWEST KA'ARAH.
ALL THE BEAUTY WITHOUT
CRACKING YOUR MATZOS.
MATCHING HAGGADAH TO EVERY SET
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408.8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd. 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
•admarkny.com


Opulenccio
COLLECTION
פסח
-admarkny.com
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408. 8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822
MONROE:
7 Garfield Rd.
845.250.8700
JERUSALEM:
ישא ברכה 48
02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM


העכסט דראמאטישע אטעם פארכאפענדע שפיל:
וואונדער בעכער
איבערגעקוקט, באשטעטיגט ובהמלצת: חשוב'ע רבנים און מחנכים
אראפגעשפילט דורך בארימטע היימישע שפילער:
מרדכי הערש הערשקאוויטש - חיים איצקאוויטש
ארי אבראמאוויטש - יואל ברוין - חיים ברוין - שמעון יואל קליין
מתתי' גרין - חיים הערש גלאנצער - אהרן פריעדמאן
די שפיל ווערט פארקומען אי"ה:
ראש חודש ניסן
בדיקת חמץ
חול המועד פסח
צוגענגליכע פרייזן פאר קינדער-געבענטשטע משפחות

בס"ד

וַיַּעַשׂ
אַבְרָהָ"ם
מִשְׁתֶּה
גָדוֹל

לב לילד
Lev Leyeled

אי אפשר להביע במילין, על קלף וגוילין, מעלת כבוד האי צנתר דדהב"א העוסק למענינו עד בלי די
בונה בנינים לתורה ולתעודה, בקרב אברה"ם ויהוד"ה, איש הצדקה וחסד ביד מלאה פתוחה וגדושה
רב רכושו משקיע, בכל ל"ב ונפש להשפיע, מנער ועד זקן ליל"ד ואיש העומד על פתחי ביתו ומעונו
הראש הראשון לכל דבר צדקה, להושיט יד לנפש נאנקה, מקום מיוחד בלבו מצא 'לב לילד' עד מאוד
משובח מפואר בכל פיפיות כדת הראוי לו, להוקיר את רום פעלו, בקרב עדת חבלו, כי לו נאה ויאה

ה' ה ידידינו עוז הנכבד הנעלה מוכתר בכל מדה נכונה תואר ומעלת נודע לתהלה במעשיו ופעולותיו הנשגבות
תורה, וגדולה, אצלו משולבות סומך עניים ודלים מפורסם במעשיו הנעלים אבן יקרת סגל שבחבורה
הטוב והמטיב ומשמח לבבות נשברות של נפשות יקרות ברוך יאמרו לעומתו כבוד שמו תהלתו

הרבני הנגיד המרומם
מוה"ר

# אברהם יהודה גאלדבערגער

הי"ו

וזו' החשובה שתחי'

אשר בלבם הזה"ב עשו את ביתם כביתו של אברה"ם
בעצם יום הפורים העעל"ט והכניסו ילדי

## 'לב לילד' סניף קרית יואל

וערכו שם את כל מצוות היום ברוב שמחה וחדוה אמירת תהלים, תפלת שחרית, מקרא מגילה, וסעודת פורים גדולה ורחבה כיד המלך ברוב מטעמים ורוח נדיבה בתופים ובמחולות ובזה הכניסו בלבם שמחת פורים ושמחת תמיד ורוח של חיים וחיזוק עצום אשר לא יאומן כי יסופר

## הוד והדר פעלם! לעולמי עד צדקתם!

לכל מיני ברכות טובות יזכו הוא ובני ביתו המבורכים, ברכה עד בלי די לעד ולנצח נצחים יהיו נמשכים, לחיים של עושר וכבוד אלה וכאלה יוסיף ה' לברכה, יראו רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח זרעם לברכה, לאורך ימים ושנים יזכו להמשיך פעולותם הרמות, דורי דורות של נפשות ישראל אלו יעמדו לזכותם כל הימים עדי נזכה לקץ הנחמות

המברכים מעומק הלב מתוך רגשי הוקרה נכבדה

הנהלת לב לילד

YESSAGE 845.774.4069


גייסט סיי
ווי קויפן
אלע.
באקום
עס כאטש
צום טיר
ספעציעלער סעיל פרייז:
$199 א יאר
רעגולער $239
וואונדערקינד
718.517.8310
VINDERKIND.COM
סיינט אייך היינט אויף פאר א יערליכן סובסקריפשאן
און באקומט א וואונדערקינד הויכהילכער ($50 ווערד)


איך מאך זיכער עס
זאל זיך גיסן
נאר השפעות!
איך נוץ די
שפע ריכטיג!
מיטן ארויסהעלפן מיינע חברים
און ידידים אריינצוברענגן
דעם יו"ט מיט הרחבת הדעת!
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
קהל יטב לב סאטמאר
קופת הקהלה
קופת הצדקה לנצרכי הקהלה בפיקוחו של
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
חלוקה גדולה
פסח תשפ"ד


סאטמאר פלייש פרעזענטירט:
יערליכע
CUSTOMER
APPRECIATION
גורל
מאכט זיכער אז אייער אקאונט איז
$0
BALANCE
און געווינט!
נאר די קאסטומערס
וואס זענען אינגאנצן
אויסגעצאלט בעפאר
פסח גייען אריין
אינעם גורל
DISPLAYED
IN STORE
אין אַנערקענונג צו אונזערע חשוב'ע
קליענטן וואָס באַצאָלן די אָרדערס
צייטליך, וועלן מיר דאָס יאָר אויסראַפלען
אַ פראַכטפולער זילבער-שטיק
כוס של
אליהו
מיט א טאץ
ווער געניסט
פון דעם זילבער-גורל?
אַלע אונזערע קאָסטומערס וואָס האָבן
איינגעקויפט אין 'סאטמאר פלייש' פאַר מער ווי
$1000 אין די לעצטע 12 חדשים און די אַקאונט
איז אינגאַנצן אויסגעצאָלט בעפאָר פסח
WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100
WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100
WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100
WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100
BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100
BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100
KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900
סאטמאר
פלייש
דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

בס"ד



ויהי ערב
ויהי בוקר...
איך גיב פאר א חבר צו פראווען א
לעבעדיגע
יום טוב!
אנשטאט פארשווענדן פאר נארישע
פינסטערע שמחות...
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
קופת הקהלה
קופת הצדקה לנצרכי הקהלה בפיקוחו של
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
חלוקה גדולה
פסח תשפ"ד

# SPECIALS

לכבוד יום טוב

## PESACH SPECIALS

WHILE SUPPLIES LAST

*K.G*
**BEEF CHULENT MEAT**
**$11.99 LB**

**BEEF**
**NECK BONES**
**$3.99 LB**

*Supper Family Pack*
**BEEF CHULENT MEAT**
**$8.79 LB**

**BEEF**
**MIDDLE CHUCK**
**$14.99 LB**

*Family Pack*
**CHICKEN WINGS**
**$1.59 LB**

*Family Pack*
**CHICKEN THIGHS**
**$2.79 LB**

*Regluer*
**BEEF BRISKET 1ST CUT**
**$12.49 LB**

*K.G*
**BEEF BRISKET 1ST CUT**
**$12.49 LB**

*Imported*
**BEEF CHUCK EYE STEAK**
**$9.99 LB**

**TURKEY**
**NUGGETS**
**$7.99 LB**

*Family Pack*
**CHICKEN CAPON**
*(Freshly Frozen)*
**$7.99 LB**

**TURKEY WINGS**
**$1.99 LB.**



די
וואס זענען
מקפיד אויף YL
און אויף KG מוזן
באַשטעלן זייער
אָרדער ביפאר
ר"ח ניסן.

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

ד ע ר   ה ע כ ס ט ע ר   ס ט א נ ד א ר ט   א י ן   כ ש ר ו ת   ה ב ש ר

פל"ש
ס א ט מ א ר



בס"ד
וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ
מיר צאלן די מלמדים!
די מלמדים ארבעטן אריין איבער-מידליך פאר אונזערע קינדער'ס הצלחות
בעבור זה: ראשון הוא!
די מוסדות לייגן אריין שווערע כוחות צו באצאלן די מלמדים צייטליך
מיר עלטערן שרייען אויס ראשון הוא
און שענקען די מלמדים דעם יו"ט!
Tagline | 845.824.1600
ראשון הוא!
זמן חרותינו תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434

נייע חידוש - באָלק דעלי

# פאמילע נאכטמאל

## סערווירט פאר 6 פערזאנען

INCLUDES A CHOICE OF A
**SOUP, MAIN, AND 2 SIDES.**

**$59.99** *Per Package*

פון ר"ח ניסן ביז פסח - אין אונזער געשעפט.

CASH & CARRY - IN STORE ONLY.

SATMAR MEAT'S BULKPACK. **QUALITY MEATS, UNMATCHED PRICES!**

BULK PACK
BUY IN BULK, CUT THE PRICE!

**פאלגענד זענען אוועליבעל פראדוקטן פונעם באָלק-פעק דעפּאַרטמענט.**
גרעסערע קוואנטומען קלענערע פרייזן.

Beef Mock Minute Roast, Imported Beef Flanken, Imported Beef Minute Steak, Imported Sq Cut Flanken, Beef Boneless Flanken, Beef Club Steak, Beef Rib Steak, Chicken Ground, Chicken Breast Nuggets, Chicken Cutlet Sliced, Chicken Dark Goulash, Chicken Rib Steak, Turkey Bones, Turkey Breast Ground, Turkey Drums, Turkey Roll, Turkey Wings, Whole Chicken Cut /14, Import Club Roast, Imported Chuck Eye, Imported Chuck Eye Steak, Imported Club Steak, Imported French Roast, Imported London Brol, Imported Pepper Steak, Bc Chicken Bottoms, Imported Beef Rib Steak, Beef Chulent Meat, Beef Finger Bones, Beef Ground Mix W Chicken, Beef Neck Bones, Beef Pickled Roast, Chicken Bottom Bones, Chicken Cutlet, Chicken Salami, Chicken Thighs.



| WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | BORO PARK | BORO PARK | KIRYAS YOEL |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 80 Lee Ave. | 823 Bedford | 239 Lee Ave. | 360 Wallabout | 5023 N. Utrecht | 4525 16th Ave. | 68 Forest Rd. |
| 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.854.2100 | 718.854.2100 | 845.782.2900 |

סאטמאר פלייש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר



בס"ד
מְלַמֵּ״ד
שֶׁהָיוּ
יִשְׂרָאֵל
מְצֻיָּנִים
וכאן
הבן
שואל...
בעבור
זה:
ראשון
הוא!
קלערט; ווער האט אים
געלערנט פרעגן?...
אונזערע
געטרייע
מלמדים
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434
ראשון הוא
זמן חרותינו
תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
Tagline | 845.824.1600



# א דרייפערטל מיליאן פאר די לומדי העיר







$500,000 אויסצאלן געהאלט אויף יו"ט לחודשי אדר וניסן
און א באזונדערע השלמה פאר די 'פינפטע וואך אין חודש' 2 מאל במשכ'ן ווינטער
$100,000 באזונדערע געהאלט פאר לומדים הנבחנים
אין די מערערע חבורות פאר חזרות און בחינות וועלכע דערהייבן כבוד התורה
$150,000 חלוקה גדולה למשפחות לומדי העיר
"מצות חלוקה" חסדי גאלדא רבקה, מענער קלאודינג, דרייגודס, שיך, משפחה קליידונג:
אשרי העם
תומכי
לומדיך!
יומא טבא לרבנן
לאמיר זיי מאכן דעם יו"ט!
תמיכת הוספה ליו"ט $250
אויסלייזן א טשעק $500
צורכי החג לת"ח $1,000
רופט יעצט הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו, מנכ"ל
אפיס 845.783.2599 #102 סעל. 845.537.0767

מַכְנִיסֵי רַחֲמִים הַכְנִיסוּ רַחֲמֵינוּ לִפְנֵי בַּעַל הָרַחֲמִים, כִּי צֹאן רוֹעֶה נֶאֱמָן הָיָה לְחֶרְפָּה:

### אויפ׳ן רירנדן רוף וקריאת הקודש פון מאור הגולה כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א:

# האַרצרייסנדע תפלות ותחנונים איינגעהילט צענדליגער טויזנטער תינוקות של בית רבן, בחורי חמד ואברכי הכוללים, און אלפי ההורים ביי אַלוועלטליכער יום תפלה וזעקה למען חינוך דורותינו

## באותו שעה ווען ס׳איז פאָרגעקומען ׳היערינג׳ סעסיע אין אַפּעלאַט געריכט וואו מסירת נפש׳דיגע שתדלני הכלל האָבן העלדיש פאַרטיידיגט דעם חינוך הטהור

**נקהלו היהודים בעריהם:**
**צענדליגער טויזנטער תינוקות של בית רבן איבער דער גאָרער וועלט האָבן געשפּאָלטן די שערי שמים, פאָריגן דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג, מיט מזמורי תהלים און אבינו מלכינו, ביי ריזיגע מעמדי ״בקשת רחמים״**

**עת לעשות לה׳ הפרו תורתיך:**
**אַריבער 2,000 לומדי הכוללים כ״י פון סאטמאר-ניו יאָרק שטעלן אָפּ סדר הלימוד אינמיטן העלן טאָג איינצוזרייסן להעביר את רוע הגזירה פון כלל ישראל**

**ותעל שועתם אל אלקים! טויזנטער עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, מיטגעהאַלטן לעבעדיג האַרץ-רייסנדע תפלות בהבל פיהם של אלפי תינוקות של בית רבן, דורך צענדליגער טויזנטער ליניעס וואו מ׳האָט אינאיינעם איינגעריסן מיט מזמורי תהלים ואמירת אבינו מלכינו**

ניו יאָרק. – מיט ווערטער קען מען נישט שילדערן די שטורמישע טאַפּענדיגע רגשי הלב וואָס האָט זיך געשפּירט דעם פאַרלאָפּענעם דאָנערשטאָג פרשת צו העעל״ט, אין די הערצער פון צענדליגער טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר אומעטום, ובפרט ביי די פילע טויזנטער תינוקות של בית רבן, בחורי חמד, אברכי הכוללים, תלמידות הבית רחל, וועלכע האָבן אין דעם טאָג געשפּאָלטן אַלע שערי רחמים מיט אַ פּרעצעדענטלאָזע כח התפלה בבכי ובתחנונים, אויפ׳ן פּערזענליכן רוף פון דעם ראש גולת אריאל ומגן החינוך הטהור, כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, אַז מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן צו ערציען אונזערע דורות אויפ׳ן וועג וואָס מרן רבינו הקדוש זי״ע האָט אונז געלערנט בעוז ובתעצומות.

״ותעל שוועתם אל האלקים.״ – דאָס ווי-געשריי פון אַזויפיל ריינע אידישע קינדער וואָס בעטן זיך פאַר זייער רוחניות׳דיגן קיום, האָט אָן קיין צווייפל דורכגעריסן טויערן און מויערן בשמי מעלה. אין אלע סאטמארער תלמוד תורה׳ס, אין אַלע חדרים, אין אלע בתי חינוך, אין אַלע כוללים, בכל מקום ומקום שדבר המלך ודתו מגיע, האָט מען מתפלל געווען מיט הייסע תפלות: קרע רוע גזר דיננו! הפר עצת אובינו! עשה למען תינוקות של בית רבן! אין וויליאַמסבורג אין ביהמ״ד הגדול, אין קרית יואל ביים ציון הק׳, אין אַלע אַנדערע מקומות אין די בתי מדרשים, און דער קול הצאן ווי זיי וויינען למען קדושתן וטהרתן ועתיד דורותיהם האָט איינפאַך צענומען די הערצער, ואם אבן הוא נימוח!

״עת לעשות לה׳ הפרו תורתיך.״ – העכער 2,000 סאַטמאַרער כולל-יונגעלייט ברחבי ניו יאָרק האָבן פאַרקלאַפּט די גמרות, פאַרמאַכט די שלחן ערוך׳ס, און אַפּירגענומען די תהלים׳לעך לקרוע שערי שמים, און גלייכצייטיג האָבן די טויזנטער באַזאָרגטע עלטערן שיחי׳ – אויפ׳ן פקודת הקודש פון רבי׳ן שליט״א – באַזונדער מתפלל געווען מיט די הייסע תפלות פון ערליכע אידישע טאַטע-מאַמע הדואגים על דורותיהם, חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו, שלא תאבד שארית יעקב!

״בנותינו כזוויות מחוטבות תבנית היכל״. אויך די פילע טויזנטער הייליגע בנות ישראל הכשרות אין די בתי חינוך לבנות ״בית רחל״ ברחבי ניו יאָרק האָבן מיט זייער תמימות זיך געבעטן ביים רבוש״ע ער זאָל זיי – און זייערע געשוויסטער, און זייערע דורות – ראַטעווען פון די גזירות רעות, ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן ביקש לעקור את הכל, די גזירה צילט ״אַלע״ אידישע קינדער, און אויב זאָל דאָס חלילה זיך דאָס איינגעבן איז דאָך עס אַ גזירת כלי׳ אויף כלל ישראל, ה׳ ישמרנו.

״עת צרה היא ליעקב, כי בצרה גדולה אנחנו״. – ס׳געדענקט זיך באמת נישט אין די לעצטערע צענדליגער יאָרן אַזאַ מורא׳דיגער זמן, ווען מ׳האָט אויף אַזאַ אופן אַזוי אַריינגעריסן מיט אַזאַ פאַראייניגטער תפלת הרבים, אויף אַ ביטול הגזירה וואָס הויערט איבער ״אונזערע קעפּ״ דאָ במקומינו, ווייל אזא צרה איז דאָך באמת נאָכנישט געווען דאס גלייכן! אַז אין דעם פלאץ וואו מיר וואוינען, וואס מ׳האט געהאפט אז מ׳זאל מיט א רואיגקייט דאָהי קענען מקיים זיין תורה ומצוות און ערציען די דורות עד ביאת הגואל, זאָל צושטאַנדקומען אַזאַ צרה צרורה, אַז די רעגירונג זאָל זיך וואַגן צו פּרובירן אַריינמישן אין די פונדאַמענטאַלסטע אידישקייט-יסודות וואָס גייט בנפשינו, און מיר קענען אויף דעם נישט איינשטימען, מיר קענען צו דעם נישט איינגעבן, בשום פנים, בשום אופן, און – ווי כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א האָט אויסגערופן – מיר ווען דערצו קיינמאָל זיך נישט צושטעלן!

״עד שתחננו ותוציא לאור משפטינו איום קדוש.״ – דעם פאָריגן דאָנערשטאָג, בשעת ס׳איז פאָרגעקומען די הירינג סעסיע אין דעם ניו יארק סטעיט אפעלאט געריכט, וואו די הערואישע שליחי כלל ישראל האבן באקעמפט די גזירה, איז גלייכצייטיג נתקיים געווארן דער ״נקהלו היהודים בעריהם״, צו מתפלל זיין צום נותן התורה, ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה׳ קרובים אל ה׳ אלקינו, אונז צו באַגלייטן אין די ווייטערדיגע שטאַפּלען פון דעם ברענענדיגן קאַמף למען כבוד שמו יתברך ולמען אונזער הייליגן חינוך בדרך שהורו לנו אבותינו ורבותינו מדור דור בגאון ובועז.

### פייערדיגער רוף פון מוסדות סאַטמאַר צו די עלטערן מתפלל צו זיין

שוין מיט עטליכע טעג בעפאָר האָט הנהלת מוסדות סאַטמאַר – אויף דער פערזענליכער פאַרלאַנג ופקודת הקודש פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א – אַהיימגעשיקט צו אלע עלטערן פון די פילע טויזנטער תשב״ר, תלמידים ותלמידות, פון אלע אפּטיילונגען פון קליין ביז גרויס, אַ הייסער רירנדער רוף צו אַלע טאַטעס און מאַמעס אַז מ׳זאָל נישט נעמען לייכט דעם מצב; מ׳זאָל וויסן אַז אַ גזירה נוראה שוועבט איבער די קעפּ פון אונזערע קינדערלעך, און ס׳איז אַן עת צרה ליעקב.

דער האַרץ-רייסנדער רוף פון די הייליגע סאַטמאַרער מוסדות האָט געלויטעט אַז ״יעדער טאַטע און מאַמע דאַרף אַראָפּנעמען צייט און מתפלל זיין מיט אַן ערנסטקייט, איינרייסן ביים הייליגן באַשעפער

אַז די שרעקליכע גזירה זאָל נישט דורכגיין, און די הייליגע ריינע תפלות וואָס ערליכע אידישע טאַטע-מאַמע בעטן זיך בתמימות פאַר זייערע דורות וועט זיכער עושה רושם זיין בשמי מעלה".

ווירקליך זענען די טויזנטער עלטערן זייער אויפגעשטורעמט געוואָרן. מ'האָט צוריקגעהערט ווי אין פילע טויזנטער אידישע שטיבער האָבן גאַנצע משפחות אינאיינעם מתפלל געווען. טאַטעס און מאַמעס האָבן מיט פאַרצאַפּלטע געפילן זיך אויסגעגאָסן די הערצער מיט הייסע תפלות צום הייליגן באַשעפער אַז ער זאָל אָפּהיטן זייערע שעפעלעך, די רשעים זאָלן נישט מצליח זיין מיט זייערע בייזוויליגע פּלענער, און מיר זאָלן קענען ווייטער ערציען די קינדערלעך לויט אונזער ווילן און שטרעבן, ערליך און אָפּגעהיטן, אַזוי ווי אונזערע עלטערן און זיידעס און באַבעס האָבן אונז מחנך געווען דור אחר דור.

## דאָנערשטאָג מיטאָג; הושענא צאן קדשים! זקנים עם נערים אין גאַנץ ניו יאָרק רייסן איין

דאָנערשטאָג איינס דרייסיג מיטאָג, אין די גורל'דיגע דעצידירנדע שעות בו בזמן ווען ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די סעסיע אין דעם אַפּעלאַט געריכט, האבן זיך צוזאמגענומען אלפי תינוקת של בית רבן פון אַלע סאַטמאַרער מוסדות אין אלע שטעט און געהערט פייערדיגע דרשות און מעורר געווען רחמי שמים, געזאגט תהלים, אבינו מלכנו, קבלת עול מלכות שמים להעביר רוע הגזירה.

דער גרויסער מנהיג העדה ונשיא המוסדות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט פערזענליך געלאָזט באַפעלן פאַר אַלע מנהלי המוסדות די בכל אתר ואתר, אַז ס'איז אַן עת לעשות לה' און מ'זאָל אַלעס אָפּשטעלן צו מתפלל זיין פאַר'ן עתיד הדורות.

בשעת ווען טויזנטער קינדער פון וויליאמסבורג זענען געווען פארזאמלט אין ביהמ"ד הגדול (זעט קעסטל) און די טויזנטער קינדער פון קרית יואלביים ציון הקדוש (זעט קעסטל) געוני אין די זעלבע צייט האָבן זיך אויך צונויפגענומען די אַלע אַנדערע אלפי תינוקות של בית רבן פון אַלע אָפּטיילונגען און יאָרגענג בתוככי מוסדות סאטמאר בכל מקומות מושבותיהם, אין וויליאַמסבורג, קרית יואל, בארא פארק, מאנסי, קרית יטב לב, אא"וו, איבעראל האָט מען מתפלל געווען און איינגעריסן בפסוקי דרחמי ווען ס'איז פאַרטיילט געוואָרן ספּעציעל געדרוקט פּסוקי תהלים מיט אבינו מלכינו. די מנהלים האָבן אויפגעטרעטן מיט האַרציגע דרשות, ערקלערט דעם חומר הגזירה, און די קינדער האָבן זיך מתחנן געווען לפני ה'.

דאס זעלבע האט זיך אפּגעשפּילט אין אלע סניפי הישיבות ד'סאטמאר די בכל אתר ואתר, ישיבה קטנה וישיבה גדולה, וואו על פי קריאת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט מען איבעראל אָפּגעשטעלט דעם סדר הלימוד כדי מעורר צו זיין די תלמידים איבער דעם שרעקליכן מצב אין וועלכע מ'שטייט און מתפלל צו זיין אין דעם גורל'דיגן זמן למען ביטול הגזירה הנוראה וואָס שוועבט על ראשי עם קודש, קרא עלי מועד לשבור בחור"י, און מיט אונזערע הייסע תפלות ווען מיר אי"ה אויס'פּועל'ן אַ ישועה פאר כלל ישראל.

## בהם תלוי יסוד בית ישראל: מזמורי תהלים אין אַלע סאַטמאַרער מיידל-שולעס אין ניו יאָרק און ניו זשערסי

גלייכצייטיג, אזוי ווי די גזירה הנוראה צילט אויך קעגן די בנות ישראל הכשרות, האט מען על פי פקודת פונעם רבי'ן שליט"א געזאגט תהלים און אלע בתי חינוך לבנות איבער גרעיטער ניו יאָרק.

טראָץ וואָס מ'איז געשטאַנען אין די אָנגעשטרענגטע צייט צווישן פּורים און פּסח, האָט מען אַלעס אָפּגעשטעלט, און די תלמידות – די צוקונפטיגע מאַמעס פון כלל ישראל – האָבן מיט ערנסטקייט און מיט ערליכקייט מיטגעהאַלטן די אויפטרייסלענדע דברות קודש פון רבינו שליט"א און מיטגעזאָגט די ספּעציעלע מזמורי תהלים מיט אבינו מלכינו.

אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער בית רחל האָט די תלמידות געהערט וואַרימע ווערטער פון די מנהלים רוחניים. אין סאַטמאַר וויליאַמסבורג ביי די אינגערע קלאַסן האָט אויפגעטרעטן הרה"ג רבי בנציון פייערווערקער שליט"א, אין די עלעמענטרי קלאַסן האָט גערעדט הרה"ג רבי שלמה הערצאָג שליט"א יו"ר וועד החינוך. אַזוי אויך אין קרית יואל, באָראָ פּאַרק און אין מאָנסי, האָבן די מנהלים שליט"א אויפגעטרעטן דערביי ערקלערט פאַר די תלמידות אַז זיי זענען דערמיט מתפלל נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאר זייערע ווייטערדיגע דורות וואָס זיי וועלן אי"ה אויפשטעלן בעזר ה', וואָס אינעם חינוך פון די מאַמעס איז דאָך תלוי דער עתיד הדורות, ווי רביה"ק זי"ע שרייבט אַז אין היינטיגן דור איז נאָך וויכטיגער דער עתיד הבנות ווייל "בהם תלוי יסוד בית ישראל", אין זיי איז אַלעס אָנגעוואָנדן, און זייער ערליכער חינוך גייט אונז בנפשינו ובלבבינו.

לך כנוס את כל היהודים:

# אַלע מוסדות הק' בכל רחבי ניו יאָרק פאַראייניגט בתפלה ובתחנונים אין דער גורל'דיגער צייט בשעת די שליחי כלל ישראל פאַרטרעטן אין געריכט די ערליכע חינוך פעסטונגען

אין אַ פּרעצעדענטלאָזע ערשיינונג - וואָס האָט אונטערגעשטראָכן דאָס געוואַלדיגע ערנסטקייט פון די שעת מלחמה על משמר החינוך הטהור - האָבן זיך אַלע חרדי'שע מוסדות התורה והחינוך, תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס, לענגאויס גרעיטער ניו יאָרק, אָנגעשלאָסן און אַנטייל גענומען אין דער אַלוועלטליכער יום תפלה רבתי לבקש ולהתחנן על עתיד חינוך צאצאינו.

די הייליגע מוסדות החינוך וועלכע געפינען זיך צוזאַמען אין דעם הייליגן לאַנג - פאַרצויגענעם קאַמף למען עתיד צאצאינו האָבן אַלע אָפּגעראָכטן שטורמישע מעמדי תפלה והתעוררות, אין דער זעלבער צייט וואָס עס וועט פאַרקומען די הירינג אין געריכט, איינס דרייסיג מיטאָג, להעתיר ולבקש רחמים רבים.

אין אַלע מוסדות הק' האָט מען פאַקטיש געטוישט די סדרי היום, טראָצדעם וואָס געווענליך אין דער צייט עסט מען מיטאָג, האָט מען אַצינד אויסגענוצט די קריטישע שעה פאר תפלה ובקשה פון הבל פיהם של תשב"ר. איבעראָל האָבן די תינוקות של בית רבן געזאָגט מזמורי תהלים און מ'האָט געהערט וואַרימע דברי התעוררות פון די מנהלים שליט"א, מיט הייסע תפלות וואָס האָט זיכער מעורר געווען רחמים רבים בשמי מעל.

כי ברבים הי' עמדי!



הושענא ציון המצויינת – רבינו עמוד בתפלה בעדינו:

# הונדערטער קינדערלעך פון "מוסדות קרית יואל" מיט זייערע מלמדים ומנהלים רייסן איין ביים מעמד נורא אויפ'ן ציון הק' פון רביה"ק זי"ע

## אין די זעלבע מאָמענטן ווען די ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט באַהאַנדעלט די גזירה הנוראה

בו בזמן וואָס אין דער גאַנצער וועלט זענען די רבבות אלפי תינוקת של בית רבן געשטאנען און מתפלל געווען, האָבן הונדערטער תשב"ר דאָהי אין קרית יואל וואָס האָבן די זכי' צו לערנען אינעם רבינ'ס הייליגע מוסדות, זיך צונויפגענומען ביים מקום ציון המצויינת פונעם מייסד המוסדות רביה"ק זי"ע, וואו מ'האט געהערט פייערדיגע דרשות פון די מנהלים, און געזאגט פון קאפיטל צ' ביז צום סוף און איינגעריסן לביטול הגזירה.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט געלאָזט רופן די מנהלים און פוקד געווען אַז אין אַזאַ שעת גזירה וואָס באַדראָעט דעם עתיד החינוך בדרך הקודש וואָס רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט, זאָל מען אַרויפגיין צום ציון הק' פון רביה"ק זי"ע וואס האט מייסד געווען די הייליגע מוסדות און אביו כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס האָט ווייטער שומר געווען דעם פקדון במסי"נ, און די תינוקות של בית רבן זאָלן מתפלל זיין לבטל את רוע הגזירה.

### האַרציגע דרשות הכנה לקראת עלי' לציון הק'

דער האַרצרייסנדער 'מעמד רחמים רבים' האָט זיך אָנגעהויבן אום 12:30 מיטאג צייט, ווען די נאָענט צו 600 תלמידים פון כתות ז' ח' ט' זענען אריינגעקומען אין היכל ביהמ"ד ברך משה בבנין הת"ת. דאָרט האָט אויפגעטרעטן מיט דברי פתיחה, דער מנהל רוחני, הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארטץ שליט"א, וועלכער האָט מיט הארציגע דיבורים אַרויסגעברענגט די גורל'דיגע מינוטן וואס מיר שטייען יעצט, און מיר דארפן רייסן הימלען לישועת ה'.

מיט פייערדיגע ווערטער האָט דער מנהל שליט"א גערעדט צו די תינוקות של בית רבן פון רבינ'ס הייליגע שטאָט קרית יואל, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש, דאָ ליגט דער צדיק הדורות וואָס האָט אונז אויפגעבויעט, דער צדיק אמת וואָס האָט בדם ובדמע געראַטעוועט אידישקייט אין אַמעריקע, און מייסד געווען די שטאָט און די מוסדות הקדושים דאָהי אַז מ'זאָל קענען זיך פירן הייליג און ערליך עד סוף כל הדורות.

און דאָ ליידער באַדראָעט אונז אַזאַ שרעקליכע גזירה! מ'וויל, חלילה וחלילה, אַלעס פון אונז אויסרייסן! די רשעי ישראל וועלכע אָרקעסטירן די גזירות רעות ווילן ח"ו עוקר זיין דאָס גאַנצע אידישקייט, דאָס גאַנצע ערליכקייט, דאָס גאַנצע תמימות, דאָס גאַנצע המשכת הדורות! צעשמעטערן אַלעס וואָס דער רבי זי"ע האָט געבויעט, חרוב מאַכן אַלעס וואָס דער צדיק האָט מיט אונז געלערנט און פאַר דעם זיך מקריב געווען ביז זיין לעצטן טאָג, עדי זיבולא בתרייתא!

מען האָט דאַן געהערט פלאַמעדיגע דברי התעוררות והכנה לעלי' לציון הק' דורך המשפיע, הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א, מגיד משרים בקהילתינו הק', וואָס האָט מיט אַ קול געשטיקט פון טרערן דערמאַנט פאר די תלמידים דעם געוואַלדיגן עת רצון אַצינד איידער מען גייט אַרויף צום הייליגן רבי'נס רבינ'ס ציון, איינרייסן פאר די ישועה אז מיר זאלן קענען בלייבן מיט אונזער הייליגער תורה אויף די וועג וואס אונזער טאַטע, דער הייליגער רבי זי"ע האט מיט אונז

### עת לעשות לה' הפרו תורתיך: היכלי הכוללים פון סאַטמאַר אין ניו יארק

אויך אין די היכלי הכוללים פון סאַטמאַר אין ניו יאָרק, וואָס ציילט כהיום ביי העכער 2,000 תלמידי חכמים לומדי תורה בקדושה ובטהרה, און וואו דער קול תורה שטעלט זיך נישט אָפּ קיינמאָל פאַר גאָרנישט אויף דער וועלט, האָט מען – אין אַן אויסעראָרדענטליכער פרעצעדענטלאָזער שריט – בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אָפּגעשטעלט די סדרי הלימוד פאַר אַ קורצע ווײלע, פאַרקלאַפּט דעם שו"ע, און מ'האָט זיך געשטעלט זאָגן תהלים!

אין אַלע פינף סניפי הכוללים אין וויליאַמסבורג מיט די העכער 1,200 יונגעלייט כ"י, אינעם כולל אין בארא פארק מיט די העכער 250 אברכי כ"י, אינעם כולל אין קרית יואל מיט די נאָענט צו 600 לומדים כ"י, אין כולל אין מאָנסי מיט העכער 200 ת"ח כ"י, איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן ספעציעלע מודעות וואו מ'האט קובע געווען בפקודת הקודש א ספעציעלע זמן ווען מ'גייט זאגן די קאַפּיטלעך תהלים, אבינו מלכינו און קבלת עול מלכות שמים צוזאמען, ואני תפילתי לך ה' בעת רצון, בזמן שהציבור מתפללין, אַז ס'זאָל זיך פאַראייניגן אין איין מעכטיגער כח התפלה, במקום רינה שם תהא תפלה!

אין היכל הכולל 'תהלות יואל' אין וויליאַמסבורג האָט מען אַ לענגערע צייט מעורר רחמים געווען אין שפּיץ פון בראשות הגאון הצדיק אבד"ק פאיע שליט"א ראש הכוללים, ווען דער בעל תפלה איז הרה"ג ר' שבתי קארפען שליט"א מראשי הכוללים. אין דעם כולל -סניף גפ"ת האט מען געהערט דברי התעוררות פון דעם ראה"כ הרה"ג רבי חיים מרדכי שטעסל שליט"א, און אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע סניפים פון די סאַטמאַרער כוללים אין וויליאַמסבורג, קרית יואל, מאָנסי, באָראָ פּאַרק, קרית יטב לב, האָט מען פאָרגעזאָגט תהלים בקול בוכים, אַריינשלעפנדיג אַלע לומדים אין אַ קאָכעדיגער ברענענדיגער קול תפלה בתחנונים לפני המקום, שירחם עלינו ועל דורותינו, קרע רוע גזר דיננו.

### קול נהי מציון; תלמידי מוסדות יטב לב דאַווענען פאר אחיהם שבגולה

אויף דער פערזענליכער בקשה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א האָבן אויך די בני ציון היקרים, וועלכע ווערן נתגדל אין די הייליגע מוסדות יטב לב בתוככי ירושלים עיה"ק, זיך אָנגעשלאָסן אין דעם תפלת רבים, צו מעורר רחמים זיין ביי דעם שער השמים פון ירושלים, אַז ס'זאָל נתקיים ווערן דער יברכך ה' מציון, מיט דעם ביטול הגזירות אין ניו יאָרק.

דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג, באַלד נאָך תפלת המנחה, האָבן די הונדערטער לעכטיגע קינדערלעך פון ירושלים עיה"ק זיך צאַמגענומען אין בית המדרש, וואו דער מנהל רוחני, הרה"ג רבי יואל פייערשטיין שליט"א, האָט זיי איבערגעגעבן די האַרציגע בקשה פון רבינו שליט"א מעומק לוח לבו הטהור, ווי מ'האָט עס געהערט ביי די רירנדע דברות קודש בעצם יום הפורים, און דערביי האָט דער מנהל שליט"א מעורר געווען די קינדערלעך צו איינרייסן וועלטן להעביר את רוע הגזירה.

דער חשוב'ער מלמד, הרה"ג ר' מאיר פריש שליט"א האט געדינט אלס שליח ציבור און מ'האט פארגעזאגט די קאפיטלעך תהלים מיט אבינו מלכנו, און "שיר המעלות ממעמקים קראתיך ה'" אויף דעם ימים נוראים'דיגן נוסח, וואָס די קינדערלעך האָבן אויסגעשריגן בקול בכי פסוק ביי פסוק, מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות מריחוק המקום ומקירוב הלב.

### כלל ישראל זעצט פאָר צו מתפלל זיין, און שטייט מיט אַנטשלאָסנקייט!

אין די יעצטיגע טעג טוט כלל ישראל פאָרזעצן צו מתפלל זיין אַ הייסע תפלה "הי" עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל", די העלדישע עסקנים וועלכע זענען זיך מקריב בלוט און לעבן צו שתדל'ען פאר אונזער קיום ועתיד, זיי רייסן איין בחצרות שרים ורוזנים – בשליחות פון גדולי דורינו ומאורי דרכינו – פאר אונזערע עלעמענטאַרע רעכטן צו ערציען אונזערע קינדער כאשר עם לבבינו, זאָלן מצליח זיין, ותטה לב המלכות עלינו לטובה, ותגזור עלינו גזירות טובות.

אידישע קינדער האפן און קוקן אַרויס אַז ס'זאָל שוין זיין "תשועתם היית לנצח ותקוותם בכל דור ודור". דער רבוש"ע זאל צוהערן אונזערע תפלות און אונזערע טרערן, די שלוחים פון כלל ישראל זאלן שוין מצליח זיין צו מבשר זיין אויף די גענצליכע ביטול הגזירה בעז"ה, להפר מחשבות ערומים, און דער רבוש"ע זאל שוין צוצוהערן אונזער נשמה'דיגן געבעט "קרע רוע גזר דיננו", ויבטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות, וכל הרשעה כולה בעשן תכלה, און דאָס וועט מקרב זיין ביאת משיח צדקינו, במהרה דידן, אמן.

**אִם מִזֶּרַ"ע הַיְּהוּדִים לֹא תוּכַל לוֹ! כלל ישראל, אונטער די ערליכע מנהיגי ישראל, פאראייניגט לדורן לתפלה ולמלחמה, מיט מסירת נפש!**

געלערנט, פונקט ווי מרדכי הצדיק האָט צוזאמען גענומען די תינוקות של בית רבן ביי די גזירה פון המן, און אזוי טאַקע גע'פועלט דער ישועה.

ר' לייבוש שליט"א האָט מעורר געווען די לעכטיגע קינדערלעך, אַז שטייענדיג ביים הייליגן ציון לאָמיר שרייען צום הייליגן באַשעפער "הושענא ציון המצויינת"! אין זכות פונעם צדיק השוכן במקום הקדוש הזה, זאָלן מיר אויס'פועל'ן אַז די גזירה הנוראה על בנינו ועל דורותינו זאָל שוין בטל ווערן. מיר זאָגן פאַר'ן רבי'ן אַז מיר ווילן זיך פירן אין דיינע וועגן וואָס דו האָסט אונז מיט בלוט און טרערן געלערנט, און מיר בעטן דיך זאָלסט זיין אַ מליץ יושר אויבן אין הימל אַז מיר זאָלן דאָס קענען מקיים זיין, מיר זאָלן ווייטער זיך פירן בקדושה ובטהרה, ווייטער נתחנך ווערן אין דיינע הייליגע מוסדות, ודברך חיים וקיימים ונאמנים לעד ולעולמי עולמים!

## 'ומה קול הצאן הזה באזני' ביים הייליגן ציון

באַלד נאָך די האַרצרייסנדע דרשות האָבן די הונדערטער תלמידים אַרויפגעשפּאַנט אויף די צענדליגער באָסעס, וואָס האָט געטראָגן צום בית החיים, וואו מען תיכף אַריין לפני ולפנים צום ציון הק'.

דאָרט באותו מקום קדוש, שטייענדיג באימה וביראה ברתת ובזיע ביים מקום הקדוש אשר שם חלקת מחוקק ספון, וואו ס'ליגט באַהאַלטן דער צדיק אמת אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַן אומבאַשרייבליכע מחזה ווען דער בעל תפלה, הר"ר יואל וואלטער שליט"א, מרביץ תורה במוסדותינו הק' האָט פאָרגעזאָגט די קאַפּיטלעך תהלים פון צ' ביז ק"ז, און דערנאָך קאַפּיטל ק"ל, שיר המעלות ממעמעקים, פּסוק בפּסוק, מיט אַזאַ אויסטערלישע התעוררות רב און השתפכות הנפש, ווען הייליגע צאן קדשים, תלמידים כבנים פונעם רבי'ן זי"ע, שפּאַלטן הימלען על חלקת מחוקק ספון.

טראָץ וואָס דער הייליגער געווייקטער מקום קיבול תפלות ביים ציון הקדוש פון הייליגן רבי'ן זי"ע האט שוין איינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל מיליאָנען אידישע טרערן במשך די יאָרן און די וועגט פונעם אהל הקדוש האָבן שוין צוגעזען אַזויפל האַרץ-רייסנדע תפלות ותחנונים, איז אָבער זיכער אַז אַזאַ מעמד נורא איז נאָכנישט געזען געוואָרן! אַ מעמד אין וועלכע דעם רבינ'ס טויזנטער קינדערלעך זענען געקומען זיך בעטן און מתפלל זיין רבינו עמוד בתפלה בעדינו! שטיי אויף און רייס איין ביים כסא הכבוד, באַשיץ דיינע הייליגע מוסדות, אַז די גזירות רעות זאָלן נישט קענען נתקיים ווערן!

## אבינו מלכינו קרע רוע גזר דיננו!

פונעם ציון הק' איז מען צוריקגעפאָרן צום בנין הת"ת, וואו ס'האָט פאָרגעזעצט די אומבאַשרייבליכע התעוררות'דיגע תפלות אין היכל בית המדרש. הר"ר פייש פערלמוטטער שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד מעוטף בטלית, מ'האט געעפענט דעם ארון קודש, און מען האָט געזאָגט ברוב עם די 5 קאפיטלעך תהילים כפקודת הקודש פון רבינו שליט"א מיט הימל שפּאַלטנדע בכיות וזעקות, פאָרגעזעצט מיט אבינו מלכינו, ווען אפילו אַ שטיין קען צעגיין וויאַזוי די הונדערטער לעכטיגע קינדער שלא טעמו טעם חטא וויינען און זענען זיך מתחנן לפני אבינו שבשמים צו מבטל זיין די שווערע גזירה, אַז זיי זאָלן קענען ווייטער לערנען די תורה הקדושה און ווערן נתחנך אויף די הייליגע אויסגעטרעטענע וועגן.

צום שלוס פון דעם הייליגן מעמד האָבן די צאן קדשים אויסגעשריגן די 'פּסוקי יחוד' מיט אַ הייליגן ציטער און מען האָט געדאַוונט אַ התעוררות'דיגער תפלת מנחה אונטער'ן איינדרוק פון די רירנדע מאָמענטן וואָס מ'האָט נאָרוואָס מיטגעלעבט.

אָט די תפלות ביים ציון הקדוש האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די תחנונים לפני המקום פון די אלפי תינוקות של בית רבן פון רבינ'ס הייליגע מוסדות די בכל אתר ואתר, און אַזוי איז עס אַרויפגעגאַנגען אין איין הייליגן קנויל לשמי מרומים וואו עס האָט געוויס חותר חתירה געווען מתחת כסא הכבוד, און אַראָפּגעברענגט רחמים וחסדים, חמול על על עוללינו וטפינו, אַז זוממם בל תפק, שבור זרוע רשע, וגזירה עבידא דבטלי, אמן.

**ויושר ילייץ בעדינו משמי מעלה!**







שָׁמַעְתִּי אֶת תְּפִלָּתְךָ וְאֶת תְּחִנָּתְךָ אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתָּה לְפָנַי בְּבַיִת הַזֶּה

# הימל-שפּאַלטענדע הייסע תפלות פון טויזנטער תלמידי מוסדות סאטמאר ביי פּאַרכטיגן מעמד בקשת רחמים דאנערשטאָג אין בידהמ"ד הגדול ד'סאטמאר

## פלאַקערדיגע דברות קודש נדהי בכי תמרורים פון ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צעטרייסלט די הערצער פון רבבות אלפי תלמידי וחסידי סאַטמאַר מסוף העולם ועד סופו

אי' שוקל ואי' סופר צו קענען שילדערן דעם רירנדן מעמד הנורא תפלת ובקשת התשב"ר, וואָס איז פּאָרגעקומען במקום קודש הקדשים, במקום שהתפללו אבותינו, ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב, וואו אבותינו ורבותינו הק' זי"ע האבן פארגאסן טייכן טרערן על עתיד דורותינו, דער מקום קדוש וואו דער צדיק הדורות ומייסד המוסדות, רבינו הקדוש והטהור זי"ע, האט זיך מתחנן געווען לפני ה' און געלעכערט די קרקע מיט זיינע נחלי דמעות זיך בעטנדיג פּאַר'ן עתיד פון כלל ישראל, אָט דאָרט "אל מקומו שואף וזורח" האט מען זיך צוזאמגענומען די טויזנטער קינדערלעך, תלמידיו של רבי, להתחנן לפני ה' אַז די יגיעה וואס רביה"ק זי"ע האט איינגעפלאנצט זאל נישט גיין לריק ח"ו.

בנוסף צו וואָס מ'האָט אין אלע אפּטיילונגען פון די מוסדות איבעראל צונויפגענומען די תלמידים צו זאָגן תהלים, האָט דער רבי שליט"א באַפוילן אַז די עלטערע קלאַסן פון די מוסדות אין וויליאַמסבורג און פון באָראָ פּאַרק, כתות ז' ח' ט', זאָל מען צונויפברענגען בהיכל הביהמ"ד הגדול און אינאיינעם מתפּלל זיין מיט א כח תפלת הרבים ותפלת התשב"ר.

טראָץ וואָס דער מעמד איז פּאַררופן געוואָרן אין דער בליץ-איילעניש, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן איבער די פּינסטערע פּלענער און כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט אַרויסגעגעבן דעם פּקודת הקודש "לך כנוס את כל התלמידים" מיט בלויז געציילטע שעה פריער, האָט די הנהלת המוסדות אינאיינעם מיט די הנהלת הקהלה תיכף זיך אַריינגעוואָרפן צו קאָאָרדינירן די אַלע לאָגיסטישע דעטאַלן.

די געטרייע הנהלת המוסדות האָט פון איין מינוט אויף דער אַנדערער צוגעשטעלט די באָסעס-פּלאָטע צו טראַנספּאָרטירן די תלמידים פון

# ומה קול הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי

# אם החרש תחרישו בעת הזאת

דברות קודש זעקה גדולה ומרה שנשא

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אצל מעמד אדיר בקשת רחמים ע"י תלמידי מוסדותינו הק'
להתריע ולעורר רחמי שמים להמשך חינוך דורותינו על דרך ישראל סבא

יום ה' פרשת צו, י"ח אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

טייערע קינדער, הייליגע תינוקות של בית רבן, צאן קדשים, מען האלט יעצט דריי טעג נאך די הייליגע ימי הפורים.

עס שטייט אין דער מגילה, אסתר המלכה האט געזאגט פאר מרדכי הצדיק 'לך כנוס את הכל היהודים', מען זאל צוזאמנעמען אלע אידן, און מען זאל מתפלל זיין און איינרייסן, אויף דער גזירה וואס איז געווען בימים ההם, עס שטייט אין מדרש (אסת"ר פ"ט ד') המן הרשע איז געקומען צו מרדכי הצדיק, הלך אצל מרדכי, ער איז געגאנגען צו מרדכי'ן און ער האט געטראפן מרדכי'ן, יושב בבית המדרש, ווי ער זיצט אין בית המדרש, והתינוקות יושבין לפניו, און די קינדער זיצן פאר מרדכי הצדיק און לערנען, והיו צועקין ובוכין, און זיי האבן געשריגן און געוויינט, המן הרשע האט זיי געזאגט, די ביטערע גזירה פון להשמיד להרוג ולאבד.

האבן אלע אויסגעשריגן אין א געוויין, עד שעלתה שועתם למרום, און זייער געוויין איז ארויפגעקומען אין הימל, ושמע הקב"ה קול בכייתם, און דער בורא כל העולמים האט געהערט דעם געוויין. שטייט אין מדרש, באותה שעה נתגלגלו רחמיו של הקב"ה, דעמאלט ווען די קינדער האבן געוויינט, האט דער בורא כל העולמים רחמנות געהאט אויף די אידישע קינדער, ועמד מכסא דין, וישב בכסא רחמים, ער איז אראפגעגאנגען פון כסא דין און איז ארויפגעגאנגען אויף כסא רחמים, און ער האט געפרעגט, מה קול גדול הזה שאני שומע כגדיים וטלאים, וואס זענען די קולות וואס איך הער, האט משה רבינו געזאגט פאר'ן בורא כל העולמים, רבונו של עולם, דאס זענען נישט קיין גדיים וטלאים, אלא קטני עמך, דאס זענען די קליינע קינדער פון דיין פאלק.

דעמאלט האט דער אייבערשטער גענומען און צעריסן דעם גזר דין וואס איז געווען חתום בחותם, און ער האט מבטל געווען די גזירה, און עס איז ארויסגעקומען די גרויסע ישועה פאר'ן כלל ישראל.

מען זעהט פון דעם ווי גרויס און חשוב עס איזביים בורא כל העולמים, דער געשריי און געוויין פון אידישע קינדער. וואס מען קען דורכדעם מבטל זיין אלע גזירות רעות.

מען האט פריער געזאגט דעם קאפיטל אין תהלים וואס דוד המלך זאגט אין תהלים 'מפי עוללים ויונקים יסדת עוז' - מפי עוללים ויונקים, פון דעם מויל פון די יונגע קינדער, האט דער אייבערשטער אוועקגעשטעלט א שטארקייט, למען צורריך קעגן די אלע שונאי ה', להשבית אויב ומתנקם, כדי צו קענען פארלענדן די פיינט וועלכע זוכן חלילה עוקר צו זיין די הייליגע תורה הקדושה, און די אמת'ע אמונה טהורה.

די גמרא זאגט (שבת קי"ט ע"ב) אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תינוקות של בית רבן. די גאנצע וועלט שטייט נאר אין דעם כח פון הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, אין זכות פון די קליינע קינדער וועלכע לערנען תורה.

**מיר שטייען דא אין א מקום קדוש, אין דעם הייליגן מקום, וואו**

אַלע בנינים צום ביהמ״ד הגדול, אַזוי אויך זענען געקומען צופאָרן די ילדי המוסדות הק׳ פון באָראָ פּאַרק. די משמשי הביהמ״ד הגדול האָבן געעפנט אַלע זייטיגע שטיבלעך, אַרונטערגענומען די ״בית שני״ ווענט, אַרויסגענומען דעם באַלעמער פון אינמיטן ביהמ״ד, אַריינגעברענגט נאָך בענק, און איינגערישט דעם גאַנצן היכל פון איין ברעג ביז דער אַנדערערער צו אַקאָמאָדירן די אלפי תינוקות של בית רבן וואָס קומען זיך אויסבעטן – און בעטן פאַר אונז אַלע, פאַר גאַנץ כלל ישראל – להעביר את רוע הגזירה.

## מזמורי תהלים בקול בכי וזעקה

געעפנט דעם מעמד האט הרה״ג רבי יואל שוואַרץ שליט״א, מלמד מומחה במוסדותינו הק׳, וועלכער האָט ערקלערט פאר די לעכטיגע תשב״ר די מורא׳דיגע באַדייט פון דעם גרויסן מעמד, און אַז אין דער זעלבער צייט וואָס טויזנטער קינדער פילן אַצינד איבער דעם ביהמ״ד הגדול, זענען אויך פאַרזאַמלט טויזנטער קינדער אין אַלע סאַטמאַרער מוסדות אין שטאָט און איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי אויך די רבבות בנות ישראל אין די בתי חינוך לבנות, און די טויזנטער אברכי הכוללים. ווען באַזונדער ווערט דער מעמד מיטגעהאַלטן לעבעדיג אויפ׳ן טעלעפאָן דורך טויזנטער עלטערן, אידישע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באַבעס, וועלכע זענען פאַראייניגט צו שפּאַלטן די שערי שמים ולבטל את רוע הגזירה.

דאַן איז מען צוגעטרעטן צום אָנהויב פון דעם מעמד בקשת רחמים רבים ווען אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט, און דער בעל תפלה מעוטף בטליתו, הרה״ג רבי יעקב אלימלך שפּיטצער שליט״א, האָט אויפגעטרעטן מיט קורצע האַרציגע ווערטער צו מעורר זיין די הערצער און דערנאָך פאָרגעזאָגט די באַשטימטע קאַפּיטלעך תהלים, וואָס האָט אָפּגעהילכט מיט אַזאַ ברען, און מיט אַזאַ קול אדיר וחזק, אַז ס׳האָט בלי ספק דורכגעלעכערט טויען און מויערן בשמי מרומים.

דמעות של התרגשות האָבן זיך געגאָסן ביי די אידן וואָס זענען אָנוועזנד געווען. מ׳האָט זיך געווישט די טרערן צו הערן ווי די ריינע לויטערע תשב״ר בעטן זיך ״קויתי ה׳ קותה נפשי ולדברו הוחלתי״! וואָס בעטן זיך דען די קליינע קינדערלעך? זיי האָפן צום הייליגן באַשעפער, זיי בעטן, נפשי לה׳, אַז זיי ווילן קענען ווייטער לערנען תורה אומגעשטערט, אומגעטוישט, ולדברו הוחלתי!

## ואת קולו שמענו מתוך האש; דברות קודש בבכיות עצומות

עס האָט אַלעמען געכאַפּט אַ טרייסל ווען באַלד נאָכ׳ן פאַרענדיגן די קאַפּיטלעך תהלים בהתעוררות עצום, איז דער גרויסער רעיא מהימנא, דער מנהיג העדה ומגן חינוך הטהור, כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, אַרויפגעגאנגען צום ארון הקודש, און מיט אַ קול חנוק מדמעות, באַגלייט מיט טייכן טרערן, אָנגעהויבן זאָגן מעומק לבו הטהור: ״טייערע קינדערלעך, הייליגע צאן קדשים״! דערמאַנענדיג דעם גרויסן זכות פון רבינו הק׳ זי״ע וואָס האָט אויף דעם מקום קדוש געפּראַוועט זיין הייליגע עבודה, כמלאך מיכאל משרת, און אַזויפיל טייכן טרערן פאַרגאָסן אַז אונזערע קינדער זאָלן זיך קענען האַלטן בקדושה ובטהרה, מיט דער אמת׳דיגער מסורת האבות.

ווען עס פליסן טייכן טרערן מעיניו הטהורות האָט דער רבי זיך פערזענליך געוואָנדן צו די לעכטיגע תינוקות של בית רבן זאָגנדיג בלש״ק: ״יעדער איינער ווייסט, אז דער כלל ישראל שטייט אין א מורא׳דיגע עת צרה, עס זענען ליידער דא רשעים, וועלכע ווילן חלילה גוזר זיין גזירות רעות כדי אויסצורייסן דעם חינוך הטהור חלילה, מען זאל נישט קענען מחנך זיין אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון דעם הייליגן רבי׳ן זי״ע.

״טייערע קינדער! אין הימל ווארט מען אויף אייערע תפילות, אויף אייערע טרערן, פון תינוקות של בית רבן, הבל פיהם שאין בהם חטא, אם החרש תחרישי בעת הזאת! חלילה אז מען וועט נישט יעצט אויסנוצן די צייט איינצורייסן ביים בורא כל העולמים, ווער ווייסט וואס וועט זיין מיט אונזערע דורות, מיט די קומענדיגע צאן קדשים.״

מיט אַ שטורמישע געוויין האָט דער רבי דערמאַנט דאָס לשון פון דעם מדרש אַז די גזירה פון המן הרשע איז נתבטל געוואָרן בלויז נאָכדעם וואָס מרדכי הצדיק האָט צאַמגענומען די קליינע קינדער וואָס האָבן אַזוי געשריגן ביז דער רבוש״ע האָט געהערט זייער געוויין. באותה שעה נתגלגלו רחמיו של הקב״ה און ער האָט צעריסן די גזירה.

דער רבי האָט מיט אַ געשטיקטע שטימע דערמאַנט אַז מיר האָבן שוין נישט ווער ס׳זאָל מתפלל זיין פאַר אונז, נאר די הייליגע תינוקות של בית רבן, זאָגנדיג בלש״ק: ״אויב אלע אינגלעך און אלע מיידלעך, וועלן

**דער הייליגער רבי זי״ע האט דא אזויפיל טייכן טרערן פארגאסן, מיט זיינע הייליגע תפילות, מיט זיינע הייליגע דרשות, ער האט איינגעריסן ביים בורא כל העולמים, מיר זאלן קענען האבן די זכיה, אז אונזערע קינדער זאלן זיך קענען האלטן בקדושה ובטהרה, מיט דער אמת׳דיגער מסורת האבות.**

**יעדער איינער ווייסט, אז דער כלל ישראל שטייט אין א מורא׳דיגע עת צרה, עס זענען ליידער דא רשעים, וועלכע ווילן חלילה גוזר זיין גזירות רעות כדי אויסצורייסן דעם חינוך הטהור חלילה, מען זאל נישט קענען מחנך זיין אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון דעם הייליגן רבי׳ן זי״ע.**

**טייערע קינדער! אין הימל ווארט מען אויף אייערע תפילות, אויף אייערע טרערן, פון תינוקות של בית רבן, הבל פיהם שאין בהם חטא, אם החרש תחרישי בעת הזאת, חלילה אז מען וועט נישט יעצט אויסנוצן די צייט איינצורייסן ביים בורא כל העולמים, ווער ווייסט וואס וועט זיין מיט אונזערע דורות, מיט די קומענדיגע צאן קדשים.**

**אין מדרש (אסת״ר פ״ז י״ג) שטייט, ווען עס איז געווען די גזירה פון אחשורוש, איז אליהו הנביא געגאנגען דערציילן פאר משה רבינו די גרויסע צרה פון כלל ישראל. האט משה רבינו געזאגט פאר אליהו הנביא, איז דא איין צדיק אויף דער וועלט וועלכער קען מתפלל זיין, און אויב ער וועט מתפלל זיין אויף דער וועלט, וועט ער משה רבינו, אינאיינעם מיט די אבות הקדושים מתפלל זיין פאר׳ן כסא הכבוד אויבן למעלה.**

**ווען מיר טראכטן אריין אין היינטיגע צייטן, ווער קען מתפלל זיין, נאר די תינוקות של בית רבן, אויב אלע אינגלעך און אלע מיידלעך, וועלן אמת׳דיג שרייען צום מלך מלכי המלכים ״טאטע אין הימל מיר ווילן בלייבן ערליכע אידישע קינדער, מיר ווילן גיין ווייטער אויף דעם זעלבן וועג, מען זאל חלילה נישט טוישן דעם חינוך וואס מיר האבן מקבל געווען פון דעם הייליגן רבי׳ן זי״ע, מיר ווילן זיך אויפפירן בקדושה ובטהרה, מיט צניעות און ערליכקייט.״ דאן וועט אוודאי און אוודאי דער רבי למעלה בגנזי מרומים, מיט אלע הייליגע אבות מיטדאווענען מיט אונז, און מעורר רחמים זיין ביים כסא הכבוד, און בעטן, אבינו מלכנו, חמול עלינו, ועל עוללינו וטפנו.**

**איר זאלט וויסן, איר זענט די שלוחים פון דעם כלל ישראל, די שלוחים פון אייערע טאטעס, די שלוחים פון אייערע מאמעס, צו מתפלל זיין, אז עס זאל נתבטל ווערן די אלע גזירות רעות, און חס ושלום חלילה, מען זאל נישט קענען משנה זיין גארנישט פון אונזער הייליגער מסורה.**

**מען גייט עפענען דעם ארון הקודש, וואו עס ליגט די הייליגע תורה, און מען גייט איינרייסן צום באשעפער פאר דער תורה הקדושה, אז די תורה הקדושה זאל קענען האבן א קיום, און מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין און לערנען די הייליגע תורה, מיט דער זעלבער קדושה, און מיט דער זעלבער טהרה. זאת התורה לא תהא מוחלפת.**

**אבער טייערע קינדער, יעצט איז די צייט, אז יעדער איינער זאל זיך פארנעמען פאר זיך אליינס, א קבלה טובה, עפעס א גוטע קבלה, אז ער וועט בלייבן אפגעהיטן און הייליג, זיך אפהיטן די אויגן, און זיך אפהיטן צו נעמען אין דער האנט אריין טמא׳נע כלים, ער וועט זיך אפהיטן פון נעמען אין דער האנט א כלי פון מוזיק, וואס האט נישט קיין ״כלי מוכשר״.**

**די בחורים און די אינגלעך זאלן זיך פארנעמען צו מוסיף זיין בלימוד התורה בקדושה, די מיידלעך זאלן זיך פארנעמען צו גיין בדרך הצניעות, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, עס זאל זיין אל תטוש תורת אמך.**

**מען זעהט ווי דער שטן מיט די כוחות הטומאה פארלייגן זיך מיט אזא מין שטארקייט צו צעברעכן דעם גרויסן כח הקדושה פון חינוך הבנים והבנות, נישט נאר דא נאר אין דער גאנצער וועלט זעהט מען אז עס איז דא א גרויסע התגברות פון די כחות הטומאה אויף דעם ענין, ווי אזוי מען זאל מחנך זיין אידישע קינדער.**

עס שטייט אין מדרש איכה (איכ״ר פ״א ל״ג) בוא וראה, קום און זעה כמה חביבין תינוקות לפני הקדוש ברוך הוא, ווי שטארק עס איז באליבט פאר׳ן אייבערשטן די עבודה פון די קליינע קינדער. ווייל בשעת׳ן חורבן בית המקדש, גלתה סנהדרין, ווען די סנהדרין איז געגאנגען אין גלות, ולא גלתה שכינה עמהם, איז די שכינה נישט מיטגעגאנגען, גלתה משמרות, עס זענען אוועקגעגאנגען די משמרות פון די כהנים ולא גלתה שכינה עמהם, אבער כיון שגלו תינוקות של בית רבן, ווען די תינוקות של בית רבן זענען געגאנגען אין גלות פון ירושלים, דאן איז די שכינה הקדושה מיטגעגאנגען, אזוי ווי עס שטייט אין איכה ׳עולליה הלכו שבי לפני צר, מיד ויצא מבת ציון כל הדרה׳.

די שכינה הקדושה איז נישט געגאנגען אין גלות, ווילאנג עס איז געבליבן די עבודה פון תינוקות של בית רבן, ווייל כל זמן עס זענען געווען תינוקות של בית רבן, איז געווען השראת השכינה. און אוודאי און אוודאי איז דאס זעלבע יעצט, מיר האפן אז מיר שטייען שוין ביים סוף בעיקבתא דמשיחא, ביים סוף פון דעם ביטערן גלות. פונקט אזוי ווי בשעת חורבן בית המקדש, ווי לאנג עס זענען געווען תינוקות של בית רבן, איז געווען השראת השכינה. דאס זעלבע כדי עס זאל קענען צוריקקומען די השראת השכינה, און מען זאל קענען זוכה זיין צו דער גרויסער התגלות, וואס אידן וועלן זוכה זיין אז דער בית המקדש זאל צוריק אויפגעבויעט ווערן, דארף זיין די השראת השכינה, וואס איז דא ביי תינוקות של בית רבן, און דעריבער פארלייגט זיך דער שטן מיט א שטארקייט, ווייל ער ווייסט אז דארטן ליגט דער כח און די השראת השכינה פון די תינוקות של בית רבן, וואס אין דעם זכות וועט ווערן אויפגעבויעט דער בית המקדש, און צוליב דעם פארלייגט זיך דער שטן צו צעברעכן דעם הייליגן און ריינעם חינוך פון אונזערע קינדער.

מיר זענען מתפלל צום בורא כל העולמים, ער זאל עפענען די שערי רחמים, און אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן אין הימל, אלע גזירות זאלן נתבטל ווערן, אין זכות פון אונזער הייליגן רבי׳ן, וואס ער איז אונזער טאטע, ווען ער האט געזאגט ונהיה צאצאינו וצאצאי צאצאינו, האט ער אונז געמיינט, אונזערע קינדער.

ער האט מייסד געווען די הייליגע מוסדות, און ער האט אזויפיל טייכן טרערן פארגאסן, פאר קדושת ישראל, פאר אמונת ישראל, זאל ער ווייטער איינרייסן פאר אונז רחמי שמים, מיר זאלן האבן די זכיה צו קענען ווייטער ממשיך זיין, זיין הייליגער מסורה, מחנך צו זיין ערליכע אידישע קינדער און ערליכע אידישע דורות אויף דעם זעלבן וועג וואס ער האט אונז געלערנט.

מיר זאלן זוכה זיין בזכות וואס מיר וועלן זיך מוסר נפש זיין אויף טהרת הקודש פון דעם חינוך, ווען מיר אלע זוכה זיין צו קענען האבן די השראת השכינה און אויפבויען דעם בית המקדש, בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו, אמן.

אמת'דיג שרייען צום מלך מלכי המלכים "טאַטע אין הימל מיר ווילן בלייבן ערליכע אידישע קינדער, מיר ווילן גיין ווייטער אויף דעם זעלבן וועג, מען זאל חלילה נישט טוישן דעם חינוך וואס מיר האבן מקבל געווען פון דעם הייליגן רבי'ן זי"ע, מיר ווילן זיך אויפפירן בקדושה ובטהרה, מיט צניעות און ערליכקייט." דאן וועט אוודאי און אוודאי דער רבי למעלה בגנזי מרומים, מיט אלע הייליגע אבות מיטדאַווענען מיט אונז, און מעורר רחמים זיין ביים כסא הכבוד, און בעטן, אבינו מלכנו, חמול עלינו, ועל עוללינו וטפנו."

ס'האט געריסן דאָס האַרץ ווען דער רבי שליט"א האָט אויסגעשריגן פאר די טויזנטער לעכטיגע קינדערלעך בלש"ק: "איר זאלט וויסן, איר זענט די שלוחים פון דעם כלל ישראל, די שלוחים פון אייערע טאטעס, די שלוחים פון אייערע מאמעס, צו מתפלל זיין, אז עס זאל נתבטל ווערן די אַלע גזירות רעות, און חס ושלום חלילה, מען זאָל נישט קענען משנה זיין גארנישט פון אונזער הייליגער מסורה.

"מען גייט עפענען דעם ארון הקודש, וואו עס ליגט די הייליגע תורה, און מען גייט איינרייסן צום באשעפער פאר דער תורה הקדושה, אז די תורה הקדושה זאל קענען האָבן א קיום, און מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין און לערנען די הייליגע תורה, מיט דער זעלבער קדושה, און מיט דער זעלבער טהרה. זאת התורה לא תהא מוחלפת."

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט אויך דערביי אויסגעניצט די געלעגנהייט מעורר צו זיין די הערצער פון די יונגע קינדער שיחי', אַז יעצט איז די צייט זיך צו מקבל זיין קבלות טובות, אז מ'זאָל זיך אָפּהיטן די אויגן און נישט צורירן צו אומאויסגעהאַלטענע כלים נאר מוסיף זיין בלימוד התורה ויראת שמים.

דאַן האָט דער רבי פאַרענדיגט מיט האַרציגע ווּאונטשן אַז די שערי רחמים זאלן געעפנט אין זכות פון אונזער הייליגער רבי, וואָס ער איז געווען אונזער טאַטע, ווען ער האָט געזאָגט 'ונהיה צאצאינו וצאצאי צאצאינו' האָט ער אונז געמיינט, ער האט מייסד געווען די הייליגע מוסדות, און ער האט אזויפיל טייכן טרערן פארגאסן, פאר קדושת ישראל, פאר אמונת ישראל, זאָל ער ווייטער איינרייסן פאר אונז רחמי שמים, מיר זאלן האבן די זכיה צו קענען ווייטער ממשיך זיין, זיין הייליגער מסורה, מחנך צו זיין ערליכע אידישע קינדער און ערליכע אידישע דורות אויף דעם זעלבן וועג וואס ער האט אונז געלערנט.

## קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים: האַרץ-רייסנדע 'אבינו מלכינו' געבעטן

די טרערן זענען געפלאָסן אומאפשטעלבאר ווען נאָך די שטורמישע דברות קודש איז הגה"צ אבד"ק גרינוויל שליט"א צוגעטרעטן אויפ'ן ארון הקודש און אָנגעהויבן פאָרזאָגן 'אבינו מלכינו' פסקא בפסקא, בשעת די ווענט פון ביהמ"ד הגדול טרייסלען פון דעם 'קול הצאן', די האַרציגע שטימעס פון טויזנטער קינדער וועלכע גיסן זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן לעבעדיגן באַשעפער אַז ס'זאָל שוין נתבטל ווערן אַלע גזירות רעות מעלינו. נאָכגעפאָלגט מיט פסוקי 'עול מלכות שמים' בקול אדיר וחזק.

באַזונדער איז געווען רירנד צו מיטהאַלטן ווי אידן וואָס האָבן זיך געפינען אין בנין הביהמ"ד זענען אַריינגעקומען אין היכל הגדול און מיטגעשעפּשעט אינאיינעם מיט די קינדערלעך, פאָרמירנדיג אַזאַ געוואַלדיגער כח תפלת הרבים. ס'נישט מעגליך צו באַשרייבן דעם התעוררות און די טייכן טרערן וואָס איז פארגאסן געווארן אין יענע מאָמענטן אויף דעם מקום קדוש דורך די טויזענטער תשב"ר וואס האבן געבעטן רחמים ותחנונים עליהם ועל כל בית ישראל.

די הימלען האָבן געוויס מיטגעוויינט ווען די אלפי תינוקות של בית רבן האָבן מיט זייערע ריינע קעלעכלעך און מיט טרערן אין זייערע אויגן אויסגעשריגן דעם 'יהי רצון' נאָך תהלים, פאָרגעזאָגט דורך הרה"ג רבי משה פרידמאן שליט"א, לאַנגיעריגער מנהל רוחני ומוותיקי תלמידי רביה"ק זי"ע, איבערהויפּט ווען מען האָט אויסגעשריגן דעם "ותבטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות ותטה לב המלכות עלינו לטובה", ווען דאָס גאַנצע בית המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קנויל פון דמעות שליש פון התעוררות און עס שפּירט זיך אין די הערצער ווי מ'שטייט יום הקדוש ביי נעילה, מיט ריינע אויסגעלייטערטע הערצער, והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים ותפלת התשב"ר.

## אגודים בצרה לשפוך תחנה; רבבות זקנים עם נערים האַלטן מיט תפלת רבים

דער הייליגער מעמד איז לעבעדיג מיטגעהאַלטן געוואָרן בשעת מעשה דורך טויזנטער אידן בכל רחבי תבל, אַדאַנק די ספּעציעלע נומערן וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן מטעם די מוסדות הק'. אַזוי אויך אין אַלע סאַטמאַרער ישיבות קטנות און בתי חינוך לבנות איבער גרעיטאָר ניו יאָרק האָבן די טויזנטער בנות ישראל מיטגעהאַלטן די האַרצרייסנדע דברות קודש און אינאיינעם מיטגעזאָגט די קאַפּיטלעך תהלים מיט אבינו מלכינו, באַגלייט מיט אויסטערלישע רגשי התעוררות ותחנונים רבים.

הדבר יצא מפּי המלך. דער אָפּקלאַנג פון די אויפטרייסלענדע דברות קודש נהי בכי תמרורים איז ווירקליך געגאַנגען מסוף העולם ועד קצהו. אומעטום איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס די געשפּרעך פון טאָג, און איז איבערגעהערט געוואָרן דורך רבבות אלפי ישראל אומעטום וועלכע זענען פון פריש נתעורר געוואָרן לתשובה צו מתפּלל זיין באמת לביטול הגזירה.

אידן זענען אויפגעציטערט געוואָרן זעענדיג אַז דאָס איז נישט קיין 'קינדער שפּיל' הערנדיג די דברים היוצאים מעומק לב טהור פון דעם מנהיג ישראל וואָס טראָגט דעם גרויסן לאַסט פון דעם חינוך הטהור בעט זיך כבן המתחטא בתפלה ובתחנונים לה' להעביר את מחשבת המן, מ'זאָל זוכה זיין צו נסים ונפלאות, אַז דער כח הקדושה זאָל מנצח זיין! אַז מ'זאָל קענען מגדל זיין אונזערע קינדער אויפ'ן דרך המסורה לנו בלי שום שינוי!

ס'האָט יעדער וואָס האָט זוכה געווען אָנוועזנד צו זיין בהאי מעמד נורא געהאַט די הרגשה אַז דער צדיק בשמי מרומא עלאה כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע האָט מיטגעוויינט און מתפּלל געווען ביים כסא הכבוד אינאיינעם מיט זיינע ליכטיגע קינדערלעך, בנים חביבים הקרויים בנים, וואָס ווערן נתחנך על ברכיו אין זיינע מוסדות הק' וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מסירת נפש אויפגעבויעט, און די הייליגע תפלות וועלן נישט צוריקקומען ריקם, נאָר ס'וועט ברענגען אַ ישועה פאַר גאַנץ כלל ישראל להעביר את רוע הגזירה, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה!

**לכו וחזרו על בתי כנסיות ובתי מדרשות שלהם, אם מצאתם שם תינוקות מצפצפין בקולם אין אתם יכולים להם, שכך הבטיחן אביהם "הקול קול יעקב וגו' כל זמן שקולו של יעקב מצפצף אין הידים ידי עשו!**





קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL
5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699


בס"ד

# זמני התפלה לשבת קודש
## בבית המדרש הגדול
**בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

## שב"ק שמיני - החודש הבעל"ט

## מנחה וקבלת שבת
## חצי שעה אחר זמן הדלה"נ

## שחרית
## 9:30 ברכות - 9:45 הודו

## מנחה ורעוא דרעוין
## חצי שעה אחר זמן הדלה"נ

באסעס נאך שלש סעודות וועלן פארן פון שער אינזליכט
צו שכונת ברך משה, ויואל משה, עצי תמרים

שבת שלום ומבורך
**הנהלת הקהלה**

בס"ד

הגורל הזה שתי פעמים!

# יעדן טאָג 2 גורלות

ספעציעל ווערדפולע גורלות יעדן דינסטאג

אָנגעהויבן פון מיטוואך שמיני ביז ערב פסח

פאר אלע עלטערן וואָס צאָלן אויס
שכר לימוד ביז צו אַ

## זערא באַלאַנס

אָדער באַצאָלט יעצט $3,500
אויף אייער חשבון

אויב מ'האט באצאלט פון פאראנגענע
אלול רעגיסטראציע ביז יעצט

צאלט היינט
און געווינט
יעדן טאָג!
גייט אַריין
אין אַלע
26 גורלות!

ס'איז ווערדפול... ס'איז נוצבאַר... ס'איז פונקט בעתו ובזמנו...

## פאַרפאַסט נישט קיין איין טאָג!

רופט היינט די שכ"ל אפיס:

845.782.8800 #321

יעדן טאָג 2 גורלות

ביומו תתן שכרו

ד' שמיני כ"ד אדר
$500 sockprints
Sockprints | Brand Presentation
$500 Robo Vacume

ה' שמיני כ"ה אדר
$500 מצות
סאטמאר מצות
$500 טיכלעך
ESLA SILKS

א' תזריע כ"ו אדר
$500 פלייש
סאטמאר פלייש קרית יואל
$500
MEN'S CORNER

ב' תזריע כ"ח אדר
$500 פיש
REBFISHEL
SEA-TO-TABLE FRESH
$500 קעש קארד

ג' תזריע כ"ט אדר
הערליכע טשענדעליער
HELLO LIGHTING
GB קלאודינג פעקעדזש
$1000 ווערד

ד' תזריע ב' ניסן
$500
Major Appliances & Electronics
SHOWROOM & STORE
845.774.2433
$500
PRINCESS BOUTIQUE

ה' תזריע ' ניסן
$500 גראסערי
$500 טיכלעך און פארמס
skärvz

א' מצורע ו' ניסן
$500 קעש קארד
הערליכע מלכות פסח סעט
MALCHUS

ב' מצורע ז' ניסן
$500
kinder corner
$500
blu shu

ג' מצורע ח' ניסן
$1,200
LIVIO furniture
$3,000
מיללער שטריימל

ד' מצורע ט' ניסן
$500
lil' featherz
$300 שמש שטיבל
ביהמ"ד הגדול

ה' מצורע י' ניסן
$500 אפיקומן
FUNTAZZ
$500 נשר

א' אחרי א' י"ג ניסן
$1,000 זשוועלערי
LA VEER'S Jewels
$1,000 זילבער
CROWN STERLING

צוגאב
טעגליכע גורל
$100
דעלי ביי סאטמאר פלייש

# ביומו תתן שכרו

# מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הק' זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# שליחי כלל ישראל העלדיש פאַרטיידיגט דעם ערליכן חינוך אין ניו יאָרק ביים גורל'דיגער אַפּעלאַט געריכט הירינג פאַרלאָפּענעם דאָנערשטאָג

**פערל"ס אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו צו די ריכטער:**

**"די סטעיט אין די אָנקלאַגע זוכט קאָנטראָל... צווינגען צו שליסן שולעס... איינצוימען די איסוואַלן וואָס עלטערן קענען מאַכן... עלטערן האָבן געהאַט די בעלות פאַר וויניגסטענס הונדערט יאָר, זינט די סופרים קאָורט האָט געזאָגט אַז דאָס זענען זייער מערסט-יסודות'דיגע רעכטן"**

**סטעיט הויפט טענה: שולעס קענען נישט קלאָגן ווילאַנג מ'האַלט זיי נישט ביים שליסן**

## כלל ישראל איז ממשיך מתפלל צו זיין פאַר אַ גונסטיגן אורטייל למען עתיד צאצאינו

אָלבאַני - פאָריגע וואָך דאָנערשטאָג פרשת צו העעל"ט, האָט אַ פּאַנעל פון פינף ריכטער פון די ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט דיוויזיע, דריטע דעפּאַרטמענט, אָפּגעהאַלטן אַ הירינג וואו דער פערל"ס אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו און זיין גרופּע האָבן העלדיש פאַרטיידיגט דעם ערליכן חינוך, דורך קעמפן אָנצוהאַלטן דעם פסק וואָס פערל"ס האָט ב"ה געווינען פאַריאָר אין די נידריגערע געריכט, צו בלאָקירן די סטעיט פון קענען שליסן ישיבות וואס קומען נישט נאָך זייערע פאָרשריפטן.

במשך די הירינג פון אַרום אַ האַלבע שעה - וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די אָלבאַני יוניווערזיטעט, וואו דער געריכט גייט אַריבער איין מאָל אַ יאָר צו געבן אַ געלעגנהייט פאַר סטודענטן מיטצוהאַלטן אַ קעיס - האָבן די ריכטער געהערט די אַרגומענטן פונעם סטעיט לאָיער, און ר' אבי'ס אַנטוואָרט, שטעלנדיג פאַרשידענע פראַגעס צוביידע אַדוואָקאַטן.

בעת ר' אבי איז געשטאַנען פאָרנט פון די שופטים, איז ער באַגלייט געוואָרן מיט אַ ריזן צאָל תפילות פון אידישע קינדער, ובפרט די תינוקות של בית רבן, וועלכע האבן איינגעריסן אז די געטרייע שליחי כלל ישראל וואס פארטרעטן רוב רובם פון די מוסדות התורה אין ניו יארק, זאלן מצליח צו זיין צו באַשיצן דעם ריינעם חינוך כפי המסורה לנו מרבותינו הק' נ"ע. ר' אַבי האָט אַראָפּגעלייגט גאָר שטאַרקע אַרגומענטן צו פאַרטיידיגן דער אורטייל פון ריכטערין ריבאַ, אַז די סטעיט האָט נישט קיין בעלות אויף פריוואַטע שולעס.

זייענדיג אויסגעקאָכט אין די נושא, האָבנדיג באַגלייט אַלע אַספּעקטן פון די קעיס און פונעם קאַמף פאַר'ן ערליכן חינוך שוין פאַר כמעט ניין יאָר, האָט ר' אבי באַאיינדרוקט די ריכטער ווען ער האָט דורכאויס זיינע אַרגומענטן אָנגעצייגט וואו גענוי ער האָט באַרירט די פּונקטן אינעם רעקאָרד פון די קעיס, וואָס האָט שוין ביז איצט אָנגעזאַמעלט איבער 3,000 בלעטער. אַזוי אַרום, אַנשטאָט זיין באַגרעניצט צו רעדן בלויז צען מינוט, האָט ער למעשה באַקומען אַרום 16 מינוט אַרויסצוברענגען זיינע טענות. כמעט דאָפּעלט פונעם סטעיט אַדוואָקאַט.





עס זענען געווען עטליכע פּאָזיטיווע אָנדייטונגען במשך די הירינג לטובת דעם ערליכן מסורה'דיגן חינוך, ווי ווען די פירנדע ריכטערין האָט געפרעגט אַ פאַרוואונדערטע ר' אבי צי די סטעיט האָט שוין טאַקע למעשה געזאָגט אַז אַ מוסד קומט נישט נאָך די פאָרשריפטן צוליב קליינע אורזאַכן.

"איז דאָס אַ היכי תמצא, מר. שיק, אָדער דו זאָגסט אַז דאָס איז אונזער רעקאָרד?" (אַז דער פאַל האָט עכט פּאַסירט און עס איז אַ טייל פון די קעיס רעקאָרד) האָט געפרעגט די פירענדע ריכטערין, עליזאַבעט גערי.

"עס איז אין אייער רעקאָרד, יור האַנאָר," האָט ר' אבי געענטפערט. ער האָט אָנגעוויזן גענוי וואו אין די רעקאָרד די קעיס איז געשילדערט. עס האָט אויסגעקוקט ווי דאָס האָט איר געגעבן אַ שאָקל אַז מ'רעדט שוין פון אַ מציאות דאָ פון ערנסטע שטראָפן אויף שולעס ווי אַ געריכט דאַרף אינטערווענירן.

דאָך איז זייער שווער פאָראויסצוזאָגן ווי אַזוי די קעיס וועט אַנטשידן ווערן. כלל ישראל ווערט גערופן ווייטער מתפלל צו זיין פאַר'ן רבונו של עולם, עד שתחנינו ויוציא לאור דיננו.

### דער אורטייל וואָס ווערט איצט אַפּעלירט

פאָלגענד איז אַ שנעלער איבערבליק וואָס עס איז די טעמע פונעם איצטיגן אַפּיעל:

ווי מ'געדענקט, האָט די באָורד אָוו רידזשענטס באַשטעטיגט





דער באַגאַבטער פערל"ס אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו און ר' יוסף גרינוואלד הי"ו פערל"ס דירעקטאָר און פאָרזיצער פאָרענט פונעם אָלבאַני יוניווערזיטעט וואו עס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן דער גורל'דיגער הירינג

נייע רעגולאַציעס אויף פּריוואַטע שולעס און מוסדות התורה. די נייע רעגולאַציעס לויטען אַז פּריוואַטע שולעס מוזן ווערן באַשטעטיגט יעדע זיבן יאָר אַז זיי קומען נאָך די סטעיט געזעץ פון סאָבסטענשעל עקוויוועלענט, דורך אינספּעקציעס צי זיי לערנען אַלע פאַרלאַנגטע לימודים, ווי אַזוי און וויפיל, און די באַאַמטע דאַרפן אָבזערווירן קלאַסן צי זיי זענען צופרידן פון די לעקציעס, און אויך דאַרפן זיי זען ווי אַזוי דער מוסד נעמט אויף טיטשערס א.ד.ג. די רעגולאַציעס האָבן אויך צוגעשטעלט אַ צאָל אויסנאַמען - באַוויסט אַלס פּעטוועיס - פון שולעס וואָס דאַרפן נישט דורכגיין די איבערזיכט, אויב זיי פאַלן אַריין אין ספּעציפישע קאַטעגאָריעס, ווי אַז זיי נעמען געוויסע טעסטס און נאָך.

אויב די באַאַמטע באַשליסן אַז אַ שולע קומט נישט נאָך דעם סאָבסטענשעל עקוויוועלענט געזעץ, און די סטעיט באַשליסט אַז זיי קומען נישט נאָך קיין איינע פון די פּעטוועיס, ווערן זיי באַצייכנט אַלס נישט-סאָבסטענשעל עקוויוועלענט. די סטעיט גיט דאַן אַ געלעגנהייט אויסצושטעלן אַ פּלאַן צו אַדרעסירן די אידענטיפיצירטע פעלערן.

אויב די אישוס ווערן נישט אַדרעסירט, דאַן - האָבן די רעגולאַציעס געלויטעט - דאַרף אַרויסגעשיקט ווערן בריוון צו אַלע עלטערן אַז זיי מוזן אַרויסנעמען די קינדער פון דאָרט ביז 60 טעג. אויב די עלטערן נעמען נישט אַרויס די קינדער, שטייען זיי אויס טורמע און געלט שטראָפן, לויט די עדיוקעישאָן געזעצן. ווי אויך איז דאָ אַ געפאַר אַז זיי קענען אויסשטיין פּראָבלעמען פאַר טשיילד נעגלעקט ח"ו, וואָס קען פירן צו גאָר שווערע צרות. דער געזעץ איז אַריין אין קראַפט פארגאנגענעם צום גדלי' תשפ"ג.

בלויז עטליכע טעג דערויף, אום ערב סוכות תשפ"ג, האָט פּערל"ס אַריינגעגעבן אַן אָנקלאַגע אין געריכט דערקעגן. אַלס די קלעגער זענען אויסגערעכנט געוואָרן פּערל"ס (וואס פארטרעט רוב היימישע מוסדות החינוך אין ניו יארק), תורה ומסורה, אגודת ישראל, און פינף פון די עלטסטע ישיבות אין ניו יאָרק: ישיבת ר' חיים בערלין, תורה ודעת, תפארת ירושלים, רב יעקב יוסף (RJJ), און ישיבת חתן סופר.

די קעיס איז פאַרטרעטן געוואָרן דורכ'ן געטרייען אַדוואָקאַט פון פּערל"ס, ר' אבי שיק, וואָס די הויפּט אַרגומענט איז געווען אַז די סטעיט שטעלט אַרויף אַ נייעם רעזשים אויף פּריוואַטע שולעס. אַנשטאָט וואָס ביז היינט האָבן זיי געלאָזט שולעס זעלבסשטענדיג, און די עדיוקעישאָן געזעץ האָט בלויז געגילט אויף עלטערן, ווילן זיי איצט דירעקט אָנהייבן צו קאָנטראָלירן ישיבות און שולעס.

פאַראַיאָר, ערב ראש חודש ניסן תשפ"ג, האָט ריכטערין קריסטינאַ ריבאַ אַרויסגעטראָגן איר אורטייל, און אָנגענומען ב"ה א טייל פון די פּערל"ס טענות אַז די סטעיט האָט נישט קיין אויטאָריטעט אויף ישיבות און פּריוואַטע שולעס. דעריבער, האָט זי ארויסגעשטראכן פון די רעגולעישאנס דער טייל וואס האט געזאגט אז אויב א סקול איז נישט סאָבסטענשעל עקוויוועלענט ווערט עס אויס סקול און עלטערן מוזן ארויסנעמען די קינדער פון דארט, און אויב נישט דראעט זיי געלט שטראפן און טורמע.

לכל היותר - האָט ריכטערין ריבא געאורטיילט - קען די סטעיט פאַרלאַנגען פון עלטערן צו ווייזן וואו די קינדער באַקומען די נויטיגע עדיוקעישאָן, וואָס קען צוגעשטעלט ווערן פון עטליכע פּלעצער קאָמבאנירט, אַריינגערעכנט פון זייער היים אָדער דורך אַנדערע אופנים. ממילא, אפילו אויב א ישיבה קומט נישט נאך די געזעץ, קען מען דארט ווייטער שיקן. ווייל עס קען זיין אז עלטערן זאלן צולערנען אינדערהיים די איבריגע סאָבדזשעקטס.

ריכטערין ריבאַ האָט באַזירט איר אורטייל אויף צוויי פונדאַמענטאַלע ערקלערונגען:

איינס, דאָס הייסן אַרויסנעמען קינדער פון אַ שולע, באַדייט אַז די סטעיט שליסט די שולע. דאָס איז אַ שטראָף אויף די שולע, וואָס די סטעיט האָט נישט די אויטאָריטעט דערצו צו קנס'ען אַ שולע.

צוויי, דער געזעץ פאַרלאנגט נישט אַז קינדער זאָלן באַקומען זייער פאַרלאַנגטע עדיוקעישאָן פון איין פּלאַץ אָדער דורך איין מעטאָד. ממילא, קענען עלטערן אויספירן זייערע געזעצליכע פליכטן מיטן צושטעלן טייל פון די עדיוקעישאָן דורך אַ שולע, און די איבריגע דורך צולערנען מיט די קינדער (האָום-סקולינג).

אויף רוב פון די איבריגע טענות האָט ריכטערין ריבאַ נישט געאורטיילט, זאָגנדיג אַז זיי זענען נאָכנישט נוגע, און מ'קען צוריקקומען שפּעטער ווען עס שטעלט זיך אַרויס אַז די סטעיט פאַרלעצט די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטן קעגן דיסקרימינאַציע א.ד.ג.

דער אורטייל האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די כח פון דער סטעיט צו פאָרסירן די גזירה. עס האָט אוועקגענומען דעם כח פון די סטעיט צו שיקן בריוון פאַר עלטערן און זיי זאָפאָרט צו דראָען מיט קרימינאַלע שטראָפן אויב זיי נעמען נישט אַרויס די קינדער פון א מוסד וואָס קומט נישט נאָך זייערע פאָדערונגען. דאָס האָט געברענגט אַ שטאַרקע פאַרלייכטערונג ביי די מוסדות התורה און דעם גאַנצן ציבור צו קענען בעז"ה באַקעמפן די גזירה פון אַ פיל שטערקערע און פעסטערע פּאָזיציע, און נישט אַזוי ציטערן אויב מ'וועט עווענטועל באַצייכנט ווערן אַלס נישט-סאָבסטענשעל עקוויוועלענט.

## די סטעיט אַרגומענטן ביי די הירינג

דעם פאַרלאָפענעם חודש חשון האָט די סטעיט אַפּעלירט דעם אורטייל. אין די פאַרלאָפענע מאָנאַטן האָבן סיי די סטעיט און סיי פּערל"ס אַריינגעגעבן פּאַפּירן פאַרוואָס יאָ אָדער נישט צו לאָזן אין קראַפט ריכטערין ריבאַ'ס פסק. ווי אויך זענען אַריינגעגעבן געוואָרן עטליכע אַמיקוס בריעפס דורך מוסדות התורה און נאָך. אצינד ביי די הירינג פארגאנגענע וואָך האָט אַ פּאַנעל פון פינף ריכטער אויסגעהערט אַרגומענטן פוןביידע זייטן.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער סטעיט לאיער, וועלכער האט פּרובירט צו טענה'ן אז די סטעיט'ס באשליסן אויב א סקול איז נישט גוט מיינט נישט אז מ'שליסט די סקול, ווייל מ'קען דארט ווייטער לערנען אנדערע זאַכן. דער סטעיט אַדוואָקאַט, ביעזלי קירנען, האט געוואלט זאגן אז די פראגע צי עס איז א סקול אָדער נישט, איז נאָר נוגע לגבי פאנדינג.

אויף וואָס איינער פון די ריכטער האָט אים איבערגעהאַקט: "שטייען דען עלטערן נישט אויס אַנדערע קאָנסקווענצן פאַר פּאָטענציעל שיקן די קינדער אין די שולע?"

דער ריכטער האָט אים עטליכע מאָל איבערגעפרעגט די פראַגע, אויף וואָס ער האָט מודה געווען אַז עלטערן וועלן אויטאָמאַטיש אויסשטיין שטראָפן אויב זיי נעמען נישט אַרויס די קינדער פון די סקול.

דער סטעיט אַדוואָקאַט האָט אויך גע'טענה'ט אַז די סטעיט האָט אַ רעכט צו באַשליסן אַז קינדער מוזן באַקומען זייער געזעצליכע עדיוקעישאָן דוקא פון איין פּלאַץ, אַ פּובליק אָדער פּריוואַטע שולע, אָדער האָומסקולינג. עלטערן קענען נישט קאָמבינירן עטליכע מעטאָדן צו געבן זייערע קינדער אַן עדיוקעישאָן (אויסער אויב זיי דעזיגנירן אַ שולע אַלס זייער שליח צו טאָן האָומסקולינג, אָבער דאַן איז עס נישט באַטראכט אַלס סקול, און עס האט אויך פאַרשידענע נאָך שווערע רעגולאַציעס).

## פּערל"ס אַרגומענטן

דער הילכיגסטער - און עטוואָס לייכט-מוטיגער - מאָמענט אין געריכט זאַל איז געווען ווען בעפאָר ר' אַבי שיק האָט גענומען דאָס וואָרט האָט די ריכטערין געהייסן טוישן די מייקראָפאָן, וויבאַלד ביז דאַן איז עס נישט געווען אַזוי קלאָר, און די סטודענטן האָבן עס אַפּלאָדירט.

ר' אַבי האָט אָנגעהויבן מיט אָנווייזן אַז 125 יאָר איז די ניו יאָרק קאָמפּולסאָרי עדיוקעישאָן געזעץ

---

די סטעיט'ס לעצטער שאָס:

# דער 2018 פעלדער געזעץ האט זיי געגעבן די אויטאָריטעט פאַר גזירת החינוך

ביים סאַמע שלוס פון די אַרגומענטן איז געווען אַ טרויעריגער מאָמענט ווען דער סטעיט לאָיער האָט מיט פּאַטאָס באַטאָנט אַז ס'איז קלאָר אַז דער סטעיט קאָמישאָנער האָט יאָ די אויטאָריטעט צו באַשליסן אויב סקולס קומען נאָך דעם געזעץ, וויבאַלד אין 2018 האט די סטעיט דורכגעפירט די פעלדער אמענדמענט וואס האט דירעקטירט די קאמישאנער אפצושאצן נישט-פובליק סקולס, די גאנצע קוריקולום און די רעגולעישאנס און אימפּלעמענטירן דעם געזעץ. דער לאָיער האָט צוגעלייגט אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס די סטעיט האָט דורכגעפירט די רעגולאַציעס.

פאלגענד איז אן אויסצוג פון די שלוס סטעיטמענט פון די סטעיט'ס לאיער:

"און איך וויל ענדיגן מיט אָנמערקן אַז עס איז אומאָפּלייקנבאַר אַז דער קאָמישאָנער האָט די אויטאָריטעט צו מאַכן סאָבסטענשעל עקוויוועלענסי באַשלוסן. אין 2018, האָט די לעגיסלאַטור דורכגעפירט די פעלדער אַמענדמענט, וועלכע האָט דירעקטירט דעם קאָמישאָנער צו שאַצן געוויסע פּריוואַטע שולעס, דורך נעמען אין חשבון דעם גאַנצן קוריקולום דורכאויס די קלאַסן און באַשליסן אויב די שולעס זענען סאָבסטענשעל עקוויוועלענט. די רעגולאַציעס דאָ זענען דורכצופירן דעם געזעץ," האָט ער געזאָגט.

די סטעיט נוצט ליידער כסדר איבער די טענה, אַז אָט יענער געזעץ - דורכגעפירט קעגן די וואָרענונגען פון די פּערל"ס ערפאַרענע לעגאַלער שטאַב, רבנים און עסקנים, וועלכע האבן זיך דעמאָלט געבעטן אַז דאָס קען חלילה ברענגען גאָר ביטערע פאָלגן מיט אַ געפאַר פאַר'ן עתיד החינוך - האָט זיי געגעבן דעם מעסער אין די הענט אַריינצושטעכן אינעם ערליכן חינוך ח"ו, היל"ת.

דאָס געזעץ איז דעמאָלט שטאַרק געשטופּט געוואָרן דורך מאַנכע מיט זייטיגע חשבונות, און ווי עס שיילט זיך ארויס איינמאָל און נאָכאַמאָל איז דאס ביז היינט דער צענטראַלער מאָטיוו וואָס טראָגט אַ הויפּט שולד אין דעם ביטערן גזירה אויפ'ן חינוך, געבנדיג די אויטאָריזאַציע פאַר די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט צו קענען פּרובירן אַריינצודרינגען אין ישיבות ה"י.

געווען בלויז אויף עלטערן. "דאָס איז פאַרוואָס ביז עטליכע יאָר צוריק האָט די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט'ס אייגן פּובליצירטע גיידענס געלויטעט אַז די לאָקאַלע סקול אויטאָריטעט 'האט נישט קיין דירעקטע בעלות אויף פּריוואַטע שולעס.'"

ווען די ריכטער האָבן אויפגעברענגט אַז די סטעיט זאָגט אַז די קעיס איז אַרום פאָנדינג, האָט מר. שיק אָנגעוויזן: "יור האַנאָר... מיר האָפן אַז דער געריכט וועט קוקן אויפ'ן רעקאָרד. פאַקטיש איז סטעיט הילף קיינמאָל נישט אויפגעקומען אין זייערע פּאַפּירן... ריכטערין ריבאַ האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט דערוועגן. דאָס איז בכלל נישט די אישו..."

"וואָס די סטעיט, אין די אָנקלאַגע, איז באַזאָרגט איז וועגן איר קאָנטראָל. זיי זאָגן נישט קיין וואָרט וועגן עדיוקעישאָן. זיי זאָגן אַז זיי דאַרפן צו קענען למעשה - זענען זיי מודה - צווינגען די שליסונג פון אַ סקול. מיר (די סטעיט) דאַרפן באַגרעניצן די אויסוואַלן פון עלטערן וואָס זיי ווילן מאַכן. דו קענסט נישט קאָמבינירן דעם חינוך פון עטליכע ערטער... עלטערן האָבן געהאַט די בעלות פאַר וויניגסטענס הונדערט יאָר, זינט די סופרים קאָורט האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט אַז דאָס איז דאָס מערסטע יסודות'דיגע רעכט...," האָט ר' אבי געזאָגט.

## די סטענדינג פראַגע

פון אָנהייב אָן, האָט די סטעיט פּרובירט אַז די קעיס זאָל אַרויסגעוואָרפן ווערן ווייל די קלעגער - פּערל"ס און די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און די פינף אויסגערעכנטע ישיבות - האָבן נישט קיין סטענדינג.

אַזוי ווייט, אַז איין טאָג בעפאָר די הירינג פאָרנט פון ריכטערין ריבאַ, האָט די סטעיט געשיקט אַ בריוו פאַר ישיבת חתן סופר, וועלכע האָט פריער באַקומען אַ בריוו אַז זיי זענען נישט סאָבסטענשעל עקוויוועלענט, און זיי האָבן איבערגעקערט דעם באַשלוס, זאָגנדיג אַז זיי קומען יאָ נאָך דעם געזעץ. צומאָרגנס, האָבן זיי געזאָגט פאַר'ן געריכט אַז קיין איינע פון די ישיבה-קלעגער קענען נישט טענה'ן אַז זיי זענען באַקריוודעט פונעם געזעץ.

איצט, ביי די אַפּעלאַט סעסיע, האָט קענטיג דאָס מערסטע אינטערעסירט די ריכטער די סטענדיג פראַגע, צי פּערל"ס האָט געקענט קלאָגן קעגן דעם געזעץ, וויבאלד די סטעיט האָט דאָך נאכנישט געשלאסן קיין ישיבות, און וויבאלד קיין איינער פון די קלעגער קען נאכנישט ווייזן קיין קאנסקוועווענצן. די סטעיט האט בעיקר געדרוקט אז דער פאַקט איז אז מ'האט נאכנישט געשלאסן קיין ישיבות, דעריבער האָט פּערל"ס נישט געקענט קלאגן קעגן דאָס געזעץ, ממילא האט ריכטערין ריבא נישט געהאט קיין רעכט אנצונעמען זייער טענה קעגן צושפארן סקולס און איר פסק דאַרף איבערגעקערט ווערן.

די פירנדע ריכטערין האָט ווי געצויגן פונעם סטעיט לאָיער צו אַדרעסירן די פראַגע.

"גייסטו רעדן פון סטענדינג? גיסטו אויף דעם אַרגומענט?" האָט ריכטערין גערי געפרעגט.

"מיר געבן עס נישט אויף. אַדאַנק פאַר'ן מיר דערמאַנען, יור האַנאָר," האָט דער סטעיט לאָיער, קירנען, געענטפערט.

ער האָט אָנגעוויזן אַז פון די פינף סקולס וואָס זענען אויסגערעכנט אין די קלאַגעס, האָבן פיר סקולס 'רידזשענטס', וואס שליסט זיי ארויס פון די אינספּעקציעס. "די פינפטע סקול קען זיין אויסגעשטעלט צו צייטנווייזע איבערזיכטן (אינספּעקציעס, באַוויסט אַלס פּעטוועי 7)," האָט ער אָנגעוויזן.

אגב האָט ער דאָ אָנגעוויזן, "איך בין אינפאָרמירט אַז ראַביי יעקב יוסף'ס סקול איז אינטערעסירט אין נאָכגיין אַן אַנדערע פּעטוועי, די אַסעסמענט פּעטוועי, וועלכע וואָלט עס געגעבן די רעכט צו ווערן באַטראַכט אַלס סאָבסטענשעל עקוויוועלנט." דער סטעיט לאָיער האָט דאָס געזאָגט בלויז אַלס אַ זאַך וואָס זיי באַטראַכטן, און אויך בלויז אַז ער האָט אַזוי געהערט, וואָס איז זייער אַ שוואַכע טענה אין געריכט, און עס קוקט בכלל נישט אויס אַז ער האָט דאָס באַשטעטיגט (ווי עס קוקט אויס פון זיין זאָגן אַז ער איז "אינפאָרמירט", האָט אַ דרויסנדיגער קוואַל אים עס אינפאָרמירט, יאָפּע"ד אָדער די אַנדערע קעמפער קעגן דעם חינוך... ווען דאָס וואָלט געווען זיין אייגענער אַרגומענט, וואָלט ער געוויס עס געקענט זייער לייכט באַשטעטיגן ביי די SED).

דאָ האָט ער געענדיגט די טענה, אַז "אין סיי וועלכן פאַל, איז קיינער פון די קלעגער אָרגאַניזאַציעס נישט געקומען קלאָר צופרידנצושטעלן זייער לאַסט צו ווייזן אַז זיי האָבן סטענדינג אַלס אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן נישט געוויזן אַז סיי וועלכע פון זייערע מיטגלידער האָבן אפילו די ווייטע ריזיקע פון ווערן געשלאָסן."

"איז די שליסונג פון אַ שולע די איינציגסטע וועג ווי אַזוי קלעגער קענען באַקומען סטענדינג?" האָט אַ ריכטער געפרעגט.

לאָיער קיערנען: "איך מיין אַזוי, יור האַנאָר."

ער האָט שפּעטער צוגעלייגט אַז ביז אַ שולע באַקומט נישט קיין פסק אַז זיי זענען נישט סאָבסטענשעל עקוויוועלענט, קענען זיי נישט קלאָגן.

אין זיין אַנטוואָרט, האָט ר' אבי שיק אָנגעוויזן אויף אַ 'סטיוועגנס קעיס' וואו די גאַנצע ניו יאָרק סטעיט אַפּיעלס קאָורט האָט געהאלטן אַז אַן אגענטור קען נישט אויסמיידן קיין געריכטליכע פארמעסט קעגן אַ נייע געזעץ צוליב די טענה פון נישט האבן סטענדינג.

באזונדער האָט ר' אבי אָנגעוויזן פאַר'ן געריכט אַז למעשה האָט דער געזעץ שוין יאָ אַפעקטירט ישיבות וועלכע ווערן דירעקט פאַרטרעטן דורך פּערל"ס: א צאל ישיבות האבן שוין באקומען דער באשלוס פון די סטעיט אז זיי קומען נישט נאך דעם געזעץ. איין ישיבה האט די סטעיט געזאגט אז זיי האבן טאקע גוטע ענגליש, מאטעמאטיק, און סייענס. נאר ווייל זיי האבן נישט קיין רעקארד ווי אזוי זיי נעמען אויף טיטשערס, און ס'איז אונז נישט געפאָלן איין קלענערע סייענס קלאס, זענען זיי נישט סאָבסטענשעל עקוויוועלענט! די סטעיט האַלט אַז "עס איז אַלעס אָדער גארנישט," האָט ער געזאָגט.

"איז דאָס (דער עפּיזאָד פון שליסן די ישיבה) הייפּאטעטיש אדער, מר. שיק, אדער זאָגסטו אַז דאָס איז טאַקע אין אונזער רעקאָרד?" האָט די ריכטערין געפרעגט.

אויף וואָס ר' אבי שיק האָט געענטפערט אַז דאָס איז קלאָר דאָקומענטירט אין דער רעקאָרד, אַז די רעגירונג האָט זיך שוין פאַקטיש אַריינגעמישט אין מוסדות התורה.

ר' אבי האָט אויך אָנגעוויזן אז מ'דארף נישט ווארטן אז א סקול זאל פאקטיש ווערן געשלאסן. די מעגליכקייט אז עלטערן וועלן אויסשטיין שטראפן אויב די סקול ווערט געשלאסן, באדייט שוין אויך אן אימפעקט אויף די סקולס, ווייל עלטערן וועלן מורא האָבן דאָרט צו שיקן די קינדער.

די ריכטערין האָט דאַן געפרעגט: איין לעצטע זאך, די סאבדזשעקט פון סטענדינג איז שפעקולירטע שאדן, וויבאלד די רעגולאציעס לייגן אריין א גאנצע קאלעבארירנדע איבערזיכט פראצעדור.

ר' אבי האָט דאַן געענטפערט אַז די סטעיט האט שוין ארויסגעלייגט איבער א דאזען 'פרעלימינערי באַשליסן' קעגן די ישיבות. א סקול קען נישט אנגיין אויב עלטערן וואונדערן זיך אויב זיי וועלן אויסשטיין קרימינאלע שטראפן צוליב שיקן קינדער אהין. קיינער וועט נישט איינשרייבן די קינדער אויב זיי האבן מורא זיי וועלן עווענטועלע אויסשטיין שטראפן.

ר' אבי האָט אויך אָנגעוויזן אַז די נידריגערע געריכט האָבן שוין אריינגעקוקט אין די פאַקט און האָט באַשלאָסן אַז פּערל"ס און די איבריגע קלעגער האָבן יאָ סטענדינג. (ס'איז דא א כלל אין אפיעלס קעיסעס אז אויף א מחלוקה ארום מציאות, וועט די אפיעלס קאורט זיך געווענליך פארלאזן אויפ'ן נידריגערן געריכט. דעריבער האָט ער ערוועגט אַז ריכטערין ריבא האט שוין שטודירט דעם מציאות צי פּערל"ס פארטרעט סקולס).

באַזונדער האָט ער אָנגעצייגט אַז די סטעיט זעלבסט האָט אַנערקענט אז פערל"ס פאַרטרעט יא ישיבות. און אַזוי אויך איז דער פאַקט אַז פערל"ס איז קאפירט אויף די בריוון וואו די סיטי שרייבט אז ישיבות זענען נישט סאָבסטענשעל עקוויוועלענט, דאָס איז א הוכחה אז זיי פארטרעטן די ישיבות און דעריבער שיקט די סיטי די בריוון צו זיי, און די אלע בריוון זענען אריינגעגעבן געווארן פאר'ן געריכט.

*

כלל ישראל ווערט גערופן ווייטער מתפלל צו זיין אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ פּאָזיטיווער אורטייל, אַראָפּצונעמען די סכנה פון די ביטערע גזירה אויפ'ן חינוך פון אונזערע קינדערלעך.

**אבינו מלכינו עשה למען תינוקות של בית רבן!**





בס"ד

# תודה וברכה

בעמדינו אחרי המגבית ומסיבה נהדרה

## בונים מאַנטשעסטער

למען מפעל הכביר **התאחדות אברכים** דקהל יטב לב סאטמאר **מאנטשעסטער יצ"ו**
תחת דגלו ונשיאתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אשר עלה והצליח ב"ה למעלה מן המשוער בתוככי
**אנשי שלומינו אחינו בשרינו בעיר קרית יואל**

עלינו לחרוט בעט ברזל לאות ולמזכרת, שבחם ופעלם הטוב,
של הני אנשים מכובדים, אשר עסקו ופעלו בכל כחם ונפשם למען הצלחת המגבית

הני עסקנים הדגולים אשר עמדו בראש ובעריכת
**מו"ה ר' נפתלי אלימלך ווייס** הי"ו
**מו"ה ר' משה יצחק לעבערעכט** הי"ו
בראשי תודה וברכה מיוחדת להרבני הנכבד היקר והנעלה
**הה"ח ר' משה פריעדמאן** שליט"א - משב"ק

מילין אין בפינו להרבני הנכבד
**מו"ה ר' יוסף פינחס סטרולאוויטש** הי"ו
ובניו וחתניו החשובים הי"ו
אשר ביתו פתוח לרווחה הי' **אכסניא למען החזקת התורה**
וגם עשו ועסקו בלי ליאות קרם עסקני מפעלינו למען הצלחת המסיבה

וגם לרבות עושים ומעשים להגדיל תורה ולהאדירה
מו"ה **יואל ווייס** הי"ו מנהל התאחדות אברכים וויליאמסבורג • מו"ה ר' **יעקב יצחק וויינבערגער** הי"ו
שעומדים למען הצלחתינו להרבות פעלים לתורה ויראה

## ברכה מיוחדת קדם

הגה"צ רבי **יואל טייטלבוים** שליט"א
בן כ"ק מרן רבינו שליט"א

הגה"צ רבי **משה חיים לאבין** שליט"א
רב דביהמ"ד בית כהנא קרית יואל

**אשר עושים ומעשים לימינינו כל השנים להרבות תורה ויראה בקרב קהלתינו מאנטשעסטער**
**ועוד ידם נטוי בעז"ה להרבות פעלים להעמיד יסודות איתנים למען מפעלינו**

תודה וברכה לבני שעמדו באחריות נפלאה ברוב משרתם בס"ד למען המודעות והפרסומים
מו"ה **יואל אהרן לעפקאוויטש** הי"ו
YALCO
מו"ה **שלמה קליין** הי"ו

ואחרון חביב להודות ולהלל ידידינו
הה"ח **שמואל טייטלבוים** שליט"א
מו"ה ר' **בנציון שלמה פאלאק** הי"ו
שנטלו על שכמם באחריות גדולה בעצה ותושי' למען הצלחתינו

וברכת התורה קדם אבינו רוענו מנהיג עדתינו
**כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**
עינו ולבו שם כל הימים למען פריחת קהלתינו הקדושה
ולהגדיל תורה ולהאדירה בתוך מפעלינו התאחדות אברכים

## ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת!

לכל הנדיבים אשר נדבה רוחם ונפשם לטובת מפעלינו במשך המגבית

חיים ווייס
ראה"ק

יחיאל מיכל הלוי שנעק
ראש המגבית

נחום דאנציגער
גזבר

התאחדות אברכים
דרבינו יואל מסאטמאר
מאנטשעסטער יצ"ו

# "קופת הקהלה" גרייט זיך צו מאַסיווע פאַרגרעסערטע 'פסח חלוקה'

## אויפ'ן פערזענליכן פאַרלאַנג פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

עלעגאַנטע מסיבה נכבדה אין שפּיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א אָפּגעראָכטן דורך געטרייע ראשי הקהלה הר"ר לוי יצחק שווארץ הי"ו ושותפו הר"ר יוסף יוזפא לאנדא הי"ו

העפּטיגע מגבית בתוככי אנ"ש אין יעצטיגע טעג אָנצושליסן יעדן פאַר די אייגענע קרובים און ידידים

▪ ציבור באַגרייפט: ▪
דער 'מוז' צו העכערן די חלוקה היי-יאָר!

▪ ציבור פאַרשטייט: ▪
נאָר דורך נדבת אנ"ש קען מען דאָס אויספירן בעז"ה!

קרית יואל. - אינערהאַלב די קאָרידאָרן פון די הנהלת "קופת הקהילה", טוט זיך העפּטיגע צוגרייטונגען אין די יעצטיגע טעג, צו קענען בעז"ה דורכפירן די יערליכע חלוקה בעפאָר יו"ט פסח, ווען דאָס יאָר וועט עס דורכגעפירט ווערן אויף אַ געהעכערטע פאַרנעם, אויפ'ן פערזענליכן פאַרלאַנג פון הגה"צ דער רב שליט"א. וואָס נאָכ'ן איבערגיין די ליסטעס און דער שווערער מצב אין אידישע שטיבער, האָט ער אויפגעפאָדערט צו פילפאַכיג העכערן די ביז-יעצטיגע סכומים, כדי צו ריכטיג אַרויסהעלפן הונדערטער שטיבער פון אנשי שלומינו מיט די שווערע יו"ט הוצאות, וואָס איז ווי אַלעס, דראַמאַטיש געהויבן געוואָרן אין די לעצטערע צייטן.

### די קופה פאַרטיילט קעש געלטער! צו פאַרלייכטערן משפחות אנ"ש

די יו"ט חלוקה דורך די קופּת הקהלה, ווערט דורכגעפירט מיט די גרעסטע מאָס דרך כבוד, און איז דאָ מיט'ן איינעם ציל: להחיות נפש אנ"ש! פשוט צו העלפן מיט די גרעסערע הוצאות וואָס קומען צו בעפאָר יו"ט. וואָס ליידער, נאָכדערצו אין אַזאַ מצב ווי היי-יאָר, זענען הונדערטער שטיבער אָנגעוויזן אויף דעם שטופּ, צו קריגן 'קעש געלטער' אין די האַנט, צו קענען אַריינברענגען די יו"ט מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת.

אויב האט מען אמאל געדארפט אָפּשיקן א שאכטל מיט יום טוב'דיגע פּראָדוקטן צו אַ משפחה אינדערהיים, קענען מיטעלע-פארדינער היינט געניסן פון א געביגלטע טשעק וואס זיי ערהאלטן עטליכע וואכן בעפאר יום טוב, און קענען טון דערמיט צו קענען צורישן דעם יו"ט. דער מקבל איז נישט אראפּגעבינדן צו בלויז 'אייער' מיט 'קאַרטאָפל' וואס איז אראפּגעשטעלט געווארן פארנט פון זיין טיר, נאָר קען גיין איינקויפן אויף יום טוב ווי א גביר, בדרך כבוד, אָן זיך דארפן פלאָגן מיט די אומאַנגענעמליכקייטן וואס זענען פארבינדן מיט די חלוקות.

ווערטער זענען איבריג ארויסצוברענגען די געוואלדיגע פעולות פונעם קופה, וועלכע האט צום ערשטן מאל אויפגעברענגט די געדאַנק און נחיצות פון ארויסהעלפן די מיטל-קלאס פארדינער וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף, און קענען נוצן אַפּאָר דאלאר אויף יום טוב. אין דעם איז אריינגערעכנט פארשידענע סארט פאַרדינער; זאָל עס זיין אנ"ש מיט קינדער-געבענטשטע פאמיליעס, וואס האבן נישט קיין געהעריגע דעקונג, אָדער האָבן יאָ אויף אַ גאַנץ יאָר, אָבער צום יו"ט האָבן זיי נישט; צי אזעלכע וואס גייען אריבער שוועריקייטן ווי האבן א נישט געזונט קינד אין שטוב פאר קיינעם געוואונטשן, אָדער אַנדערע שוועריגקייטן; צי איינזאמע מענטשן, ווי אלמנות א.ד.ג.

### העכערע תמיכה פאר העכערע ליסטעס

עס איז נישט קיין סוד אז זינט די אינפלאַציע און שווערע עקאָנאָמישע ווינטן האבן אנגעהויבן בוזשעווען און דראָען אויף די מיטעלע פארדינער אויך, האבן זיך די ליסטעס וואָס דאַרפן צוקומען צו הילף ליידער געהויבן. אויף די פלייצעס פון די הנהלת קופּת הקהילה, קומט צו נאך פילע משפחות וואס 'מוזן' באַקומען די טשעקס צו קענען געניסן אַ רואיגן גרינגען יום טוב.

אבער כמעשהו בשבע שנות השבע, גענוי ווי אין די פריערדיגע יאָרן, זאָגט קיינמאָל נישט די קופּת הקהילה אַ 'ניין'. נאָר אדרבה! ס'איז אַרויסגעלייגט געוואָרן אַ מודעה, אַז ווער ס'ווייסט פון ווער אימער ס'נויטיגט זיך אין די טשעקס, זאָל דאָס מודיע זיין ווי שנעלער, כדי צו קענען אָנגרייטן גענוג פאר יעדן וואָס נויטיגט זיך דערין, כל דצריך ייתי ויפסח!

## מאַסיוון קאַמפּיין אין פּולסטן שוואונג!

ליידער האבן זיך די ליסטעס געהויבן מיט ערנסטע ציפערן, אבער אין די זעלבע צייט טוען די גבאי והנהלת הקופה נישט רוען! בעז"ה לאָזט מען זיך אַרויס אין אַ מאַסיוון מגבית אדירה בתוככי אנשי שלומינו בעיר המלוכה קרית יואל, צו אויפטרייבן אין די קומענדיגע טעג, די נויטיגע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן, צו דעקן די בודזשעט וואָס איז פילפאַכיג פאַרגרעסערט געוואָרן היי-יאָר!

די צייט איז קורץ, פסח איז שוין אָט דאָ.

די טשעקס מוזן דערגרייכן צו די שטיבער מיט גענוג צייט בעפאָר יו"ט, צו קענען געניסן דערפון בעוד מועד! איז אַלזאָ דער מגבית שוין אַריין אין פולסטן קראַפט, ווען די גבאי ועסקני הקופה קומען אָן צו נדיבים בעם, זיי אָנצושליסן מיט גרעסערע סכומים פאר אונזערע אייגענע אנ"ש, אונזערער קרובים, אונזערע פריינט, אונזערע מתפללים. אַזוי אויך פּרובירט מען אָנצוקומען צו יעדן יחיד ויחיד, אַז מ'זאָל צושטייער געבן סיי-וועלכן באַדייטנדן סכום, ווייל ס'איז קלאָר אַז נאָר דורך יעדנ'ס השתתפות, וועט מען בעז"ה קענען גרייכן די פולקאָמע בודזשעט צו פאַרטיילן די קעש געלטער פאר אנ"ש וואָס דאַרפן צוקומען דערצו!

## ס'איז דאָך אונז פאַר אונז! אַ וואונדער די אומגעהויערע אָנשליס?!

עס איז קיין וואונדער, און קיין התפעלות, צוזעענדיג דער געוואַלדיגער וואַרימקייט וואָס הערשט בתוככי לבב אנשי שלומינו! מי כעמך ישראל! אנ"ש תושבי העיר לאזן זיך קאסטן שווערע געלטער, מ'באַגיסט די געטרייע הנהלת הקופה, נדיבים טוען ביישטייערן סכומים הגונים. מ'לויפט זיי נאָך ווייל מ'וויל האָבן אַ חלק אין דעם אַזוי-נחיצות'דיגער חלוקה, מ'וויל אַז מ'זאָל קענען אָנקומען צו די צילן, אַז ח"ו קיינער זאָל נישט אַרויספאַלן פון די ליסטע!

ס'איז אויך נישט קיין וואונדער, אַז אפילו ביי די שוואַכערע פארדינער זעט זיך אָן דער אַמביציע צו געבן כאָטש אַ קלענערע סכום, אַ באַדייטנדע נדבה, כדי ארויסצוהעלפן די קריטישע מיסיע פון די קופּה, וואס באַווייזט אריינצוברענגען א שמחת יום טוב ביי פילצאליגע משפחות ב"ה.

ווייל מ'האָט פאר זיך דעם איינעם מחשבה:

מיין חבר קען נישט אַריינברענגען די יו"ט. נאָר אַז איך וועל געבן פאַר'ן קופּה, וועט מיין חבר האָבן אויף יו"ט!

פארהאן בעלי יכולת וואס לאזן זיך קאסטן צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן, ווייל ער באַגרייפט און ער ווייסט, אַז יעדעס דאָלאַר זייניגע באַדייט, אַז נאָך איינער מאנ"ש קען האָבן אויף יו"ט צו מאַכן!

נאָך אַ טויזנטער באַדייט, אַז ביי נאָך אַ קינדער-געבענטשע משפחה וועלן די קינדערליך קענען בייטן די אויסגעוואַקסענע קליידער!

נאָך אַ נדבה מיינט, נאָך אַ משפחה וועט זיצן ביים סדר ווי אַ מלך, נישט געמאַכטע מעשיות. נאָר ביי אים אין האַרץ וועט זיין מלכות'דיג און חירות'דיג, ווייל ער האָט ב"ה געקענט צוגיין צום יו"ט מיט אַ רואיגקייט!

### נקודה למחשבה: ווער זענען די געבער און נעמער?!

עס איז כדי אַריינצוטראַכטן דעם פונקט, אז א גרויסע טייל פון די וואס באקומען תמיכה פונעם קופת הקהלה, זענען דייקא די 'מיטעלע פאַרדינער', וועלכע וועלן אויף קיין פאל נישט אנרופן קרובים אדער ידידים צו בעטן געלט אויף יום טוב. וויבאלד זיי זענען נישט געוואוינט זיך צו געפינען אויפ'ן צד פון די מבקשי תמיכה, נאר ליבערשט ציילן זיי זיך צווישן די טיילערס.

עס זענען אפילו דא מאנכע וועלכע האבן נאך אין די לעצטע יאָרן געקענט געבן גרויס געלט פאר'ן קופה, צוליב די שפע רב וואס קאוויד דער ניינצענטער האט אויף אונז אַראָפּגערעגנט, און אין די לעצטע צייטן, ווען עס איז שוין פארמאכט דער גלאָבאַלער באַנק, און מען שפירט שוין די קאנסעקווענצן, זענען זיי געצוואונגען זיך ארויפצושרייבן אויפ'ן רשימה פון די מקבלים.

דאס ווערט אויפגענומען ביי זיי ווי א שווערע פראַסק, עס איז אומבא'טעמ'ט צו וויסן און שפירן אז בלויז מיט א יאָר צוויי צוריק, איז מען נאך נאך געווען אומשטאנד ארויסצוהעלפן אנדערע, און איצטערט דארף מען זיך טרעפן אינאיינעם מיט די פאַריערִיגע געהאלפענע אין איין טעלער.

ב"ה אז פון דער צווייטער זייט זענען דא אידן וואס האבן גענומען פאראיאר, און דאס רעדל האט זיך צו רעכטס א דריי געטאן, און אצינד זענען זיי פון די פול-אקטיווע תומכים לטובת דער קופת הקהילה.

יא, עס זענען פארהאנען היימישע אידישע קיכן איבער די וועלט אין

# הגה"צ דער רב שליט"א גייט איבער אלע ליסטעס פון מקבלי החלוקה און פאַרלאַנגט:

# הייבן ביז יעצטיגע סכומים!

## לענגערע אסיפה אָפּגעהאַלטן אין שפּיץ פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א לקראת בעפאָרשטייענדע חלוקה גדולה

שטייענדיג בעפאָר יו"ט פורים, איידער די הנהלת הקופה האָט זיך גענומען צום עבודה איינצופעדימען די היי-יעריגע חלוקה, איז פאָרגעקומען אַ גאָר דרינגנדע אסיפה בבית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, וואו ס'זענען זיך צאַמגעקומען די הנהלת וראשי הקופה אינאיינעם מיט די הנהלת הקהלה, און צוזאַמען האָט מען דן געווען אַ לענגערע צייט אין אַלע דעטאַלן וואָס די חלוקה נעמט אַריין.

הגה"צ דער רב שליט"א איז אַריין בעובי הקורה און גענומען אַדורכצוגיין די ליסטעס פון די מקבלים, און האָט אויפגעפאָדערט אַז צוליב'ן שווערן מצב איז עס אַ מוז אַרויפצוגיין מיט די חלוקה, צו טיילן פיל גרעסערע טשעקס פאר די מקבלי החלוקה. ווייל אַז נישט, וועט עס נישט דעקן די מינימאַלע אויסגאַבן וואָס אַ משפחה דארף האָבן צו קענען אַריינברענגען די יו"ט.

ביים אסיפה האבן די געטרייע עסקנים זיך דורכגעשמועסט וויאזוי צו פארזיכערן אז יעדער מקבל וועט אי"ה האבן אַן אמת'ע שמחת יום טוב, צו קענען זיצן ביים סדר ווי א בן חורין, וויסנדיג אַז מ'האָט געקענט אַלעס דעקן צו מאַכן יו"ט. ווי אויך איז מען עקסטער אריבער אויף די נייע ליסטעס, און פארגליכן צו די ליסטעס פון פאַראַיאָר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט א ווייטאגליכער מציאות, אז ליידער זענען אסאך נעמען צוגעקומען צום ליסטע, און צווישן די נעמען האבן זיך געציילט אויך אזעלכע וואס זענען פאַראַיאָר געווען אויף די ליסטע פון די געבערס. עס האט זיך ארויסגעוויזן שווארץ אויף ווייס די קריטישקייט און נחיצות פון אָנהאַלטן די קופה און פארמערן די פעולות צו פארזיכערן א שמחת יום טוב פאר די פילע משפחות וואָס מוזן צוקומען דערצו.

די אסיפה האט זיך געשלאסן מיט א געמיינזאמע ציל, פאראייניגט צו אויספירן דעם הייליגן שליחות ביז'ן סוף, און זיכער מאכן אז אונזערע ברידער, אונזערע קרובים, אונזערע מתפללים, אונזערע שכנים, יעדער מבני קהלתינו, וועט האָבן מיט וואָס צו אריינברענגען די יו"ט!

ומשם הקריאה יוצאת:

**דאָס יאָר גייט מען בעזר השם ארויפגיין מיט די סכומים, צום גרויס פרייד פון די מקבלים וועלכע רעכענען זיך אויף די געלטער וואס זיי באקומען פונעם קופּה!**

זעלבסטפאַרשטענדליך אז דאס קומט נישט צופיס. יעדער באַגרייפט טאַקע אַז מען מוז אַרויפגיין מיט די חלוקה. אָבער יעדער פאַרשטייט אויך אַז דאָס גייט נאָר פאַסירן אויב 'איך' שליס מיך אָן.

יעדער ווייסט קלאָר, אז מיט'ן העלפן דעם קופּה, קען גאר זיין אייגענער שכן, זיין ידיד, אדער משפּחה-מיטגליד, וועט האבן א שמחת יום טוב דערפון, און נישט דארפן פארשעמט ווערן נישט האבנדיג דאס געלט אראפצולייגן פאר די מינימאלע יום טוב'דיגע געברויכן!

**יעדער איז פאַראייניגט: די חלוקה גייט אַרויף! אונזערע נדבות גייען מיט, אויף אַרויף!**

**איך גיי ארויף: ווייל מיין שכן, מיין קרוב, מיין ידיד, וועט געניסן פון מיין ברייטהארציגע נדבה פאר קופּת הקהילה!**

וועלכן די לעקטער איז פארלאשן, ווייל עס איז נישטא דארטן קיינע לימענעס צום קוועטשן, קיינע טרויבן צום דרעשן, און אויך איז נישטא דארט קיין אייער און קאַרטאָפל. און געוויס איז נישטאָ קיין נייע קליידער אויסצושטאָפירן די זיסוואַרג וואָס לעכצן צו אַוועקלייגן די פון-שוין-לאַנג אויסגעוואַקסענע קליידונג.

אבער איינמאל עס קומט אן צום טיר דער טשעקל פון "קופת הקהילה" לעבט די שטוב אויף. פלוצים קען מען שוין זיך ערלויבן און צושטעלן דעם יום טוב מיט הרחבה!

## יעצט איז די צייט: קופת הקהלה טוט אויספירן די קריטישע מיסיע!

מיר האלטן שוין טיף אריין אין די שלושים יום קודם החג, אידישע קינדער זענען פארנומען מיט די פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אין בעפארברייטונג צום באליבטן יום טוב, אט אט וועלן מיר זיך דערזען זיצנדיג אָנגעלאַנט אויפ'ן פאטעל קאנצענטרירט אין די הייליגע ווערטער פון די הגדה, און זיך ערלויבן צו געניסן פון די זיסע סדר'דיגע אָפּקלאַנגען, פארגעסנדיג פון אלעס ארום.

אין די צייט וואס יעדער איז פארנומען אהערצושטעלן דעם יום טוב, זיצן די געטרייע עסקנים פון "קופת הקהילה" דקהל יטב לב, און טוען אלעס אין דער וועלט, צו זיכער מאכן אז 'קיינער' פון אונז, וועט נישט בלייבן אויפ'ן וואסער, און מיר וועלן שאקלען וועלטן ביז די מקבלים באקומען א ברייטן טשעקל פאר זייער יום טוב'דיגע באנוץ.

**ס'איז אונז פאַר אונז!**

**איך גיב, פאר מיין חבר, ער זאָל האָבן אויף יו"ט! פשוט פשט.**

# עלעגאַנטע מסיבה נכבדה אין שפיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א געקרוינט מיט סוקסעס!

## אָפּגעראַכטן דורך געטרייע ראשי הקהלה הר"ר לוי יצחק שוואַרץ הי"ו ושותפו הר"ר יוסף יוזפא לאַנדא הי"ו

### צענדליגער נדיבים בעם נעמען אַ טייל מיט סכומים הגונים לטובת די קריטישע קופה צו אַרויסהעלפן בני קהלתינו צו קענען אַריינברענגען רואיגערהייט די יו"ט אין שטוב

דעם פאַרגאנגענעם דינסטאָג אויפדערנאכט, איז פאָרגעקומען אַן עלעגאַנטע מסיבה נכבדה, אין די פראכטפולע 'די מענשאן' אין שכונת בלומינג גראוו, פאררופן דורך די געטרייע ראשי הקהלה מו"ה ר' לוי יצחק שוואַרץ הי"ו, ושותפו מו"ה ר' יוסף יוזפא לאָנדאָ הי"ו, פאר אַ געלאַדענטע צאָל אנשים מכובדים, אישי הציבור, נדיבים בעם, און אידן וואָס זענען וואַרעם לכל דבר שבקדושה בתוככי קהלתינו הקדושה. וועלכע זענען אַלע געקומען בעצה אחת ודעה אחת, צו אָנפילן די קאַסע פון די קריטישע 'קופת הקהלה' דקהל יטב לב, וואָס וועט דירעקט שיקן פעליגע גרויסע טשעקס פאר הונדערטער משפחות אנ"ש וועלכע מוזן צוקומען דערצו צו קענען אַריינברענגען די יו"ט.

ביים מסיבה האָט מען געהאַט די זכי' אַז הגה"צ דער רב שליט"א האָט זיך באַטייליגט בטירחא דגופא, און איז געזיצן דאָרטן אַ לענגערע צייט צו אָנוואַרימען די נדיבים בעם, און איבערנעמען די באַדייטנדע סכומים הגונים לטובת בני קהלתינו, פאר די ראשי בית אב פון קהל עדתינו, צו קענען פשוט דעקן די מינימאַלע גרוסיע יו"ט הוצאות.

דער מסיבה נכבדה איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט אומגעהויערע הצלחה גדולה, וואס האט איבעראַשט די געטרייע הנהלת הקופה און הנהלת הקהלה, וועלכע זענען געבליבן געפּלעפט פון דער געוואלדיגער 'געהעכערטע' אָנשליס פון די נדיבים בעם, וועלכע האָבן אַריינגעגאָסן אינעם קופה סכומים הגונים עד למאוד, נאָכ'ן הערן די פּערזענליכע פאַרלאַנג פון הגה"צ דער רב שליט"א. דאָס האָט באַוויזן בעז"ה צו שטעלן דעם ריכטיגן טאָן, איידער די הנהלת הקופה לאָזן זיך אַרויס צו כלל אנ"ש זיי אָנצושליסן צו נעמען אַ טייל אינעם קריטישן קופּה.

אַרויס פון דעם קאָלאָסאַלן סוקסעס, נעמען זיך די עסקני וגבאי הקופה צו קומענדיגן שטאַפּל, אָנצוקומען צו כלל אנשי שלומינו, צו אויספירן די בקשה דחופה ונחוצה פון הגה"צ דער רב שליט"א אַז מ'זאָל אַרויפגיין פון די ביז-יעצטיגע טשעקס, און יעדער יחיד פאר זיך, זאָל די זעלבע צו אַרויפגיין מיט זיינע נדבות, וואָס נאָר אזוי וועט מען בעז"ה קענען דערגרייכן צו ערפילן דעם הייליגן שליחות, אַז יעדער משפחה ומשפחה, וועט האָבן ריכטיג וויאַזוי אַריינצוברענגען די יו"ט פסח תשפ"ד, אַ זמן חירותינו מיט'ן ריכטיגן באַדייט!



בס"ד

ישיבה תורה ויראה ובית רחל
ויואל משה דסאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

Mosdos Satmar
V'Yoel Moshe, Kiryas Joel
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Office: 5 Buchanan Ct. #111 Monroe NY 10950 Mailing Address: P. O. B. 2027 Monroe NY 10949 Tel. 845-782-8800 Fax 845-230-7679

## ווער גענים?

די פרייע נאַכטמאָלן ווערן צוגעשטעלט פאַר די חשוב'ע עלטערן וואס זענען

- אויסגעצאָלט אינגאַנצן מיט אַ פולשטענדיגע זערא באַלאַנס ביז נאך ר"ח ניסן

## איר קענט נאָך אייך גענין!

מאכט זיכער און זענט אויסגעצאלט און איר האָט א זערא באלאנס

גלייכצייטיג וועט די סערוויס **אויך צוגעשטעלט** ווערן בתשואות חן פאַר אַלע אונזערע **חשוב'ע איינגעשטעלטע מלמדים און כלי קודש,** מלמדים ומגידי שיעור, **זיי אַרויסצוהעלפן אין די ערב פסח טעג,** און ווי ס'איז אונזער יסוד אַלעמאָל, אַרויסצייגן שעצונג פאַר זייער עבודת הקודש.

בשורה טובה • הכרת הטוב

מיט גרויס פרייד איז אונז אַ הנאה איינצומעלדן די חשוב'ע עלטערן שיחי' איבער אונזער אונטערנעמונג

אַרויסצוצייגן "שעצונג און הכרת הטוב" פאַר די טייערע

# עלטערן מיט א זערא באלאנס

וואָס שטעלן זיך צו אויפ'ן שענסטן פאַרנעם מיט שכ"ל פאר זייערע קינדער

## פאַרגרינגערן די וואָס טוען אונז פאַרגרינגערן

מיר ווען בעז"ה בסבר פנים יפות צושטעלן פאַרטיגע

# געקאכטע נאַכטמאָלן

## אין די אָנגעשטרענגטע וואָך פון ערב פסח

# מיטוואך און דאנערשטאג פרשת מצורע

די נאַכטמאָלן וועלן בעז"ה זיין אויפ'ן שענסטן אופן

**נאַרהאַפטיג • געשמאַק • פריש • אַפעטיטליך • הרחבה'דיג**

צוזאַמגעפאַקט שיין אַהיימצונעמען צו אייך אין שטוב, צו סערווירן פאַר אַלע קינדערלעך מיט אַ רואיגקייט אין די פארנומענע ערב פסח טעג

**דאָס איז אַ ספעציעלער פראָיעקט וואָס מיר נעמען אונטער מיט'ן ציל צו מטיב זיין און אַרויסהייבן די אַלע געטרייע עלטערן וואָס שטרענגען זיך אָן צו אמת'דיג דערפולן זייער אחריות פון שכ"ל בעתו ובזמנו מיט אַ געטריישאפט, און אַדאַנק זיי קענען מיר בעז"ה באַצאָלן צייטליך פאַר אונזערע איינגעשטעלטע יעדע איינציגסטע וואָך**

**איר וועט בעז"ה באַקומען די "פרייע נאַכטמאָל קאַרטלעך"**

**און די סאַפער וועט אי"ה זיין געפאַקט גרייט פאַר אייך אָפצונעמען אין די באַשטימטע צייט און פלאַץ**

**די וואס זענען מסודר ביז ב' ניסן - מיטוואך תזריע. וועלן באקומען די קארטלעך אויף די פאסט**

**די אלע וואס וועלן זיך מסדר מיט זערא באלאנס נאכדעם וועט מען קענען אפנעמען די קארטלעך אין אפיס**

מיר קוקן אַרויס אַז ווי מער עלטערן וועלן בעז"ה הנאה האָבן דערפון און זיך דערקוויקן, ויאכלו המשפחות וישבעו.

בכבוד רב ובברכת חג כשר ושמח

**הנהלת המוסדות**




# טייערע קינדער פון "לב לילד" פראַווען אַ לעבטיגן דערהויבענעם פורים מיט לאַנגע שעות פון איבערגיסנדע שמחה און גליק

**חסד לאברהם – וזאת ליהודה; פערזענליכע איניציאַטיוו און האַרציגע פּראָיעקט דורך הרבני החסיד הנכבד המרומם מו"ה אברהם יהודה גאָלדבערגער שליט"א וועלכער האָט געעפנט שערי לבו וביתו פאר די טייערע קינדערלעך מיט אַזויפיל גוטהאַרציגקייט און ליבשאַפט**

**הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה; פּרעכטיגער אולם בבית המדרש "תפלה למשה" ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פאַרנעם במשך קרוב צו זעקס שעה ביום הפורים מבוקר עד צהרים אויף די פולקאָמע קאָסטן פון מו"ה אברהם יהודה שליט"א בלב ורוח נדיבה**

די עיר החסד קרית יואל האָט דעם פאַרלאָפענעם יום הפורים דערגרייכט אַ פרישן שטאַפּל אין דעם הויכן לייטער פון גמילות חסדים, ווען ס'איז אין צענטער פון שטאָט אָפּגעהאַלטן געוואָרן במשך לאַנגע שעות די פריידיגע און שמחה- שפּאַלטנדע סדר היום בעצם יום הפורים, ספּעציעל צוגעשטעלט דורך די הייליגע "לב לילד" פאַראיין, פאר די טייערע קינדערלעך, צו דערפרייען זייערע הערצעלעך אויפ'ן שענסטן און העכסטן פאַרנעם וואָס איז נאָר שייך.

וואס דאָס איז "לב לילד" און וואָס זענען זייערע האַרציגע איבערמידליכע פעולות לטובה, איז נישט עפּעס וואָס מ'קען אפילו שילדערן אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל, אָבער אַזאָנס וואָס די טייערע קינדערלעך האָבן דעם פאַרלאָפענעם פּורים מיטגעלעבט איז געווען אַ חידוש אפילו לויט די סטאַנדאַרטן פון "לב לילד", ווען מ'האָט ב"ה זוכה געווען צו אַזאַ געהויבענע שמחת פּורים וואָס איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פאר גאָר אַ לאַנגע צייט.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון קרית יואל האָט "לב לילד" אַהערגעשטעלט אַז די קינדער זאָלן זיך צאַמנעמען אונטער איין דאַך צו פּראַווען אַ דערהויבענעם טאָג באַגלייט מיט ליבליכע מחנכים, אָנגעהויבן פון אמירת תהלים, תפלת שחרית, מקרא מגילה, סעודה גדולה: משתה ושמחה, און באַקומען ברייטהאַרציגע משלוח מנות און מתנות לאביונים, וואָס די באַדייט דערפון קען מען ניטאַמאָל ערקלערן.

ס'איז שוין אייגנטליך עטליכע יאָר וואָס דער הערליכער פּראָגראַם ווערט אנגעפירט אין דער הויפּט לאָקאַל פון "לב לילד" אין דער שטאָט מאָנסי, ווי אויך אין די סניפים פון וויליאַמסבורג און באָראָ פּאַרק, אָבער אַצינד לקראת דעם יום הפּורים שנת תשפ"ד הבעל"ט איז דאָס קאָפּירט געוואָרן אויך דאָ לאָקאַל אין שטאָט קרית יואל, וואו דער פּראָגראַם איז געקרוינט געוואָרן מיט אן אומבאַשרייבליכע הצלחה למעלה מן המשוער.

## יהודה אתה יודוך אחיך; פילאַנטראָפּישע השגות אין חסד דורך מו"ה אברהם יהודה שליט"א

פאַסירט האָט דאָס אַלעס דורך דעם וועלט באַרימטער נשמה'דיגער פילאַנטראָפּ און עושה צדקות בכל עת, הרבני החסיד המרומם מו"ה אברהם יהודה גאָלדבערגער שליט"א, וועלכער איז איינפאַך אַקעגן געקומען די געטרייע הנהלת "לב לילד" זיך אָנטראָגנדיג צו נעמען "דעם גאַנצן טאָג" אַלס זיין פּערזענליכער פּראָיעקט, אַריינגערעכנט דעם פּרעכטיגן מקום רחבת ידים און אַזוי אויך אַלע צרכי הסעודה ומשלוח מנות, כיד המלך ברוב פּאר והדר.

דער גרויסער נדבן שליט"א האָט בחפץ לבו הטוב אַהערגעשטעלט דעם הערליכן זאַל, וואָס געפינט זיך אויפ'ן הונטערשטן שטאָק של בית מדרשו המפואר "תפלה למשה" אין צענטער פון שטאָט, וואו די הונדערטער קינדערלעך האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט אן אויסטערלישן באַקוועמליכקייט, צוגעגליך און געשמאַק פאר אַלעמען, און אַזוי האָט מען טאַקע געקענט פּראַווען דעם פּורים מיט אַזאַ פריילעכקייט און רואיגקייט עד להפליא.

הרה"ח רבי אברהם יודא שליט"א האָט זיך אָבער נישט באַגענוגט מיט'ן שענקן דאָס פּלאַץ און נעמען אויף זיך די קאָסטן פון דעם הייליגן אונטערנעמונג, נאָר ער האָט אויך בגופו זיך משתתף געווען, ער האָט זיך איינפאַך אַוועקגעגעבן אין אַזאַ פאַרנומענעם טאָג, און איז פּערזענליך אַריבערגעקומען צו ווײַלן מיט די קינדער, צווישן איין נדבה אין דעם צווייטן, צווישן איין 'כוסה' אין דעם צווייטן! אינאיינעם מיט זיין געשעצטע בני בית תחי', זענען זיי געווען פאַרמישט אין יעדן איינציגן דעטאַל, מיט אַזויפיל ליבשאַפט און גוטסקייט, זיכער מאַכנדיג אַז אַלעס קלאַפּט הונדערט פּראָצענט און פאַרטיילנדיג פּערזענליכע געשאנקן פאר די טייערע קינדער.




## לקיים את ימי הפורים האלה; אַ חטיבה אחת פון דערהויבנקייט און שמחה

ס'איז באמת אוממעגליך צו שילדערן די געפילן וואָס האָט זיך געשפּירט צווישן די קינדערלעך דורכאויס דעם גרויסן פּורים טאָג. מיר וועלן אַלזאָ פּרובירן בלויז צו אָפּשרייבן די קורצע פאַקטן און פּרטים פון דעם אומפאַרגעסליכן "לב לילד" פּורים פּראָגראַם שנת תשפ"ד הבעל"ט.

דער הייליגער יום הפּורים האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ וואַרימע תהלים מנין, פאָרגעזאָגט דורך דעם בעל תפלה בקול נעים, מו"ה פּנחס דוד וועבערמאַן הי"ו, און ווי האַרציג איז געווען צו זעען די טייערע קינדערלעך שלא טעמו טעם חטא, זענען זיך מתחנן ביים הייליגן באשעפער אין אזא גרויסער טאג. זאלן זיי טאקע האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס פאר זיך און פאר דער גאַנצער משפחה.

דאס האט נאכגעפאלגט מיט א פייערדיגן תפלת שחרית ברוב עם, באַגלייט פון חשוב'ע מחנכים אינערהאַלב דעם "לב לילד" שטאַב. דערנאָך אַ ווארימער 'מגילה ליינען' דורכ'ן בעל קורא מומחה, הר"ר שלמה מנשה פאָלקאָוויטש הי"ו, ווען דורכאויס די גאנצע צייט האבן די

געטרייע "לב לילד" מחנכים געטיילט מתנות און ממתקים פאר די קינדער וועלכע האָבן מיטגעהאַלטן.

באַלד נאָכ'ן דאַווענען וקריאת מגילה, איז מען צוגעטרעטן צו מקיים זיין דעם מצות היום, אָנגעהויבן מיט משתה ושמחה, ווען אַ זעלטן רייכע און ברייטהאַרציגע סעודת יום טוב איז געוואָרן צוגעשטעלט, באזונדער פאר די אינגלעך און פאר די מיידלעך, מיט אַלע סאָרט בשר ודגים וכל מיני מטעמים אויף א קעניגליכן פאַרנעם, בשעת הרבני מו"ה אברהם יהודה הי"ו מיט זיין חשוב'ע עקרת הבית זענען עומד על המשמר צו פאַרזיכערן אַז 'לא יחסר המזג'.

צום איבערראַשונג פון די קינדערלעך האָבן זיי אַלע צוערשט ערהאַלטן קאָסטבאַרע 'פארשטעלאכטס' בשעת די געניטע "לב לילד" שטאַב געבן זיך אָפּ צו אָנטון און פארשטעלן יעדעס קינד באַזונדער לויט זייער באַגער און געברויך. באַזונדער האָבן די געטרייע עסקניות פון "לב לילד" זיך אָפּגעגעבן ביי די מיידלעך אַז יעדעס קינד זאָל זיין צופרידן צום מאַקסימום.

## משתה ושמחה ויום טוב אויף אַ מלכות'דיגן פאַרנעם

דאַן האָט מען זיך געוואַשן צו די רייך-געדעקטע טישן בשעת אַ פראָפעסיאָנאַלע און לעבעדיגע מוזיק ארקעסטרע, מיט בעלי מנגנים און כלי זמר, אין שפיץ פון הר"ר שמואל שפירא הי"ו, הייבן אויף די געמיטער און ברענגען אַריין אַ שמחת פורים אויף די העכסטע אקטאוועס.

פון די הויכפונקטן ביים סעודת פורים איז געווען די קאָמישע 'פורים שפיל' וואָס איז געווארן אהערגעשטעלט דורך די טאַלאַנטפולע אינגעלייט, הר"ר יואל אָפּענהיים הי"ו, הר"ר שלמה מנשה פאָלקאָוויטש הי"ו און הר"ר אברהם אלי' פרידריך הי"ו, וועלכע האָבן באַוויזן אַרויפצוברענגען אַסאַך פריילעכע שמייכלן אויף די פּנים'ער לכבוד שמחת פורים.

אַזוי האָט מען אַ לענגערע צייט, במשך לאַנגע שעות, זיך אינאיינעם משמח געווען בעצם יום הפורים אונטער אַ וואַרימע געהויבענע אַטמאָספערע, ווען ס'איז קענטיג אַז די קינדער קענען זיך פשוט נישט שיידן פון אַזאַ לעכטיגע מסיבה וואָס האָט זיי ווי אַריינגענומען אין אַ נייע וועלט פון ששון ושמחה.

איידער מען האָט געענדיגט איז עס נאָכאַמאָל געווען אַ הערליכע איבערראַשונג ווען דער נאָבעלער בעל אכסני', הר"ר אברהם יודא שליט"א איז פערזענליך אַריבערגעקומען אין זאַל וואו ער האָט פאַרטיילט "פּורים געלט" פאר אַלע קינדערלעך מיט אַ באַזונדערע ליבשאַפט. דאָס זעלבע האָט די חשוב'ע מרת גאָלדבערגער תחי' פאַרטיילט "פּורים געלט" פאר די מיידלעך, וועלכע האָבן נישט געקענט זיך גענוג באַדאַנקן פאר די טייערע נדבנים. באַזונדער איז פאַרטיילט געוואָרן גאָר קאָסטבאַרע 'משלוח מנות' פאר יעדעס קינד באַזונדער.

ס'איז באַזונדער אויסגעדרוקט געוואָרן אַ דאַנק מעומק הלב פאר די אָנפירער פון דעם הערליכן פראָגראַם, דער געטרייער דירעקטאָר, הר"ר אהרן יוסף בערקאוויטש הי"ו, אינאיינעם מיט זיין וואַרימע שטאב פון וואָלונטירן אינערהאַלב "לב לילד", ועל צבאם דער ענערגישער עסקן פאר 'לב לילד' מו"ה משה ארי' רובינשטיין הי"ו וואס האט זיכער געמאכט אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב. דאָס זעלבע ביי די מיידלעך איז אַלעס געווען אונטער די פירערשאַפט פון די באַגאַבטע מרת פאָרקאָש תחי', אשר הר"ר מענדל הי"ו, און מרת וויינשטיין תחי' אשת הר"ר משה שמואל הי"ו, אינאיינעם מיט די געטרייע שטאַב פון נשים צדקניות וואָלונטירן.

עס לאָזט זיך אויף אַן אמת נישט באַשרייבן וויפיל די געהויבענע שמחת פורים פּראָגראַם האָט אין די טייערע קינדערלעך אַריינגעבלאָזן אַזויפיל סיפוק, חיזוק און שטאַרקייט אנצוגיין ווייטער. די קינדער האָבן ווירקליך צו רעדן דערפון פאר לאנגע וואכן און חדשים! זיי זענען אַרויס פון אזא מסיבה אן אנדערע מענטש, די שמייכל אויפ'ן פנים, די שיין אין די אויגן, פאַרציילט שוין אַלעס! פאר די קינדער איז עס במלא מובן המילה געווען א מעין עולם הבא ממש, ווי אַסאַך פון די קינדער האָבן זיך אויסגעדרוקט מיט טרערן אין די אויגן ווען זיי האָבן זיך האַרציג באַדאַנקט פאַר מו"ה אברהם יודא שליט"א וב"ב תחי'.

כלל ישראל איז דאַנקבאַר פאר "לב לילד" וואָס איז דא פאר יעדע קינד מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה צו פארזיכערן אז זיי וואַקסן אויס געזונט ברוחניות ובגשמיות מיט א גליקליכן עתיד. אשריכם ישראל!









# פרייד-כוואַליעס ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאַטמאַר צום באַנייען מאַיעסטעטישן 35,000 סקווער-פיס בנין ביהמ"ד הגדול והמפואר קהל יטב לב "מעריוואָלד, בלומינג גראָוו - בנין יאקאבאוויטש"

## געהויבענער מעמד "קביעת מזוזות ומסיבת לחיים רבתי" דעם קומענדיגן דינסטאָג תזריע, ראש חודש ניסן ביום שהוקם בו המשכן, וועט באַשיינט ווערן דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

אֲשֶׁר רָאוּ בְּיִסּוּדוֹ זֶה הַבַּיִת בְּעֵינֵיהֶם:

**גליקליכע שמחה ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאַטמאַר תושבי בלומינג גראוו מיטלעבנדיג באַשיינפערליך אָנהויב פון אַ נייעם גאָלדענעם קאַפּיטל פון בליה-און-וואוקס וואָס אַנטוויקעלט זיך לעבעדיג פאַר זייערע אויגן למען עתידם הרוחני בדרך רביה"ק זי"ע**

מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעיננו:

**מלכות'דיגע ריזן-געביידע שטעלט פאַר איינס פון סאַמע גרעסטע און שענסטע סאַטמאַרער בתי מדרשים אַלוועלטליך אויפגעבויעט מיט'ן שענסטן פראַכט לכבוד ולתפארת**

### כְּמִגְדַּל בְּנוּיִ לְתַלְפִּיּוֹת

אָמַר רַבִּי אָבִין בְּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת, הוּא הַהֵיכָל, שֶׁכָּל הַפִּיּוֹת מִתְפַּלְּלוֹת בּוֹ:

**ריזן קאַמפּלעקס, מיט פיר ריזן חדרי התורה והתפלה, מקוה מפוארה, היכל ביהמ"ד הגדול ונהדר, און אַלע צוגעהערן בתכלית החן והיופי, אַנטשפּרעכנט אויסצואוואַקסן אַלס מעכטיגער "מנינים צענטער"**

**אַוועקשטעלנדיג רוחניות'דיגע מויערן פון דער גאַנצער אומגעגנט לדור ודור**

מעריוואָלד, בלומינג גראָוו. – "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה"! "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעיננו" ס'איז נישט מעגליך צו שילדערן די שמחה'דיגע און פריידיגע געפילן וואָס טוען איינהילן אנ"ש תושבי בלומינג גראָוו מיטהאַלטנדיג מיט זייערע אויגן, מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעיננו, ווי עס שטייט שוין דער מלכות'דיגער נאָבעלער בנין מפואר, מגדל עוז, דער ביהמ"ד הגדול והחדש וואָס אויף איר באַנייאונג קוקט מען שוין אַרויס אַזאַ לאַנגע צייט, און אַצינד – ביי אַ מעמד הוד דעם קומענדיגן דינסטאָג תזריע הבעל"ט – גרייט מען זיך צו באַנייען די מעכטיגע פעסטונג, אַלס שטאָלץ און פראַכט פאַר סאַטמאַר אַלוועלטליך, און אַלס דער רוחניות'דיגער עפּי-צענטער פון דער אומגעגנט, הבית הגדול והקדוש שיגדלו בו תורה ותפלה קדושה וטהרה, לשם ולתפארת ולתהלה.

דאָס באַדייט אַ טויש אין א תקופה, דער אָנהויב פון א נייע עפּאָכע! עס מישט זיך איבער אַ נייער קאַפּיטל אין דער גאַנצער אומגעגנט; אַ גאָלד-באַדעקטער בלאַט ערעפענט זיך, וואו ס'קריצט זיך איין די געשיכטע פון בליה און וואוקס פון ממלכת סאטמאר, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה! אַ פרישער מגדל רם ונשא, וואָס וועט טראָגן מיט שטאָלץ דעם הייליגן חותם פון רבינו הקדוש והטהור זי"ע, ערעפנט זיך פאַר עדת צאן מרעיתו, כמגדל דוד בנוי לתלפיות!

א יום טוב'דיגע שטימונג טוט איינהילן די הונדערטער אנ"ש מכל הסביבות זיך גרייטנדיג מיט אַן אומבאַשרייבליכער התרגשות אויף דעם קומענדיגן דינסטאָג, ראש חודש ניסן, בחודש הראשון באחד לחודש, ביום שבו הוקם המשכן, ווען מ'גייט בעז"ה – בראשות עטרת תפארת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א – מיט גליקליכע געפילן אריינשפּאַנען אינעם ציכטיג-פּאַרטיגן בית מקדש מעט, דער "בנין יאקאבאוויטש" האדיר והנהדר, אַ בנין כביר ונשגב אויפגעבויעט פאַר מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס האָט כמעט נישט דאָס גלייכן אין גרויסקייט און שיינקייט אין גאַנץ סאַטמאַר אומעטום!

## כי מן המעט אשר הי' לפנינו ויפרוץ לרוב: דער אומגלויבליכער אויסוואוקס!

"בלומינג גראָוו" איז ווי באַקאַנט בליץ-שנעל אויסגעוואַקסן למעלה מדרך הטבע, וואו עס ווירבלט מיט הונדערטער הונדערטער משפחות, אנשי שלומינו אחים לדעה תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, מיט אַן עתיד בעז"ה פון נאָך טויזנטער דירות אינעם עתיד, מיט אן ענדלאָזער וואוקס, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

ס'איז זעלבסט פארשטענדליך אַז די סאַמע וויכטיגסטע פונדאמענט פון אזא געגענט איז דאס אַוועקשטעלן אַ "סאַטמאַרער ביהמ"ד", במלוא הודה והדרה, אַזוי ווי רבינו הקדוש זי"ע האָט שטענדיג געפּאָדערט און יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א טוט כסדר חזר'ן אַז צו קענען אָנהאַלטן דעם ערליכן הייליגן דרך וואָס דער רבי זי"ע האט מיט אונז געלערנט, מוז מען זיך קלאַמערן בלויז נאָר צו די סאַטמאַרער בתי מדרשים וואָס טראָגן דעם ערליכן חותם המלך אויף זיך, וואו אנ"ש זאָלן קענען לערנען און דאַווענען און דינען דעם רבוש"ע אויפ'ן דרך ישראל סבא, אונטער אַ הייליגע ערליכע השקפה – אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים!

אין אזא גליקליכער מאמענט טוען די תושבי




בלומינגראוו זיך צוריקדערמאַנען די אַלע שווערע תקופות בראשית הדרך, דער "מן המעט אשר הי' לפנינו", קוים א משפחה און נאך א משפחה וואס האבן זיך באזעצט אין די ארומיגע גאַסן, און דאַן אַזויפיל יאָרן האָט מען זיך אפּגעמוטשעט מיט א בייזווילליגע רעגירונג וואס האט נישט דערלויבט דאס אויפבויען קיין בתי מדרשים מיט פארשידענע אויסריידן איינגעהילט אינעם "פן ירבה" זאָרג, און וויפיל מ'האט נאר פּרובירט צו בויען האָט מען זיך אָנגעשטויסן אין שווערע שטיינער און שטרויכלונגען.

און אצינד, קוועלט דאס הארץ, צו זען און מיטלעבן באשיינפּערליך דעם "כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו"! כי מן המעט אשר הי' לפנינו ויפרוץ לרוב!

אַצינד, נאָך וואָס מ'האָט ב"ה זוכה געווען אַריינצוטרעטן אין אַ נייע עפּאָכע מיט אַ היימישע סימפּאַטישע רעגירונג וואָס שטייט צו לטובת די גאַנצע שטאָט און שענקט די מעגליכקייט צו קענען בויען רוחניות'דיגע בנינים אָן קיין שטער, לעבט מען מיט די רעאַליזאַציע פון דעם "ואחריתך ישגה מאוד"! אזא ביהמ"ד, אזא פעסטונג, אזא פּראכט וואס לא נראה כבושם הזה! אין יעדן הינזיכט בתכלית השלימות, א צענטער פאר תורה, א פעסטונג פאר תפלה, א מגדל כביר פאר הוראה, און אַ באַזע פאַר די עדה הקדושה!

רופט זיך, אלזא, פון זיך אליין אויס: אשרינו שזכינו! ואשרי עין ראתה אהלינו בשמחת קהלינו!

## מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו: דער "בנין יאקאבאוויטש" האדיר

עס האט נישט גענומען לאנג פון ווען די בוי-ארבעט איז אַריין אין פולסטן קראַפט, ביז ווען מ'האט זיך פּלוצים דערזען מיט אַ פּאַרטיגער געביידע, ודץ בראותו כי נגמרה מלאכתו! קוים וואס מ'האט אנגעהויבן, קוים וואס מ'האט זיך א דריי געגעבן. אנ"ש האבן מיטגעהאלטן מיט א פארכאפּטן אטעם, ווי מ'ציעט ארויף א שטאק נאך א שטאק, א שטאנג



נאך א שטאנג, ווען מיט יעדן שטאָק העכער ווערט אַרויפגעצויגן די פרייד און הנאה פונעם ציבור, זעענדיג ווי דער כח הקדושה ווערט אַזוי נתרחב, אַזוי נתעלה, אַזוי נתחזק, ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצי, האריכי מיתריך ויתדותיך חזקי!

בליץ-שנעל האָט דער בוי-פראיעקט פראגרעסירט און מארשירט פון איין שטאפל צום אַנדערן. קיין איין איינציגן טאָג האט מען זיך נישט אפגעשטעלט, און אויף קיין שום הוצאה האט דער געטרייער בונה ומקים, הרבני הנגיד הנכבד והנעלה, הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש שליט"א סגן ראה"ק דק"ק סאטמאר, נישט געזשאַלעוועט, צו מאַכן זיכער אַז דאָס ווערט געבויעט מיט'ן שענסטן חן, מיט'ן הערליכסטן פּראַכט, כראוי וכיאות לכבוד בית ה' ולכבוד הציבור תושבי העיר שיתקבצו ויבואו לעשות רצון קונם וחפץ צורם.

מיליאָנען דאָלער זענען דאָ אינוועסטירט געוואָרן, און אצינד בחסדי ה', ווען מ'זעט דעם פאַרטיגן פּראדוקט, ווען מ'אנטפּלעקט דעם מלכות'דיגן גלאַנץ פונעם נייעם בית האדיר לה', איז כולי עלמא מודי אַז ס'האָט זיך יעדע פּרוטה געלוינט און אויסגעצאָלט! ס'איז הוד שבתפארת, מלכות שבמלכות, א ריכטיגער כבוד פאַר ק"ק סאטמאר!

מ'זעט דאָך בחוש ווי אין יעדן ריר איז אריינגעלייגט קאפּ און מח, ס'זאל זיין סיי הערליך, סיי מלכות'דיג, סיי פּראַקטיש, אז ס'זאל ארויסקומען דער שטארקסטער נוצן להגדיל תורה ולהאדירה. מ'האט יעדן מילימעטער אויסגעניצט צום מאַקסימום, אַז ס'זאָל ברענגען דעם ריכטיגן תכלית ותועלת,

וְהַבַּיִת בְּהִבָּנֹתוֹ:

## דער פּראַכטפולער געשטעל פון די 35,000 סקווער-פיס און 4 אויגפאַרכאַפּנדע שטאָקן

# פונעם מאַיעסטעטישן בידהמ"ד הגדול החדש "קהל יטב לב, מעריוואָלד בלומינג גראָוו בנין יאקאבאוויטש"

אַ בליק אויף דעם פּראכטפולן בית הגדול שמגדלין בו תורה ותפלה, סיי פון אינדרויסנדיגן געשטעל, אַנטפּלעקט אַ פעסטונג מיט'ן ריכטיגן תפארת ויופי, מלכות'דיג און מאיעסטעטיש, און סיי פון אינעווייניג, באשטייענדיג פון פיר באַצויבערנדע שטאָקן, מיוחד לתורה ולעבודה, לקדושה וטהרה, לצדקה וחסד, להוראה ולהגברת כח קהל עדתינו.

ווער עס קומט נאר אריין אינעם בנין ווערט געפלעפט זעענדיג ווי ס'איז געבויעט בפּאר ויופי, אויפ'ן שענסטן סטאנדארט, מבית ומבחוץ, מיט אַ נאָבעלען אויג-פארכאפּנדן דרויסנדיגער געבוי, לכבוד ולתפארת בית אלקינו.

די קאלאסאלע 35,000 סקווער-פיס פון דעם מגדל עוז שפּרייט זיך אויס איבער די מאַסיווע פיר שטאקן; יעדער שטאק באזונדער מיט זיין באזונדערער אויפגאבע אין דער גרויסער געביידע לתורה ותפלה.

### הינטערשטער שטאק בעיסמענט — מקוה טהרה, מקוה מפוארה, מלכות'דיגער היכל התורה

אינעם בעיסמענט שטאָק שטראַלט אַרויס דער חידוש פון אַ מקוה, געבויעט אויף א גאר הערליכן אויג-פאַרכאַפּנדן סטאנדארט, מיט 3 גרויסע הערליכע מהודר'דיגע בורות הטבילה, 30 שויערס, א כלים מקוה, א שמש-שטיבל, א הערליכע קאווע-צימער מיט אלע צוגעהערן. דערצו וועט אי"ה אַהערגעשטעלט ווערן באַזונדער אַ "מקוה טהרה" במיטב ההידור אַלס מורא'דיגע אומשאַצבאַרע אויפטו למען יסוד טהרתן וקדושתן של ישראל.

אַ גאָר ווייטגרייכענדע עררייכונג פאַר די גאַנצע שטאָט וועט אי"ה זיין די אויפבוי פון דעם מלכות'דיגן "היכל התורה", וואָס וועט אי"ה זיין פּתוח לרווחה 24 שעה ללימוד התורה, מיט אלפי ספרי קודש, וואו הוגי תורה ושוחרי' וועלן קענען זיצן און זיך דערקוויקן מדובשה של תורה בכל עת ובכל שעה, ברוב פּאר והדר. דאָס וועט זיין אַ רוחניות'דיגע און תורה'דיגע רעוואָלוציע פאר כל תושבי העיר אויף וואָס יעדער קוקט שוין אַרויס בכליון עינים!

### צווייטער שטאָק (גראונד לעוועל) — מניָנים צענטער, בית הוראה

אויף דעם "גראַונד לעוועל" געפינט זיך אַ קלימאַקס, מיט אַ הערליכער היכל ביהמ"ד און "4 הערליכע חדרים לתורה ולתפלה", וואס וועלן זיין באזונדערע 'בתי מדרשים' פאר זיך, הערליך איינגערישט און אויסמעבלירט,





והתרוממות קרן התורה והתפלה.

מיט סייעתא דשמיא איז אריינגעקומען אַ ברכה אין דער ארבעט און ס'איז געלאָפן פאראויס, אָן קיין אפּשטעל. מ'האָט געזען אויף יעדן טריט און שריט ווי עס ווערט געטון אלעס אויף דער וועלט אז ס'זאל זיך שוין ווי אמשנעלסטן קענען עפענען האי מקום קדוש, וואו אנשי שלומינו זאָלן קענען קובע מקום זיין לתפלתם ולתורתם, אַלס מגדל עוז פון וואַנעט ס'זאָל זיך פאַרשפּרייטן תורה וקדושה וטהרה, און אָט, אין א מזל'דיגער שעה, גרייט מען זיך שוין צום "קביעת מזוזה" בשעה טובה ומצלחת.

# עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה פאַר אנ"ש פון ענדלאָזע הרחבת גבולי הקדושה!

עס גייט שוין צוריק עטליכע יאָר זינט "ויקם השדה – תקומה היתה לה" אַהערצושטעלן דעם ריזיגן שטח אויף מעריוואָלד אז ס'זאל קענען דינען פאר א ביהמ"ד דקהלתינו הק', אָבער צוליב פילע קאמפליקאציעס מיט די לעגאַלע אפּהאלטונגען וואָס זענען געווען ביי די אלטע אינסטאַנצן וועלכע האבן נישט דערלויבט קיין אויפבוי פון קיין ביהמ"ד, האט זיך דאָס פאַרצויגן, ווען אינצווישן האָט מען געניצליך איבערגעמאכט אלע פּלענער פונעם ביהמ"ד, פאַרדאָפּלענדיג די גרויסקייט, האַלטנדיג פאר די אויגן דעם אומגעהויערן אויסוואוקס פון די געגענט, ימה וקדמה צפונה ונגבה.

און ס'וועט דערמיט פארוואנדעלט ווערן אין אַ ווירבלדיגער שפּרודלדיגער "מנינים צענטער" פאר מנינים שחרית מנחה מעריב טאָג-טעגליך, און ווי אויך פאר די שיעורי תורה בימות החול בשבתים וימים טובים.

און ווי אויך וועט באַזונדער זיין אַהערגעשטעלט אַ הערליכע "חדר הוראה" פאַר הרה"ג הדומ"ץ שליט"א, להשיב לשואלים בדבר ה' זו הלכה, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

## דריטער שטאָק — מלכות'דיגער היכל הביהמ"ד

איין שטאָק אַרויף וועט זיין דער תל תלפּיות וגולת הכותרת, דער פּראַכטפולער היכל הביהמ"ד הגדול, א ריזיגער היכל כליל בהדרו, מיט א מלכות'דיגן הויכן דאך, הערליכע פענסטער, מיט מאַיעסטעטישע באלייכטונגען און שניצונגען לכבודה של בית מקדש מעט, ובהיכלו כולו אומר כבוד, אלס פּראכט און שטאָלץ לתפארת קהלתינו הק'.

## פערטער שטאָק — עזרת נשים

אויפ'ן העכסטן שטאָק וועט אי"ה זיין דער שיינער רחבות'דיגער "עזרת נשים" פאר די נשים צדקניות וואס קומען דאווענען אין די שבתים וימים טובים, וואָס ווערט בעזר ה' אויך הערליך אויסגעפּאַרטיגט כראוי וכיאות.

*

אזוי ארום טוט דער 35,000 סקווער-פיס מלכות'דיגער "בית בהבנותו" פּאָרשטעלן מיט זיך דער צענטראַלער ביהמ"ד הגדול פון דער בליענדער שכונת בלומינג גראָוו, א ריכטיגער מבצר אדיר פאר די ג' עמודי העולם; אַן אימפּעריע פון תורה ותפלה וטהרה וצדקה וחסד, אשר ממנו יתד וממנו פינה, אלס כבוד און פּראַכט פאַר סאַטמאַר איבער דער גאַנצער וועלט!

**גדול היא כבוד הבית הזה לה' ולתורתו!**





מיט אומגעפער אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, פון דער סעקונדע וואָס די ענדגילטיגע פערמיטן זענען דערהאַלטן געווארן, איז אַקטיוויזירט געווארן דער מעכטיגער מולטי-מיליאָן דאָלערדיגער בוי-פּראָיעקט. וברם יזכר לטוב, העסקן הנמרץ עושה ומעשה הר"ר יצחק אייזיק וואלטער הי"ו, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו דער רעכטער האַנט פונעם בונה ומקים צו באַגלייטן די עבודת הבני' מיט אַזאַ הצלחה וסייעתא דשמיא, תשואות חן חן לו!

ס'נישט צום גלייבן ווי בלויז מיט אונטער צוויי יאר צוריק איז נאָך דער שטח געווען גלאַט, און דאָ איז שוין מתנוסס לתפארה אַזאַ מאַסיוועד סטרוקטור, ריזיגער בנין, אַ שטאָקיגע געביידע, וואָס פונדערווייטנס הייבט זיך דאָס אַרויס און איר אַרכיטעקטועלער געבוי דערציילט פון זיך אַליין אַז דאָס איז אַ בית גדול לה', אַ ביהמ"ד לתורה ולתפלה ולטהרה, א רוחניות'דיגער צענטער וואָס גייט באַשיינען און באַלייכטן – אין בוכשטעבליכן און אין פיגוראַטיוון זינען פון וואָרט – דער גאַנצער אומגעגענט.

די הערליכע גרויסע עלעגאַנטע פענסטערס, טוען אַריינברענגען אַ נאַטירליכע ליכטיגקייט אינעם היכל הביהמ"ד הגדול און אין אַלע אַנדערע היכלות וחדרי התורה והתפלה, שאַפנדיג א הנאה'דיגע געשמאַק אין די היכלי בית ה'.

די מקוה מפוארה איז ממש מאין דוגמתה, דריי הערליכע בורות הטבילה, געבויעט מיט א באצויבערנדן פּראכט, צענדליגער שויערס, אלעס הערליך שיין, ציכטיג, פריש, באַגלייט דערנעבן פון א פולקאמער משמש-געשעפט – פון העכער 1,500 סקווער-פיס – מיט אלע צוגעהערן וואס עס קען זיך נאר פאדערן, לטובת ולתועלת הציבור, מיט די גרעסטע מאָס הרחבת הדעת און מלכות'דיגקייט.

אַ ריזן פּארקינג-לאט, וואס קען אקאמאדירן העכער 200 קאַרס, איז אויסגעפלאַסטערט געווארן אלס זעלטענע עררייכונג פאר א ביהמ"ד צו קענען אויפנעמען אזא ריזן ציבור אויפאמאל, אלס א ריכטיגע תל תלפיות שכל פיות אלי' פונות בכל עת ועידן, ערב בוקר וצהרים, צו די מניני תפלה, צו די שיעורי תורה, לשאול בדבר ה' זו הלכה, וכל המסתעף.

וויפיל שעות תורה, וויפיל שעות תפלה, וויפיל מעשי צדקה וחסד, וויפיל הגברת העדה הקדושה להתנהג בדרך ישראל סבא, וויפיל הוראה לדורות, עס גייט ארויסקומען פון דעם בנין, איז דאך איינפאַך אין לשער ואין לתאר!

ווי גרויס איז, דעריבער, די שמחה ביי כל קהלא קדישא הדין, צו הערן אַז לרגל דעם גרויסן יום טוב'דיגן טאָג, צו דער לאנג-דערווארטעטער און פריידיגער געלעגנהייט וועט מען אי"ה האָבן די זכי' מיטצולעבן א הערליכער און דערהויבענער מעמד "קביעת מזוזה" בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א וואו עס ווערן געלאַדענט אַלע תושבים היקרים פון דער גאַנצער שטאָט, "די נייע מתפללים" פונעם ביהמ"ד, די אנ"ש הנכבדים וועלכע קוקן אַרויס צו באַנייען זייער מלכות'דיגן נייעם רוחניות'דיגן קוואַרטיר, וואָס עפענט אצינד אירע טויערן און וועט שוין פאַרבלייבן פתוח לרווחה לעד ולנצח, אויך בביאת הגואל ווען עתידין בתי מדרשות להקבע בארץ ישראל.

## ביום שהוקם בו המשכן — אַ פּראַכטפולער געהויבענער מעמד וועט פותח זיין שערי הביהמ"ד

דעם קומענדיגן דינסטאָג בשעה 8:00 לעת ערב וועט זיך אי"ה צום ערשטן מאָל עפענען דער ביהמ"ד, וואו ס'ווערט איינגערישט דער הערליכער מעמד קביעת מזוזה ומסיבת לחיים רבתי. די געטרייע עסקנים האָבן זיך שוין אריינגעווארפן אין דער פארצווייגטער הכנה דרבה, און אין די יעצטיגע טעג פארענדיגט מען אלע פלאנירונגען אז די גאַנצע מאורע זאל אפגעראכטן ווערן אי"ה מיט'ן גרעסטן כבוד, בפאר והדר אשר ממנו יקחו לעבוד את ה' – ואשרי עין ראתה שמחת קהלינו!

לויט די פארעפענטליכטע פלענער וועט מען אי"ה עפענען די טויערן אום אכט אַזייגער אוונט, ווען מ'וועט זיך שטעלן א מנין מנחה ברוב עם הדרת מלך, און ס'וועט זיין א געלעגענהייט פאר די הונדערטער תושבי בלומינג גראָוו ארומצוגיין אויף אַן ערשטמאָליגן "טור" אין דער געביידע, זיך אומקוקן אויף כל מעשה תקפה וגבורתה, אויף אלע מלכות'דיגע שטאָקן, וואו זיי גייען אי"ה זיך קוואַרטירן מהיום והלאה בחיים הרוחניים בכל יום ויום.

אום 9:00 אַזייגער וועט מען אי"ה האָבן די זכי' מקבל צו זיין את פני הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ובנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, ווען דער רבי שליט"א וועט דאן תיכף צוגיין, במעמד כל הקהל הקודש הזה, צו קלאפּן די מזוזה אויפ'ן הויפּט-טויער פונעם ביהמ"ד, הצבתי לך ציונים, און דאַן וועט הגה"צ דער רב שליט"א קובע זיין אַ מזוזה, הרה"ג הדומ"ץ שליט"א, און די אחים הנדיבים הבונים ומקימים









וואס זענען זוכה לראות בפרי עמלם.

דאַן וועט מען אַריינגיין אינעם היכל הביהמ"ד המפואר וואָס ווערט פראכטפול צוגערישט לכבוד המעמד, וואו מ'וועט אפּרעכטן דעם מסיבת לחיים. לכבוד'ן באַנייען דעם ביהמ"ד. מ'וועט אי"ה האבן די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און אַזוי אויך וועט מען הערן דברי ברכה פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, נאכגעפאלגט פון דברי תהלה פון הרה"ג הדומ"ץ שליט"א וואָס אור תורתו זורח אויף אַלע אנ"ש התושבים בכח תורתו והוראתו, וכמים פנים אל פנים, ברגשי אהבה והערצה.

## שהחיינו! דאָס ביהמ"ד פאָרגעברייט אַריינצוגיין אין פולסטן דינסט לתורה ולתפלה ולטהרה!

דער מעמד וועט ווירקליך פותח זיין שערי' פונעם בנין האדיר, ווען תיכף ומיד טוט דער נייער ביהמ"ד אַריינגיין אין באַנוץ! אַלס הערליכער צענטער פון תורה ועבודה וגמילות חסדים, אַ שפּרודלדיגער מנינים-פעסטונג אינדערוואָכן מיט מניני שחרית מנחה מעריב, מדי יום ביומו, מיט שיעורי תורה וחברותות, און אָפּגערעדט בשבתות ובמועדי השנה פאַר די תפלות ברב עם הדרת מלך, מיט הרחבת הדעת, דינענדיג אַלס "אבן שואבת" פאַר אנ"ש אין אַן אייגענעם רחבות'דיגן בית מקדש מעט.

אין די יעצטיגע טעג אַרבעטן די עסקנים הפעטיג אויסצורישן דעם ביהמ"ד מיט אלע צוגעהערן, שפּאָגל-נייע סידורים און אלפי ספרי קודש, מיט אַלע פּיטשוועקעס אַרום און אַרום אַז ס'זאָל שוין אַלעס זיין גרייט, דאָס ביהמ"ד זיין פולשטענדיג אפּערירנד מיט אלע צוגעהערן.

עס ווערט שוין פארעפנטליכט דער אָנגייענדער סדר המנינים, די שיעורי תורה, די מקוה מפוארה, מ'האָט שוין ב"ה אַדורכגעפירט די געלונגענע אויפנאַמע פון אַ געטרייען משמש און מסדר מנינים אויפ'ן פלאַץ, אַלע סערוויסעס לטובת הציבור ווערן פאַרפולקאָמט, אַז אַלעס זאָל לויפן און פונקציאָנירן אויפ'ן שענסטן און פראַכטפולסטן פאַרנעם.

אנ"ש זענען, אלזא, מלא התרגשות, מיט א שפּאנענדע ערווארטונג, צו קענען אריינקומען אין די שערים המצויינים פונעם אויגפארכאפּנדן "ביהמ"ד קהל יטב לב מעריוואלד בלומינג גראָוו - בנין יאקאבאוויטש", דעם קומענדיגן דינסטאָג ביים מעמד ההוד קביעת מזוזות ומסיבת לחיים רבתי וואס וועט צונויפנעמען אחים לדעה כאיש אחד ובלב אחד, מתוך שמחה וחדוה, וממנו יתד וממנו פינה, פאַר'ן ווייטערדיגן בליה און וואוקס פונעם בית ה' ברוב פאר והדר.

הגדיל ה' לעשות עמנו היינו שמחים! אנ"ש זענען איבערגליקליך איינגעהילט ברגשי שבח והודי' להשי"ת מיטהאַלטנדיג ווי מ'שפּאַנט אַזוי הערליך פאָראויס מחיל אל חיל, מ'האָט נישט גענוג ווערטער אויסצולויבן און מכיר טובה זיין די בוני המלוכ"ה וועלכע האָבן אזויפיל כוחות דמי"ם תרתי משמע אינוועסטירט צו קענען אויפבויען און עפענען די שערי הביהמ"ד כליל בהדרה, און פון הארצן טיפן רייסט זיך ארויס א תפלה וואָס מ'זאָגט טאַקע ביי הלל ביום ראש חודש: אנא ה' הושיעה נא! אנא ה' הצליחה נא! מ'זאל קענען ווייטער פאָרזעצן בגאון ובעוז, לילך מחיל אל חיל, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ, הולך וגדל עד כי גדול מאוד, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות להקבע בארץ ישראל", ושם נעלה ונראה, בביאת גואל צדק בב"א.

**מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב • וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבוֹא בֵיתֶךָ! אַ פייערדיגער שהחיינו פאַר ק"ק סאטמאר! לְמַעַן גָּדְלָךְ וְתִפְאַרְתָּךְ!**

---

לַעֲשׂוֹת לְךָ שֵׁם תִּפְאָרֶת:

# "שם הבנין" פון נייעם ביהמ"ד האדיר שפּיגלט אָפּ דעם כתר שם טוב העולה על גבי'

# ויקרא שמה "בנין יאקאבאוויטש" לדורות עולם לכבוד ולתפארת

"וכתר שם טוב עולה על גבי'", טוט זיך אָפּשפּיגלען דער נאָבעלער און גאָלדענער "כתר שם טוב" איבער די נייע פעסטונג ביהמ"ד החדש קהל יטב לב ד'סאטמאר מעריוואלד בלומינג גראָוו, ווערנדיג באַקרוינט מיט'ן שם טוב הראוי והנאה לה "בנין יאקאבאוויטש" בהוד ובכבוד ובתפארת, לשם ולתהלה, ונתתי להם בביתי ובחומתי יד ושם טוב שם עולם אשר לא יכרת!

ולזכרון עולם וועט מיט פּראַכט איינגעקריצט ווערן בקורות ימי ק"ק סאטמאר מעשי תקפם וגבורתם פון די נדיבים הנכבדים בונים ומקימים, הרה"ח ר' דוד לייבוש יאקאבאוויטש שליט"א, חבר הנהלת ק"ק ומוסדות סאטמאר ואחיו הדגול הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש שליט"א, סגן ראה"ק דקהל יטב לב, וועלכער האָט בנוסף לנדבותיו העצומות אויפצובויען דעם בנין האדיר זיך אליין אפּגעגעבן להעמיד הבית הגדול והקדוש על תלה בנוי', מיט א מורא'דיגע איבערגעגעבנקייט, און אינאיינעם האבן זיי זוכה געווען להעמיד מבצרים כבירים בכל אתר ואתר.

דער כתר שם טוב למשפחת יאקאבאוויטש הנדיבה פיגורירט אויף די שענסטע און גרעסטע געביידעס וואָס סאַטמאַר פאַרמאָגט, אריינגערעכנט דעם תל תלפיות וגולת הכותרת פון ממלכת סאטמאר די בניני ה"ישיבה גדולה", און די פּראכטפולע בתי מדרשים די בכל אתר ואתר, אוהב מצוות לא ישבע מצוות, וצדקתם עומדת לעד.

חיבה יתירה נודעת פונעם נדיב הדגול צו דעם הינזיכט פון "הרחבת גבולי הקדושה", ובפרט צו "בויען בתי מדרשים" פאַר קהל עדתינו, האָבנדיג די זכי' אויפצובויען, יחד עם אחיו הנכבד והנעלה הרה"ח ר' דוד לייבוש שליט"א, די פּראכטפולע מגדלים נאים, פעסטונגען פאַר סאַטמאַר אין וויליאַמסבורג, די באַרימטע בתי מדרשים "בית יעקב נחמי'" אויף מוירטל עוועניו און "בניני יאקאבאוויטש" ליע גארדענס, וועלכע זענען ביידע אויסגעשטיגן אַלס מאַסיווע צענטערן לתורה ולתפלה, וואו "טויזנטער" אידן דרייען זיך דורך טאָג-טעגליך, און זענען פון די סאַמע שענסטע בריליאַנטן וואָס ברענגען א כבוד און שטאלץ פאַר ק"ק סאטמאר וויליאמסבורג.

באַזונדער איז נודע לשבח דער פּרעכטיגער און מאיעסטעטישער "היכל יעקב נחמי'" וואס זיי האָבן אויפגעבויעט אינעם "קליימער" ביהמ"ד, פאר'ן קאָסט פון אלפים ורבבות, אַהערשטעלנדיג א כלילת יופי, פון די סאַמע שענסטע און פּראַכטפולסטע היכלי תורה ותפלה איבער דער גאַנצער שטאָט, ובהיכלו כולו אומר כבוד, און בעת די שורות ווערן געשריבן האלט מען שוין אין די לעצטע פאַזעס פון גענצליך פארענדיגן און ערגענצן דעם פּראַכט פונעם ביהמ"ד הנהדר שכונת "טרופ גערי" וואָס וועט אויך טראָגן דעם כתר שם טוב פון "בניני יאקאבאוויטש" על גבי'.

הערשט נישט לאנג צוריק איז אין וויליאמסבורג אפּגעראכטן געווארן דער מעמד חנוכת הבית פונעם בנין האדיר והנהדר "בנין ריזל יכט", אויך נתנדב דורך האחים יאקאבאוויטש המפוארים על שם ולעילוי נשמת אמם החשובה והנכבדה ע"ה, וואס איז אַן אימפּעריע פאר'ן בית רחל פון די מוסדות הק' למען חינוך אלפי בנות ישראל הכשרות לדורות יבואו.

איז בכן הנה מה טוב ומה נעים, ווען אצינד ווערט אריינגעפלאכטן א פרישע בריליאנט אין דעם שרשרת הזהב פון "בניני יאקאבאוויטש" די בכל אתר ואתר, ווען עס ווערט שוין באנייעט מיט פּראַכט, נאכ'ן אויפבוי פאר מיליאנען דאלער, דער נייער מאַיעסטעטישער ביהמ"ד קהל יטב לב מעריוואלד בלומינג גראָוו באקרוינט מיט'ן גאָלדענעם כתר שם טוב "בניני יאקאבאוויטש" לתפארת קהלתינו הקדושה.

ס'איז באקאנט דאס ווארט אויפ'ן מאמר חז"ל "מצוה גוררת מצוה", אז מ'דארף אלץ צוריקוקן, ווען א איד טוט א דבר טוב, וואס א זכי' ער האט געהאט קודם, אז ער האט געקענט גרייכן אזא פרישע מצוה. דא ביים בונה ומקים פונעם ביהמ"ד החדש, דארף מען נישט צופיל נישטערן די פריערדיגע זכותים, ווייל די אלע בנינים כבירים המה מעידים על כל מעשי תקפו וגבורתו ופרשת נדבתו, די אלע מגדלים נאים זענען עומדים לתלפיות בעוז וברמה, און אצינד איז מען זוכה צום באַשיינפּערליכן "ילכו מחיל אל חיל", מיט'ן שענסטן פּראַכט.

מזמור שיר חנוכת הבית לדו"ד – ויתן לך את ברכת אברה"ם! אנ"ש תושבי בלומינג גראָוו זענען מעומק לבבם דאנקבאר די נדיבים הבונים והמקימים על כל הטוב והחסד, אויף דעם בית הגדול והקדוש וואס זיי האבן געהאט די זכי' מעמיד צו זיין מיט'ן גרעסטן פּראַכט, מיט'ן שענסטן רחבות, אַלס ריכטיגער סאטמארער אימפּעריע, א רוחניות'דיגער תל תלפיות, לתורה, לעבודה, לקדושה וטהרה, א מגדל אדיר מיט אלע פּיטשוועקעס וואס וועט אי"ה פארבלייבן א מגדל אור לדור ודור.

עס בלייבט נישט איבער מער ווי צו וואונטשן אז דער גרויסער זכות זאל טאקע בייזשטיין פאַר האחים הנדיבים שיחי', געבענטשט צו ווערן בכל מילי דמיטב, זכותו הגדול והקדוש פון מרן רבינו הק' זי"ע זאל זיי ביישטיין, די אלע זכותים פון העמדת ג' עמודי העולם זאָל נזקף ווערן לזכותם לעד ולנצח נצחים, און ס'זאל אוודאי ברענגען די שענסטע זכותים פאַר – להבחל"ח – אביהם הדגול הבלתי נשכח, ותיק וחסיד, מפּארי תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' יעקב נחמי' ז"ל בגנזי מרומים וועלכער וועט זיך דערקוויקן מיט דעם קול קול יעק"ב און די זכותים פון קדושה וטהרה וואָס וועט אַרויסגיין פון דעם בית גדול לה', ביז מ'וועט שוין זוכה זיין צום "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות להקבע בארץ ישראל", בב"א.

**ועל הבית הגדול והקדוש שנקרא שמך עליו!**

בס"ד

והראנו
בבנינו ושמחנו
בתקונו ושם
נעלה ונראה

# תל תלפיות פתוח לרווחה



## מאַיעסטעטישע היכלי תורה ותפילה

הערליך און רחבות'דיג פאַר די
מניני שב"ק ולקביעת עיתים לתורה



## פרעכטיגע מקוה מפוארה

אויג-פאַרכאַפּנדע מקוה | 3 הערליכע
בורות הטבילה | 20 באַקוועמע שויערס



## 4 מנינים צענטערן

לופטיגע הרחבה'דיגע "חדרי התפלה"
פאר די בסדר'דיגע מנינים ערב ובוקר



אַשְׁרֵינוּ כְּשֶׁאָנוּ מַשְׁכִּימִים
וּמַעֲרִיבִים בְּבֵית הַגָּדוֹל
וְהַקָּדוֹשׁ הַזֶּה

# ג' תזריע
# ר"ח ניסן
הבעל"ט

# יום פתיחת שערים

ביהמ"ד
הגדול והמפואר
## קהל יטב לב סאטמאר
מעריוואלד – בלומינגראוו
## בנין יאקאבאוויטש

31 MERRIEWOLD LN SOUTH,
BLOOMING GROVE NY 10950

## א נייע גאָלדענע תקופה!
הייבט זיך אָן פאַר אנ"ש היקרים מיט אַ
פרעכטיגן רוחניות'דיגן בליה אַשְׁרֵינוּ כְּשֶׁאָנוּ
מַשְׁכִּימִים וּמַעֲרִיבִים בְּבֵית הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ הַזֶּה



## מלבות'דיגע לאָבי
ברייטע קארידארן מיט קאַווע
צימערן, קאָוט-רומס, און אלע
צוגעהערן לרחבת הציבור



## פולשטענדיגע מקוה געשעפט
מיט ריזן אויסוואל פון אלע סארט
וויין, זשודעיקא וטעימה, שבת
ויו"ט באדערפענישן



## ריזן פאַרקינג שטח
העכער 200 פאַרקינג ספאַטס אויפ'ן שטח
הביהמ"ד צו אקאמאדירן ציבור הרחב

בס"ד




A1 IRONWORKS — structural and miscellaneous steel fabricators

Doors and Hardware LLC

amp partitions — Division of Privacy™

Advanced Windows

AMBEX

Artistic Tile Installation

b visible

Boro Park Signs

Bucket Enterprises

Countywide Carting Ltd

DripDrop — Know Better Protection™

FSI Five Star Interiors

Global Fire Prevention — Automatic Fire Sprinklers

H&W Door and Hardware

Hello Lighting

hershy's fencing & railings

TopNotch Mason

KJ Tiles Co.

Kingdom Custom Woodwork

LucKlean

Master Roofing and Siding

Monsey Lumber Corp. — Spring Valley, NY

Orange County Superior Concrete

Prime Security

Parkway Builders

power air HVAC Pros

Certified Lumber & Home Center

Worldwide — The World of Plumbing Supplies™

Hartman Design



Premier painters
Reliable Electrician
SPEEDY
SUPERMARKET MAVEN
TILE FIX
Total Concrete
trimpro
ULTIMATE Plumbing & Heating
uprise IMPROVEMENTS
Valley Framers
WELL DONE INSULATION
YOSSI·G
MidPost
cementX
ADEN AGGREGATES
תכלית טרקלין ופלטרין
"בנין יאקאבאוויטש"
BRIGHT VIEW

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



פלאטע טראקטארן אויפן שטח אויפן ריזיגן פארקינג לאט ביים ביהמ"ד החדש אויף מעריוואלד



מערקט פונטינג געגאסן פאר די מאסיווע שטיגן אויף מעריוואלד
וואס וועט גיין פונעם סיידוואק ביזן ביהמ"ד



כולו אומר כבוד! צענטראלע בנין ביהמ"ד אין צענטער פונעם שכונה

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



רעכטע זייט פון בנין האדיר. אריינפאר פונקט צום גיגאנטישן פארקינג לאט



רחבות'דיגע קאווע צימער אויפן שטאק פון די חדרי תפלה להשקות צמאי חסדיך



שער המרכזי הויפט אריינגאנג פון מעריוואלד צום בנין האדיר והמפואר

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



בחצר המלך: רחבות'דיגע קארידאר מיט די שטיגן און עליוועיטאר צווישן אלע שטאקן - רעכטע ארויסגאנג איז קעגן איבער די הצלה גאראדזש



ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה



איינע פון די רחבות'דיגע פרעכטיגע חדרי תפלה

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



ברייטע פרוזדור צווישן די פיר לופטיגע חדרי תפלה פאר די מניני שחרית מנחה מעריב



'חדר דוד לייביש' וואס וועט שטיין צום דינסט פאר לעכטיגע היכל התורה 24 שעה א טאג

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



בחצר המלך: רחבות'דיגע קארידאר מיט די שטיגן און עליוועיטאר צווישן אלע שטאקן - רעכטע ארויסגאנג איז קעגן איבער די הצלה גאראדזש





די 2 שאוער שטיבער אויף ביידע זייטן פון די גרויסע מקוה



לעצטע איינריכטונגען פון באקוועמע מקוה בענק אינעם חדר המקוה



דאס איז נישט קיין סקיצע! חדר נטילת ידים אויפן ערשטן
שטאק מיט ארויסבליק צו די הערליכע גאסן ארום

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



איינע פון די קאווע צימערן



ליכט באקס פארענטשעס איינגעריכטעט נעבן די חדרי תפלה



נטילת ידים נעבן די חדרי תפלה. מערקט פראקטישע ארייגעבויעטע האלטער פאר פאפיר



פילצאליגע טו"ת לאקערס פאר די באי ביהמ"ד





אינסטאלירט אלע ספרים שענק פאר סידורים, חומשים און אויך אין די היכל התורה. מערקט די פענסטער פאר שבת'דיגע עזרת נשים

# ביהמ"ד החדש - בנין יאקאבאוויטש - דקהל יטב לב



גרויסע סערוויס שטיבל נעבן די מקוה מפוארה ווערט אויסשטאפירט מיט
אלע נייטיגע געברויכן צו די באקוועמליכקייט פון די מתפללים



פרעכטיגע ארון קודש פאר יעדע חדר התפלה



בס"ד

Beis Medresh
**Khal Yetev Lev D'Satmar**
Blooming Grove

בית המדרש
**קהל יטב לב ד'סאטמאר**
מעריוואלד - בלומינגראוו

לעמד לשרת בשם ה'

בכבוד רב הננו בזה להודיע לכל קהלא קדישא הדין

**אנ"ש תושבי שכונת בלומינגראוו שיחי'**

אשר לרגל פתיחת שערי בית מדרשינו החדש

# נתמנה ממונה מיוחד

**ומש"ה עומד ומשמש**

ה"ה האברך היקר והחשוב ברוך הכשרון וכביר המעש,
רב פעלים לתורה ולתפלה, נחמד לשמים ולבריות

# מו"ה משה קרויס הי"ו

בן הרה"ח ר' **יהוסף** הי"ו - וחתן הרה"ח ר' **יודא אלחנן דוב יאקאבאוויטש** הי"ו

לעבוד את עבודת משכן ה' ולעמוד על העדה ולשרתם בתור

# גבאי לימות החול

לנצח על סדר המנינים

**שחרית מנחה מעריב, ערב בוקר וצהרים**

ולשרת את הציבור לשביעת רצון כל באי הבית

**בבית מדרשינו החדש והמפואר**
קהל יטב לב סאטמאר - מעריוואלד בלומינגראוו
**בנין יאקאבאוויטש**
31 Merriewold Ln North, Blooming Grove NY 10950

**לכל עניני סידור מנינים ושיעורי תורה בימות החול**
**יכולים לפנות להממונה החדש ויסדר את הכל עצהיו"ט**

ויהי נועם ה' אליו, חפץ ה' בידו ובידינו ישכיל יצליח, בחצרות ה' אלקינו יפריח, לרומם כבוד בית ה' לשם ולתפארת!

המקדמים פניכם בכבוד רב

הנהלת הביהמ"ד

31 MERRIEWOLD LN S MONROE, NY 10950

בס"ד

זֶה הַיּוֹם נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בּוֹ

# דעטאַלירטע איינצלהייטן

אָנווייזונגען צום מעמד ההוד

## מעמד "קביעת מזוזות ומסיבת לחיים רבתי"

לרגל גמר והשלמת ופתיחת מגדל האדיר והכביר

## ביהמ"ד הגדול והחדש קהל יטב לב ד'סאטמאר

**בנין יאקאבאוויטש**

31 Merriewold Ln South

ביום הוקם המשכן

## ג' תזריע ראש חודש ניסן

**בשעה 8:00**

**בהשתתפות הוד כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א ובנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

קהל יטב לב ד'סאטמאר

בנין יאקאבאוויטש

**פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם כי יום זה גדול לפניך!**

אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה אָהֳלֵנוּ בְּשִׂמְחַת קְהָלֵנוּ!

אין צוגרייטונג צום מעמד ההוד והדר

# "קביעת מזוזות ומסיבת לחיים רבתי"

## לרגל דעם גליקלי[...]
## חנוכת בית מדרש[...]

העומדת על תלה בנוי", בנוי לתלפיות בעוז וב[...]
אבן שואבת לתורה ולעבודה וגמילות חסד[...]
אבן שואבת פון אנ"ש חברי קהלתינו ה[...]

## פּאַרקינג פאַר'ן גאַנצן ציבור

עס וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט פּאַרקינג בהרחבה פאַר'ן גאַנצן ציבור ביים שטח האדיר פונעם ביהמ"ד ווי אויך אונטער'ן ביהמ"ד.

אַ ספּעציעלע פּאַרקינג פירמע וועט פאַרפיגן אויף אַלע פּאַרקינג אנגעלעגנהייטן, ביטע אויספאָלגן די אָנווייזונגען איר זאָלט קענען פּאַרקירן שנעל און באַקוועם.

## הִיא נִפְלָאת בְּעֵינֵינוּ!

פּתיחת הבנין בשעה 7:45

**אום א פערטל צו אַכט וועלן זיך עפענען די טויערן פונעם מלכות'דיגן בנין האדיר וואָס ווערט אי"ה געעפנט ברוב פאר והדר למען עשה כיום הזה להחיות עם רב.**

עס וועט זיין א געלעגענהייט פאַר כל הקהל הקודש אַרומצוגיין אויף אַלע שטאָקן, חדרים און היכלות, די מקוה מפוארה מיט אלע איינריכטונגען, פון די מעכטיגע 35 טויזענט סקווער פיס אימפּעריע וואָס שטייט שוין על תלה בנוי' און הייבט אָן אַ נייע גאָלדענע תקופה פון רוחניות'דיגע בליה און וואוקס פאַר קהל עדתינו.

## ...בן טאג פון
## ...טינו הגדול

...רמה אלס פראבטפולער
...ים, דער רוחניות'דיגער
...הק' תושבי השכונה

טוען מיר
פאַרעפענטליכן די
וויכטיגע דעטאַלן
מיט'ן סדר המאורע
און מיר בעטן דעם
ציבור זיך צוצושטעלן
צו אַלע אָנווייזונגען
צו קענען אָפּרעבטן די
מאורע הכבירה ברוב
פאר והדר ויתקדש
שם שמים על ידינו

## תפילת מנחה ברוב עם

ברוב עם הדרת מלך בשעה 8:00

בשעה 8:00 וועט אי"ה זיך שטעלן א גרויסער מנין אין בנין החדש אויפ'ן ערשטן שטאָק, אינעם היכל הביהמ"ד החדש והמפואר, וואו מ'וועט דאַווענען מנחה אי"ה ברוב עם הדרת מלך.

## הופעת כ"ק מרן רבינו שליט"א

ווי נאר רבינו שליט"א ופמלייתו וועט אי"ה אנקומען וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א קלאפּן די מזוזה אויפ'ן הויפּט-שער הביהמ"ד הגדול והנהדר, ווען דער גאנצער ציבור ארום וועט עס מיטהאלטן בהדרת קודש.

דערנאך וועט הגה"צ האב"ד ור"מ שליט"א קלאפּן די מזוזה, און דערנאך הרה"ג הדומ"ץ שליט"א און הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א.

## מסיבת לחיים רבתי

תיכף נאָכ'ן קביעת מזוזה וועט מען אַריינגיין אינעם היכל הביהמ"ד המפואר וואו עס וועט פארקומען דער גרויסאַרטיגער פייערליכער

# מסיבת לחיים רבתי

## לרגל המאורע פונעם גמר הבנין וחנוכת הבית הגדול והקדוש

באותו מעמד וועט מען אי"ה האָבן די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א און דברי ברכה פון הגה"צ האבד"ק שליט"א און אזוי אויך א דרשה פון הרה"ג הדומ"ץ שליט"א, דערנאָך וועט דער גאַנצער ציבור תושבי השכונה האָבן די זכי' אַריבערצוגיין נעמען שיריים געבן לחיים ולהתברך מכ"ק מרן רבינו שליט"א.

## תפלת מעריב ברוב עם הדרת מלך

תיכף נאָכ'ן מעמד לחיים וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א אי"ה באנייען דעם היכל הביהמ"ד המפואר מיט

### אַ געהויבענעם תפלת מעריב ביחד כל הקהל הקודש הזה בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

**אַזוי אויך וועלן זיך שטעלן דערנאך עטליכע קלענערע מנינים מעריב לתועלת הציבור תושבי שכונתינו**

ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח ויתקדש שם שמים על ידינו, גדול יהי' כבוד הבית הזה לה' ולתורתו, והבית יהי' עליון לשם ולתפארת ולתהלה, להגדיל קהלתינו הק' ולהאדירה.



בס"ד
הָיְתָה לְרֹאשׁ
הלמה מיוחדת
קהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
מעריוועלד - בלומינגראוו
בנין יאקאבאוויטש
בנין יאקאבאוויטש
קהל יטב לב ד'סאטמאר



שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד
ובמיוחד אנשי שלומינו תושבי עירינו
לשוש אתנו משוש ולהקהל ולהתאסף יחד במעמד נאדר בקודש
מעמד קביעת מזוזות
ומסיבת לחיים רבתי
בית מדרשינו
הגדול והמפואר
קהל יטב לב סאטמאר
מעריוואלד – בלומינגראוו
בנין יאקאבאוויטש
כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
והגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
ג' תזריע
ר"ח ניסן
הבעל"ט
בשעה 8:00 אחה"צ
פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה קה
זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו
הנהלת הקהלה

די אַלגעמיינע פינאַנציעלע וועלט איז גענענגט, אָבער קרית יואל'ס פינאַנצירונג
פאַר אירע אייגענע מוסדות דעם פסח גייט זיין ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר:

# אין ברען פון וואַקלדיגע עקאנאמיע און שאַרפע אינפלאַציע שרייט גאַנץ קרית יואל רבתי עם "ראשון הוא"!!! אונזערע מוסדות, אונזערע קינדער, וועלן מיר אנהאַלטן בכל לבבינו ובכל נפשינו!

ווען יעדער תושב קרית יואל וועט זיך אָנשליסן מיט

# "$600" פאַר די הייליגע מוסדות ערב פסח

וועט געשאַפן ווערן אַ מעכטיגע באַזע אַז די הייליגע מוסדות זאָל קענען ווייטער פונקציאָנירן בגאון ובעוז

ראשון הוא לָכֶם:

## דאָס ערשטע! דאָס הייליגסטע! דאָס וויכטיגסטע!

# יעדער שענקט $600 פאַר די הייליגע מוסדות!

קרית יואל'ס שטאַנדהאַפטיגע איבערצייגונג אַז אונזערע קינדער איז "ראשון הוא" וועט זיך בפועל אָפטייטשן מיט "יעדנ'ס אָנשלוס" מיט כאָטש $600

יעדער טאַטע | יעדער בעה"ב
יעדער זיידע | יעדער יונגערמאַן
יעדער תומך | יעדער תושב

קרית יואל. – קוים וואָס דער געהויבענער יו"ט פורים איז אַריבער, און שוין שפּירט זיך דער "ערב פסח" אין די לופט, מ'לויפט שוין קויפן מצות, מ'רייניגט און מ'שייערט, און מ'גרייט זיך אריינצוברענגען דעם הייליגן לעכטיגן יום טוב, וואָס די הייליגע שטאָט וכל תושבי' קוקט אַרויס אין אַ פאראייניגטער האָפענונג אַז מ'זאָל דעם חג המצות זוכה זיין צו קענען פראַווען בשמחה ובדיצות, מיט פרייד און גליקליכקייט, ולכל בני ישראל יהי' אור במושבותם.

אָבער, אַ שווער געמיט הערשט יעצט אין די אָפיסעס פון די הייליגע מוסדות קרית יואל – דאָס פינטעלע אין האַרץ ביי יעדן איד וואָס וואוינט אין עירנו הגדולה והאדירה ובגלילותי' אשר סביבותי'.

מ'שפּירט ווי מ'קען נישט אריינגיין אינעם הייליגן יום טוב פסח, בעפאר מ'פאַרזיכערט נישט אַז דער יסוד היסודות פון אונזער הייליגע שטאָט, דאָס ערשטע און טייערסטע פאַרמעגן, די קאָלעקטיווע אייגענטום פון כל תושב העיר, איז פאַרזיכערט בעז"ה!

"ראשון הוא", שרייט, אלזא, גאַנץ קרית יואל אויס בלב ובנפש, מיט אַ פאראייניגטער אנטשלאסנקייט אַז מיר גייען דאָס התלהבות'דיג באַווייזן אי"ה, ובשם ה' נעשה ונצליח.

## די אינפלאַציע רייסט שטיקער!

ס'נישט משיג צו זיין וואָס האָט פּאַסירט אין די לעצטע צוויי יאר מיט די אינפלאַציע וואס רייסט שטיקער און לאָזט נישט נאָך. די 30-פּראָצענט געשטיגענע קאָסטן רייסן אַריין לעבעדיגע שטיקער אין האַרץ פון אונזערע מוסדות, און פּשוט ס'לאָזט נישט לעבן במנוחה!

ווען מ'רעדט מיט די הנהלת המוסדות אין די יעצטיגע טעג, הערט מען פון זיי אַן אמת'דיגער טיפער זאָרג, מיט אַ טאָן וואָס דערציילט איבער אַ דאגה עמוקה איבער וואָס דאָ גייט געשען ווייטער.

ס'איז פּשוט און איינפאַך אַז די חשבונות שטימען נישט מער. די הוצאות זענען אַזויפיל מער ווי די הכנסות, אַז ס'שפּירט זיך יעדן יעדן טאָג ווי מ'טראָגט עס מער נישט דורך. דער דרוק, דער עמל, די יגיעה, איז עפּעס נישט פּשוט!

"ראשון הוא", שרייט אויס קרית יואל, בלב שלם, הערנדיג איבער דעם באַזאָרגנדן מצב אין אונזערע הייליגע מוסדות!

ס'נישטאָ עפּעס וויכטיגער אויף אונזער אַגענדע, ס'נישטאָ עפּעס וואָס איז ביי אונז מער חשוב און טייער, ווי אונזערע הייליגע מוסדות, און מיר גייען פאַר קיין פרייז אויף דער וועלט דאָס נישט לאָזן פאַלן!

דעם ערב פסח תשפ"ד גייען מיר שענקען היסטאָרישע שטיצע, אַז די גאַנצע שטאָט, אַז די גאַנצע וועלט, אַז גאַנץ סאַטמאַר, זאָל וויסן קליפּ און קלאָר: אונזערע מוסדות איז ביי אונז דאָס טייערסטע און ערשטע, וכל אשר לנו ניתן בעד נפשינו!

# ראשון הוא

זמן חרותינו תשפ"ד לפ"ק

אונזערע קינדער קומען ערשט

אונזערע מוסדות קומען ערשט

## די פינאַנציעלע וועלט איז טאקע אין א שמאָלע מצב, אָבער קרית יואל'ס מוסדות גייען זיין שטאָלן-פעסט!

נישט אַ גרינגע יאר איז אַריבער אויף דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע.

די פינאַנציעלע וועלט איז היבש אנגעצויגן. מאַרקעטס וואַקלען זיך. עטליכע גוט-באַזירטע טשעין-געשעפטן מיט מולטי ביליאָנען אין נכסים שליסן זיך איבערנאַכט. און דאָס לאַנד ציטערט פאַר איר פינאנציעלן עתיד.

אָבער אין קרית יואל ווייסט מען נישט דערפון.

אין קרית יואל ווייסט מען איין זאַך: ר-א-ש-ו-ן ה-ו-א!

מיר האָבן קינדער, וואָס דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן.

מיר האָבן קינדער, וואָס מיר מוזן זיי מחנך זיין.

נישט בלויז מיר מוזן זיי מחנך זיין – נאָר מיר מוזן זיי מחנך זיין ריין! ערליך! הייליג! אָפּגעהיטן! מיט דעם חינוך וואָס מיר ווילן זיי געבן!

דאָס זאָל פאַסירן מוזן מיר האָבן "מוסדות", הייליגע, ערליכע, לעכטיגע, גוטע מוסדות, וואָס פירן זיך אויף די לויטערע אמת'דיגע דרכים.

און אָט די מוסדות "מוזן" זיין פעלזן-פעסט באַזירט!!! קראַנט מיט אַ שטאָלנקייט, אַז כל אינפלאַציעס שבעולם זאָל עס אַ ריר נישט קענען טון!

## רעסעסיעס קומען און אינפלאַציעס גייען, אָבער שלך לעולם קיימת! שלא תכבה נרך לעולם!

ס'ווילט זיך נישט שרייבן, אָבער דער אמת מוז געזאָגט ווערן אַזוי קלאָר ווי ס'איז.

אונזערע הייליגע מוסדות האבן זייער געליטן פון די אינפלאַציע.

די חברי הנהלה און די העלדישע עומדים בראש ברעכן אונטער מיט צער פון דעם שרעקליכן לאַסט.

אָבער, ביז אַהער, שרייט קרית יואל!

יעצט קומט פסח, און יעצט גייען מיר פאַרזיכערן אַז אינפלאַציע לאָזט נישט קיינע פינגער-אָפּדרוקן אויף אונזער הייליגסטע אייגענטום, אונזער שוואַרץ-אַפּעל אין אויג!

אונזערע מוסדות, פאַרזיכערן מיר מיט'ן גאַנצן האַרץ, גייט בעז"ה פאַרבלייבן שטאָלן-פעסט!

וואָס בעט מען יעצט אויפ'ן מאָמענט? אַ מינימום פון 600 דאָלער? וואָס איז דען די שאלה אפילו?!

קרית יואל דאַרף איין זאַך: אַז "יעדער תושב קרית יואל" זאָל פאַרזיכערן אַז אין די קאָנטע פון מוסדות קרית יואל איז דאָ גענוג אויף צו דעקן פּעיראָל פאַר אונזערע מלמדים, שבוע בשבוע!

## אין קרית יואל דאַרף מען נישט "אויסצאָלן";

## אין קרית יואל וויל מען "ווייטער צאָלן"!!!

ניין אין קרית יואל וואַרט מען נישט אויף ערב פסח אַז מ'זאָל דעמאָלט "אויסצאָלן" פאַר די מלמדים!...

איר וועט, ברוך ה', נישט טרעפן קיינע רעקלאַמעס וואָס רופן מיט געוואַלד קרית יואל'ער טאַטעס: ס'איז ערב פסח! געוואַלד! די מלמדים זענען נאָכנישט אויסגעצאָלט!

חלילה וחס!

פאַרוואָס דען עפּעס זאָלן זיי וואַרטן אפילו מיט איין איינציגסטן טאָג לענגער ווי דער פרייטאָג וואָס שליסט די וואָך אין וועלכע זיי האָבן געגעבן זייער האַרץ צו לערנען תורה מיט אונזערע קינדער?

זיי זענען דאָך אונזערע העלדן! עליהם תפארתינו.

חסדי ה'!

מוסדות קרית יואל איז דער פאָן-טרעגער אין כלל ישראל וואָס מיינט "צאָלן צייטליך" מלמדים!

מוסדות קרית יואל ציינט דעם וועג וואָס מיינט אונטערטראָגן מלמדים מיט כבוד און שעצונג!

מוסדות קרית יואל שטעלט אַ מוסטער פון כסדר שענקען נאָך טיפּס און הטבות פאַר די מלמדים!

נישטאָ אַ וואָך, פון פסח תשפ"ג ביז פסח תשפ"ד, וואָס "פּעיראָל" האָט געשפּעטיגט אפילו נאָר מיט איין טאָג.

מ'האָט עס זיי געגעבן יעדע איינציגסטע וואָך, פונעם גאַנצן יאָר, אָן קיין אָפּשטעל, בסבר פנים יפות, און נאָך אַסאַך אַסאַך מער באָנוסן און זייטיגע תמיכות לחזקם ולעודדם...

– אָבער וואָס וויל מען יעצט ערב פסח?

די מוסדות וויל, איינפאַך און קלאָר: זיי קענען ווייטער באַצאָלן! פאָרזעצן דאָס מסירת נפש!

פון אַ קאָנטע וואָס בלוטיגט אומאויפהערליך קען מען קיין פּעיראָל נישט צאָלן.

אָפּגערעדט אַז פון ליידיגע קאָנטעס קען מען קיין טשעקס נישט דעקן!

די זאַך מוז זיך ענדיגן!

מוסדות קרית יואל'ס באַנק-קאָנטע מוז אויפהערן בלוטיגן!

אויב איז דאס "ראשון הוא", האָבן מיר אַן אחריות צו פאַרזיכערן אַז די הייליגע מוסדות זענען סטאַביל!

און דערפאַר זענען מיר אצינד דאָ. נישט "אויסצוצאָלן", אָבער יאָ, אַבסאָלוט, צו "ווייטער באַצאָלן"!

דורך דעם מאַסיוון "ראשון הוא" קאמפּיין, די קמחא דפסחא אַקציע פון אונזערע הייליגע מוסדות, ווען יעדער וועט זיך אָנשליסן, וועט מען דאָס אי"ה ווייטער באַווייזן.

יעדער יונגערמאַן, יעדער טאַטע, יעדער זיידע, איז דערינען אָנגעשלאָסן! העלפן אויסגראָדן די חשבונות, און אַריבערטראָגן דעם שווערן לאַסט, און פאַרזיכערן אַז די הייליגע מוסדות זעצן פאָר בעוז וברמה, למען בנינו ולמען דורותינו!

**יאָ, מיר גייען אי"ה באַצאָלן, זעקס מאות יעדער, און די מוסדות וועלן קענען ווייטער באַצאָלן!**

**קרית יואל'ס פסח גורל תשפ"ד איפגעוויקעלט:**

# דראַמאַטישער גורל-ציאונג אויף אַריסטאָקראַטישע קעניגליכע זילבער-שטיקער צו באַצירן סדר-טיש, ווערד קאָלאָסאַלע $30,000

## מוסדות קרית יואל לערנט פונדאַסניי פשט אינעם "יסדר שלחנו בכלים נאים" מיט די קייזערליכע כלי כסף המפוארים צום ליל התקדש החג

דער סלאָגאַן פון "סדר טיש גורל" מיט "ערב פסח קאמפיין" פון מוסדות קרית יואל לויפט שוין סינאָנים, פאַר אַסאַך יאָרן... און היי-יאָר האָט זיך דאָס פריש געהויבן מיט אַ נייעם באַדייט, ואין בו אלא חידושו!

מ'האָט געלאָזט אַהערשטעלן, אַ קעניגליכע קאָלעקציע, פון מאַיעסטעטישע "זילבער שטיק" אויפ'ן רייכסטן און מלכות'דיגסטן פאַרנעם, עלעגאַנט און אַריסטאָקראַטיש; מ'רעדט באמת פון די שענסטע כלים וואס פארהאנען צו באַשיינען און פאַרהערליכן דעם "סדר טיש" פון דעם געווינער.

דאָס איז באמת די בפירוש'ע הלכה אין שלחן ערוך וואָס שרייבט פאָר אויף דעם ליל התקדש החג, אַז "יסדר שלחנו בכלים נאים", איינרישן דעם טיש מיט הערליך-שיינע כלים, ווי ס'פּאַסט אין אַזאַ נאַכט, ווען יעדער איד איז ווי אַ מלך בביתו, כאילו הוא יצא ממצרים!

נאָר בלויז כאפנדיג אַ בליק אויף דעם "קעניגליכן סדר טיש" פונעם "ראשון הוא" קאמפיין – וואָס דער סך הכל ווערד פון די זילבער שטיק איז ביי 30 אלפים – ווערן די אויגן באַגייסטערט פון איבערראַשונג, ווייל ווירקליך טוט עס גלאַנצן און שיינען מיט אַ מלכות'דיגן פראַכט.

ס'איז עפּעס וואָס "יעדער" וואָלט געוואָלט קענען באַזיצן אַזאַ "סעט" און פאַרמאָגן אַזאַ הערליך-געדעקטן טיש, ווי אַ ריכטיגער מלך, לכבוד יום טוב.

און אָט אָט גייט שוין זיין דער גורל'דיגער טאָג, קומענדיגן זונטאג יום בדיקת חמץ, ווען אלע אויגן גייען זיין געוואָנדן צו הערן: "נו, ווער האָט געווינען"?...

ראשון הוא! דאָס ערשטע צעטעלע וואָס מ'וועט אַרויסציען אינעם גורל'דיגן יום הגורל, דער וועט עס אי"ה האָבן אויפ'ן ליל הסדר תשפ"ד...

אַ קורצע ווײַלע נאָכ'ן גורל-ציאונג קלאַפּן אויפ'ן טיר די עסקני המוסדות מיט די קייזערליכע כלי כסף אָפּגעליפערט צו אייך אַהיים.

ס'איז זיכער, אַז "יעדער" וועט מאַכן זיכער, צו געבן דעם מינימאלן סכום פון 600 דאלער צום "ראשון הוא קאמפיין", און געווינען די מלכות'דיגע שטיק, וואס פארכאפן די אויגן מיט זייער פראכט, און קענען נאָך אויפ'ן היי-יאריגן פסח באצירן אייער סדר-טיש!

> **שליסט אייך אָן שוין! און זאָגט "הלילה הזה כולנו מסובים" ליל התקדש החג תשפ"ד מיט די מלכות'דיגע זילבער שטיק!**

פרייזן שטייגן און אינפלאַציעס קומען, אָבער שלך לעולם קיימת! שלא תכבה נרך לעולם! פאַרוואָס? ווייל ראשון הוא לכם!

### קרית יואל שטאָלצירט: התרוממות קרן המלמדים!

יעדער ווייסט וויפיל די הייליגע מוסדות זענען ב"ה געשטיגן. דאס דאָס וואָרט "מלמדים וכלי קודש" ארויפגעברענגט געוואָרן צום העכסטן שטאַפּל און באַגריף וואס נאר פארהאנען, מיט חידושים נפלאים למאוד!

פון קרית יואל איז עס ארויס אויף די גאַנצע וועלט. פון איבעראל, מקצה הארץ ועד קצהו, וויל מען נאָכמאַכן דעם וואונדער וואָס קרית יואל האָט באַוויזן.

'יהי' מה שיהי', יעדע וואָך, בכל שבוע ושבוע – זון אָדער וואָלקנס, רעגן צי שניי, זומער צי ווינטער – קומט אַ פולער פעליגער טשעק פאר יעדן מלמד און יעדע מחנכת אין דעם מוסד, פון אונטן ביז אַרויף, אָן קיין אויסנאַם!!!

דאָס איז שוין בנוסף צו די פילע "זייטיגע" באָנוסן און כסדר'דיגע תמיכות וואָס שעפערט פאַר די מלמדים, דורך די קופּת כלי הקודש און די הקשר טיפ-ליין מיט די נאָכאַנאַנדע טיפּס בכל עת מצוא, ווען אידן פראַוועון שמחות וכדומה, מיט דעם אָריגינעלן "טיפּ סיסטעם" וואָס מוסדות קרית יואל איז געווען "די ערשטע" דאָס מחדש צו זיין בעולם המוסדות, און פון דאָרט ווערט עס שוין היינט קאָפּירט אומעטום!

ס'איז עפּעס וואָס איז נישטאָ בדומה לה, אין קיין שום אַנדערן מוסד אין קרית יואל! און דאס ווערט אַרויפגעקוקט און געשעצט איבער די גאנצע שטאָט און איבער די גאַנצע וועלט!

### אָבער דאָס קאָסט מורא'דיגע יגיעה; די הנהלה ברעכט אונטער!

אַלעס פיין און וואויל, עס איז מורא'דיג, אָבער פאָרט איז די שאלה במקומה עומדת: וויאזוי באווייזט מען דאס? וויאזוי איז דאס מעגליך? ס'קאסט דאך מיליאנען?! טאָ וויאַזוי איז אפילו שייך אָנצוגיין און נישט אונטערברעכן?!

די אינפלאציע האט במשך די לעצטע צוויי יאר ארויפגעברענגט קאסטן מיט דרייסיג פראצענט, די הרחבת גבולי הקדושה שטייגט און וואקסט און קאסט מיליאנען, און די שכר לימוד דעקן דאך ווייט נישט אזעלכע ציפערן?!

די הייליגע מוסדות סאטמאר קרית יואל געניסט "די ווייניגסטע" פון רעגירונג-פאנדינג איבער גאנץ קרית יואל.

דער בעסטער תירוץ וועט נישט קענען אַזוי גוט ענטפערן אויף די הארבע פראגע ווי אט די צוויי ווערטער: "מסירת נפש!" מ'איז זיך מקריב און מ'אָפּפערט זיך אַוועק מיט שוויס, מיט בלוט, מיט יגיעה עצומה, יעדע וואָך, יעדן טאָג, יעדע שעה און יעדע מינוט!

אין דעם "תירוץ" שפּירן א גאר גרויסע ראָלע די טויזנטער געטרייע תושבי קרית יואל, די אלפי ההורים, די אלפי התומכים, וועלכע שליסן זיך אָן בלב ובנפש במשך דעם גאַנצן יאָר, מיט אזויפיל געטריישאפט, מיט אזויפיל הארץ.

מ'קען זאָגן קלאָר אַז "יעדער איינער" כפי ערכו שפּילט אין דעם תירוץ אַ חלק אדיר; די עלטערן מיט "פול שכר לימוד" בעתו ובזמנו; די אברכים מיט זייערע סכומים; די נגידים מיט ריזיגע סכומים להחזיק המוסדות והנהלת המוסדות מיט אַלע כוחות און מיט'ן גאַנץ האַרץ און געפיל.

דאָס – און נאָר דאָס – איז דער תירוץ!

אָט דאָס געלט פון "שכר לימוד", דאָס געלט פון "נדבות" וואָס אנ"ש שענקען, וואָס תושבי קרית יואל אָפּפערן פון זיך אוועק דעם גאנצן יאר, די נשמה וואס זיי ווייזן ארויס, דער רוקן-ביין וואס זיי ציינן, ווי יעדער איבערצייגט איינמאל און נאכאמאל אז דער קיום המוסדות גייט

אונז בלבבינו ובנפשינו.

### השתא הכא! ראשון הוא! מען מוז פאַרזיכערן די ווייטערדיגע סטאַביליטעט!

השתא הכא! יעצט שטייט מען שוין דאָ, ערב חג הפסח תשפ"ד לפ"ק, און די הנהלת המוסדות "מוז" יעצט פונדאָסנייַ צוקומען צו באַדייטנדע הילף פון כל תושבי קרית יואל, ערב דעם הייליגן יום טוב, אז מ'זאל קענען ווייטער פאָרזעצן!

אַז מ'זאָל קענען אָנהאַלטן די קראַנטע סטאַבילע ווירטשאַפט און אויסצאָלן אַלע כלי קודש, תמידין כסדרן, אָנהאַלטן די צייטליכע פעיראָל-צאָלונג, מיט דער גאַנצער שטאַרקקייט און קראַפט, בעוז וברמה.

מ'איז שוין געווארן אזוי צוגעוואוינט אין קרית יואל, אז פעיראל ווערט באצאלט צייטליך יעדע איינציגע וואך פאר אלע כלי קודש, מלמדים און טיטשערס...! מ'כאַפּט זיך שוין נישטאמאל וואס דאס מיינט.

ס'קאסט בלוט. ס'קאסט כח. ס'קאסט טעג. ס'קאסט נעכט.

ס'נישט משיג צו זיין. ס'קומט אָן בדם ובדמע, מיט בלוט און שווייס.

על כן יאמרו המושלים בואו חשבון, מ'מוז דאָך אויף דעם האָבן אַ רעכענונג, ס'קומט דאָך אָן די צייט וואָס מ'מוז זען די חשבונות זאָל שטימען – און אָט יעצט איז די צייט געקומען!

### אַצינד, גאַנץ קרית יואל שרייט בלב אחד "ראשון הוא"!!!

דערפאַר גייט גאנץ קרית יואל אצינד שענקען כאטש זעקס מאות, און אוודאי אז די גרעסערע נדיבים אסאך מער, ווייל מיר זענען באמת איבערצייגט אַז "ראשון הוא"!

דער מאַסיווער קאמפיין איז שוין אריין אין קראפט, בעוז וברמה, מיט אלע כוחות, אָנגעהויבן פון דעם פאַרלאָפענעם מוצאי פורים העעל"ט.

די הנהלת המוסדות לאָזט זיך אַרויס אינעם העפטיגן קאַמפיין, איינגעשפאַנט מיט אַלע כוחות, די גאַנץ-יאָריגע עסקנים מיט די חברי הנהלה, ואתו עמו אַלע עסקני'שע כוחות פון די הייליגע קרית יואל'ער מוסדות – אַלעס אינאיינעם, כאיש אחד ובלב אחד.

### ווען ס'איז די העלדן וואָס רופן, שרייט יעדער הננו!

און ווען די העלדן, די ראשי העם המקריבים את נפשותיהם למענינו ולמען קרית יואל רופן און בעטן, ענטפערט "יעדער": ראשון הוא!

אַלזאָ, וועט כל אחד ואחד מתושבי העיר רבתי עם זיך אי"ה אנשליסן בלב ובנפש, אויסצודרוקן הכרת הטוב פאר די הייליגע מוסדות וואָס זענען אַזוי קרוב וסמוך ללבינו!

יעדער אָן אויסנאַם וועט מיט לכה"פ דעם מינימאַלן אָנשלוס פון "600 דאָלער" אַרויסצייגן דאס מאקסימום חיזוק פאר אונזערע מלמדים וכלי קודש, די העכסטע מאָס סאָלידאַריטעט מיט אונזערע הייליגע מוסדות, און פאַרזיכערן אַז די מעכטיגע אימפעריע וואָס פאַרזיכערט אונזער קיום בעיר עוז לנו קען ווייטער פאָרזעצן בכל התוקף, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

### קרית יואל דעמאָנסטרירט: למען ידעו דורותיכ"ם!

למען ידעו דורותיכ"ם! טייערע עלטערן, טייערע זיידעס, צייגט פאר אייערע קינדער, צייגט פאַר אייערע אייניקלעך, אז זייער חינוך איז אייך הייליג און טייער, נישטאָ עפּעס וואָס קומט פאַר זיי! זיי זענען ערשט!

ר' איד, איר וואוינט אין קרית יואל?

ר' איד, איר האָט אייניקלעך אין די הייליגע מוסדות?

ר' איד, איר האָט קינדער אין די הייליגע מוסדות?

ר' איד, איר ווילט זען די הייליגע מוסדות עקזיסטירן?

ר' איד, איר ווילט ווייטער זען דעם הרמת קרן המלמדים?

שרייט יעצט, ווייזט יעצט, איבערצייגט יעצט, דעקלארירט יעצט: "ראשון הוא"!!

אָבער מיט'ן גאַנצן קראַפט, בקול רם אדיר וחזק, אַז ס'זאָל קיין צווייפעל דערין אפילו נישט בלייבן.

עפענט אייער טיר, אייער האַרץ, אייער טייסטער, פאַר די ראשי ועסקני המוסדות! שענקט די 6 מאות בלב שלם, לאזט נישט פאַלן די מוסדות וואו אייערע קינדער און אייניקלעך לערנען במשך דעם גאנצן יאר! פאַרזיכערט, בעזר הבורא, די ווייטערדיגע קראַנטע סטאַבילע עקזיסטענץ!

שענקט "יעצט" אייער 6 מאות'דיגע נדבה, און איר קענט בעז"ה זיין פון די גליקליכע געווינער אויף די רייכע גורלות, וואָס וועלן אַריינברענגען אַ פרישן גליקליכן באדייט אין אייער היי-יאָריגן "סדר נאַכט"!

**אייער קינד, אייער אייניקל, שרייט צו אייך: אני ראשון!!!**

**טאַטי, זיידי, פאַר דו גיסט סיי-וואו קמחא דפסחא, געדענק: איך בין דער ערשטער!**

**דער ערשטער אויף דיין הארץ! דער ערשטער אויף דיין מחשבה! דער ערשטער אויף דיין ליסטע!**

**כי לששה כולם קרויי"ם ועומדים! יעדער מיט 6 מאות פאַר אונזער ערשטע, טייערסטע און הייליגסטע!**

מיט א טיפערן בליק:

# פאַרוואָס טאַקע איז דאָס "ערשט"...?

יעדער מענטש, אין זיין פערזענליכן לעבן, האָט פריאָריטעטן. איין זאַך איז וויכטיגער, איינס וויניגער וויכטיג, און לויט דעם שטעלט מען זיך אויס דעם מהלך החיים.

דאָס איז אבער אמאל זיכער, אַז די העכסטע, די סאמע ערשטע פריאריטעט אין אַ איד'ס לעבן איז: "זיינע קינדער"!

דאָ הויבט זיך עס אָן און דא ענדיגט זיך עס. אלעס ארום, דער גאַנצער הלוך ילך פונעם מענטש, איז נאָר צוגאָבעס און אַרומיגע פיטשוועקעס צו דאָס וויכטיגסטע: דער ערשטער ציל, די איינציגסטע זאַך וואָס בלייבט: די קינדער!

ס'איז אלזא קלאָר, אַז ווען ס'קומט צו 'צדקה', ווען ס'קומט צו 'הוצאות הבית', ווען ס'קומט צו מסדר זיין פריאָריטעטן אין וואָס מ'דאַרף באַצאָלן, איז די ערשטע און וויכטיגסטע אויפ'ן סדר היום: די קינדער!

און ווען ס'קומט צו סאָרטירן אָט די חשבונות, כלפּי די קינדער גופא, וואָס די וויכטיגסטע הוצאה פאַר זיי איז – איז קלאָר, אז דאס איז: זייער "רוחניות", זייער "אידישקייט," זייער אויפציאונג אַלס אוהבי ה', יראי אלקים, אנשי אמת, בה' דבקים!

איז בכן, ווען ס'קומט ערב פסח, און דער מענטש דערזעט זיך מיט "אַ ליסטע" פון צענדליגער הוצאות.

יאָ, פילע רופן פאַר צדקה און קמחא דפסחא – אַלעס חשוב, אַלעס הייליג, אַלעס וויכטיג. אמת.

אָבער מ'מוז דאָך זיין אויפריכטיג מיט זיך אַליין.

לאָמיך מאַכן מיינע פריאָריטעטן; וואָס איז ביי מיר דאָס וויכטיגסטע?

"מיינע קינדער" זענען דאָס וויכטיגסטע, דאָס ערשטע!

און וואס דארפן "מיינע קינדער" אַזוי וויכטיג, אַזוי דרינגענד, בעפאָר פסח, ווי זייער "רוחניות"; נעמליך, אז דער מלמד להם תורה, וואָס לערנט זיי תורה, קדושה, אידישקייט, יראת שמים, זאל קענען ווייטער דאָס מיט זיי לערנען?!

איז, דעריבער, קלאר ווי דער טאָג, אָן קיין צל ספק, אָן קיין צווייפעל, אַז "דאָס", דער אחריות פאַר מיינע קינדער, פאַר מיינע מוסדות, איז "ראשון הוא לכם"!!!

איינמאָל מ'קומט צו דער הכרה, דאַן פאַרשטייט יעדער, אז דאס איז נישט בלויז א דאגה אויף די חברי הנהלה.

נאָר דאָס דאַרף עגבערן יעדן טאַטן!! יעדן זיידן!! יעדן תושב העיר הגדולה הזאת לאלקים, וואס ווייסט אַז דער פונדאַמענט פון קרית יואל איז די הייליגע מוסדות! נישטאָ וויכטיגערס.

ס'איז יעדן יחיד'ס דאגה און פאַראַנטוואָרטליכקייט!! בראש וראשון, בעפאָר מ'זאָרגט זיך פאַר סיי וואָס אַנדערש!

ראשון הוא, סיי תורה'דיג, סיי הלכה'דיג, סיי שכל'דיג, און סיי יושר'דיג!

מ'האַלט דאָך ערב דעם "ליל שימורים לדורותיכ"ם", און דעם גאנצן יום טוב וואס איז געווידמעט אויפ'ן "והגדת לבנך"! אלעס דרייט זיך ארום די קינדער! דארפן מיר טון אלעס פאר "אונזערע מוסדות", דער רוחניות'דיגער יסוד פון "אונזער שטאט", אז מ'זאל קענען ווייטער צאָלן בעתו ובזמנו "אונזערע געטרייע מלמדים" פון "אונזערע קינדער"!

אַלזאָ, פאַרשטייט אַצינד יעדער תושב קרית יואל קלאָר און דייטליך: די 600 דאָלער פאַר אונזערע הייליגע מוסדות איז ראשון הוא!

דאָס "ערשטע", דאָס "הייליגסטע", דאָס "וויכטיגסטע", פשוטו כמשמעו!

**דאָס ערשטע פאַר מיר; דאָס ערשטע פאַר מיינע קינדער! דאָס ערשטע פאַר מיר; דאָס ערשטע פאַר מיינע קינדער!**

בעזהשי"ת

הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה' שִׁמֻּרִים לְדֹרֹתֵיכֶם

דערמיט ווילן מיר איינמעלדן פאַר אַלע חשוב'ע עלטערן שיחי' אַז
## בפקודת כ"ק מרן רבינו שליט"א
איז פאַררופן געוואָרן אַן אויסנאַמליכער

ד ר י נ ג ע נ ד ע ר

# לייוו קאָנפערענץ
# פאַר "אַלע עלטערן"

טאַטעס און מאַמעס פון אַלע תלמידים ותלמידות
פון מוסדות וישיבות סאַטמאַר די בכל אתר ואתר

מיט גאָר וויכטיגע פרטים וואָס אַלע עלטערן דאַרפן זיין
אינפאָרמירט און וויסן גענוי וויאַזוי זיך אומצוגיין ווייטער

דער קאָנפערענץ וועט אי"ה פאַרקומען

## זונטאג תזריע
## אול"י ערב ראש חודש ניסן
9:45 אויפדערנאַכט

קורץ • שאַרף • תכלית'דיג
## - בלויז א האלבע שטונדע -
צו געבן די מעגליכקייט פאַר אַלע טאַטעס און מאַמעס
מיטצוהאַלטן פון אָנהויב ביז דער ענדע

יעדער טאַטע, יעדע מאַמע דאַרף דאָס מיטהאַלטן
למען בנינו בנותינו ודורותינו

די נומערן זענען ווי פאלגענד:
**712.831.8080**
**712.831.8822** **712.831.8025**
**712.831.8101**
נומער ספעציעל פאר קסטשעינוזש קאסטומערס **845.475.0984**

ויה"ר שנזכה לגדל ולחנך דורות נאמנים וישרים בדרך ישראל סבא שהורה
לנו רביה"ק זי"ע תחת דגלו של כ"ק מרן רבינו שליט"א עביגוא"צ אמן.

## הנהלת הישיבה והמוסדות

אין פאַל פון סיי וועלכע קאָמפּליקאַציע מיט'ן קאָנפערענץ ליין
רופט "מערכת סאַטמאַר" 718-831-7000

כִּי עַל כֵּן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר
בשעת דעם קאָנפערענץ וועט מען אי"ה פאָרזאָגן
און אַלע עלטערן וועלן מיטזאָגן אינאיינעם די פּאָרכטיגע
## תפלת השל"ה
אויסצובעטן מיט'ן כח הרבים פון רבבות ערליכע
עלטערן וואָס שטרעבן צו דערלעבן אידיש נחת
אַז מיר זאָלן מצליח זיין אין אונזער הייליגן שליחות מגדל צו זיין הייליגע דורות נאמנים לה' ולתורתו הק'

# ישיבות ומוסדות סאטמאר

ישיבה גדולה • ישיבה קטנה
תלמוד תורה • בית חינוך לבנות

וויליאמסבורג • קרית יואל • בארא פארק • מאנסי
קרית יטב לב • לעיקוואוד • מאנטריאל, קאנאדע



קופת קהילתינו

# קופת הקהלה
## שע"י קהל חרדים ד'סאטמאר

בעזהשי"ת

מנהג פשוט בכל ישראל שכל קהל וקהל משימים מס על בני עירן לצורך חטים לפסח לקנות ולסלק לעניי עירן,
(שו"ע הרב סי' תכ"ט סעי' ה')

**ווי באקאנט, דאס יקרות איז געוואלדיג געשטיגן אין דער זעלבער צייט איז דער מצב הפרנסה מער אנגעצויגן ע"כ איז באשטימט געווארן די**

**קמחא דפסחא סכום**

# לכה"פ 180$ דאלאר

**און מיר בעטן די פארמעגליכע צו געבן:**

# לכה"פ 1000$ דאלאר

מיר ווילן אייך מאכן אויפמערקזאם
**איר גייט אי"ה זאגן ביים סדר**
**כל דכפין ייתי וייכול**
**זייט דאס היינט מקיים למעשה**

**אדער לייזט אויס א טשעק**

| | |
|---|---|
| **גרויסע משפחה** | **$1,000** |
| **מיטלגרויסע משפחה** | **$800** |
| **קלענערע משפחה** | **$500** |

ובזכות זה נזכה שה' אלוקינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים בביאת משיח צדקינו ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בב"א

**רבני הקופה:**
הרה"ג ר' **ירמי' בראווער** שליט"א
דומ"ץ קהל בני יואל
הרה"ג ר' **יוסף כ"ץ** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד קהל חרדים
הרה"ג ר' **אשר זעליג פריינד** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל

**הנהלת הקופה:**
הרה"ח ר' **מאיר הכהן דייטש** הי"ו
הרה"ח ר' **זלמן לייב וואלדמאן** הי"ו
הרה"ח ר' **קלמן ווייס** הי"ו
הרה"ח ר' **יצחק וויינשטאק** הי"ו
הרה"ח ר' **זאב יודא פארקאש** הי"ו
הרה"ח ר' **מרדכי לייב דייטש** הי"ו

**גבאי הקופה:**
מו"ה **יחזקאל צבי ישעי' בראווער** הי"ו
מו"ה **אליעזר ברי"מ וואלדמאן** הי"ו
מו"ה **שלמה גפן** הי"ו

בס"ד

# קופת קהילתינו

שע"י קהל חרדים

מטרתה: ליתן עזר וסעד לצרכי יו"ט, למשפחות ברוכות בילדים

בס"ד

בהתקרב ובא חג הפסח הבעל"ט הננו פונים בזה למע"כ אנשי שלומינו בדבר גודל החיוב ליטול בעול צרכי עניים, אשר אין בידם לפורטה הוצאות החג, והן ידוע מנהגן של ישראל מדור דור המובא בדרכי משה (אורח חיים, סימן תכט) בשם האור זרוע (הלכות פסחים, סימן רנה) וז"ל: **מנהג הקהילות להשים מס על הקהל לצורך החיטים, ליתן בפסח לעניי העיר, ע"כ, ונפסק ברמ"א סעיף א', ובשולחן ערוך הרב כתב בזה"ל: (סעיף ה) מנהג פשוט בכל ישראל שכל קהל וקהל משימין מס על בני עירן לצורך חיטים לפסח, לקנות ולחלקם לבני עירם, ע"כ.**

**וידוע גודל עבודתו בקודש של מרן רבינו הקוה"ט זי"ע בגביית ובחלוקת קמחא דפסחא שעסק ועבר בכובד ראש על הרשימות של הנצרכים, ואף על הטירדות המרובים, היה נותן עינו ולבו ומתעסק בקדשים בחלוקת קמחא דפסחא.**

**ותלי"ת זה יותר משלושים שנים כולן שוין לטובה שגובין ומחלקין לאנשי שלומינו נצרכים לכספי מעות חיטין, ע"י ראשי קהלתינו הידועים לשם ולתהלה הני תרי צנתרי דדהבא ה"ה הרה"ח מוה"ר זלמן לייב וואלדמאן הי"ו, והרה"ח מוה"ר קלמן ווייס הי"ו, ואתם עמם הרה"ח מוה"ר מאיר דייטש הי"ו, ואלה מוסיף על הראשונים הוסיפו בשנה זו עוד עסקנים אברכים חשובים לעמוד לאחיעזר ולאחיסמך לקבץ על פתחי נדיבים, כי אין הקומץ משביע, וההוצאות עולה למעלה מראש, ונמצאים בקהלתינו הרבה בני עניים, אלמנות ויתומים, יושבי חושך וצלמות, והאחריות לפרנסם רובץ על כל בני הקהילה, ובשנה זו מוסיפין עוד יותר למעלה בקודש בסכומים נכבדים להנצרכים על צרכי החג.**

**ועל כן באנו בזה לחזק ידיהם, ובקריאה בקול לפני אנשי שלומינו, לדבר חשוב ונשגב כזה, ולהשתתף ברוח נדיבה לקבל אלו העסקנים בסבר פנים יפות, אשר אין ערוך לגודל חשיבותו, והושיטו יד עזרה בסכומים הגונים, ולקחת חבל במצוה חשובה של קמחא דפסחא, והדבר פשוט שעפ"י הלכה מוטל לכל אחד לתת חלקם לקופת 'קמחא דפסחא' שע"י הנהלת הקהילה, להספיק לעניים של אנ"ש את צרכי יו"ט, וכמבואר בפוסקים דבזה כולם חייבין ואין בהם שום פטור, כמ"ש בשו"ע הרב וז"ל: ואפילו תלמידי חכמים הפטורין ממס נותנים חלקם, לפי שצדקה היא זו.**

ובזכות המצוה כי רבה היא, השי"ת ירחם על עם עני ואביון, ועוד נזכה בשנה זו לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים אשר יגיע דמם על קיר מזבחך לרצון, ונודה לך שיר חדש על גאולתינו ועל פדות נפשינו, בבנין בית מקדשינו, במהרה בימינו.

ועזבאה"ח ביום ד' לסדר כל נדיב לבו יביאה את תרומת ה' תשפ"ד לפ"ק

**יקותיאל ירמי' בראוועער**
דומ"ץ קהל בני יואל ד'סאטמאר

**יוסף הכהן כ"ץ**
דומ"ץ קהל חרדים

**אשר זעליג פריינד**
דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל דקהל בנ"י

## רבני הקופה

הרה"ג ר' ירמי' בראוועער שליט"א
דומ"ץ קהל בני יואל דסאטמאר
הרה"ג ר' יוסף כ"ץ שליט"א
דומ"ץ קהל חרדים
הרה"ג ר' אשר זעליג פריינד שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל דקהל בנ"י

## הנהלת הקופה

הרה"ח ר' מאיר הכהן דייטש הי"ו
הרה"ח ר' זלמן לייב וואלדמאן הי"ו
הרה"ח ר' קלמן ווייס הי"ו
מוה"ר יצחק וויינשטאק הי"ו
מוה"ר זאב יודא פארקאש הי"ו
מוה"ר מרדכי לייב דייטש הי"ו

## גבאי הקופה

מוה"ר יחזקאל צבי ישעי' בראוועער הי"ו
מוה"ר אליעזר ברי"מ וואלדמאן הי"ו
מוה"ר שלמה גפן הי"ו



גייט איר זאגן:

# 'כָל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל'



דאן טוט עס

למעשה



לייזט אויס לכה"פ

## איין טשעק פאר

גרויסע משפחה:

$1,000

מיטעלע משפחה:

$800

קלענערע משפחה:

$500

הפוחת אל יפחות:

$180

שע"י קהל דורדים

# קופת קהילתינו

מטרתה: ליתן עזר וסעד לצרכי יר"ט, למשפחות ברוכות בילדים

הנהלת הקופה:

הה"ח ר' מאיר הכהן דייטש הי"ו
הה"ח ר' זלמן לייב וואלדמאן הי"ו
הה"ח ר' קלמן ווייס הי"ו
הה"ח ר' יצחק ווינשטאק הי"ו
הה"ח ר' יואלף לייב פארקאש הי"ו
הה"ח ר' מרדכי לייב דייטש הי"ו

רבני הקופה:

הה"ג ר' ירמי' בראווער שליט"א
הה"ג ר' יוסף כ"ץ שליט"א
הה"ג ר' אשר זעליג פריינד שליט"א

גבאי הקופה:

מו"ה יחזקאל צבי ישעי' בראווער הי"ו
מו"ה אליעזר נ"י וואלדמאן הי"ו
מו"ה שלמה גפן הי"ו

פאָזיטיווע ערבי פסחים'דיגע איפּוזאַמגע האַלט אלפי ההורים געשפּאַנט:

# לעבהאַפטיגע שפּאַנונג צווישן טויזנטער קרית יואל'ער עלטערן ארום די רייכע "טעגליכע גורלות" פון "ביומו תתן שכרו"

"יעדן איינציגן טאָג" ווערן געצויגן '2 גורלות" פאַר "אַלע עלטערן" וועלכע זענען אויסגעצאָלט מיט '0 באַלאַנס"!

## ביומו"ן תתן גורל"ן!

**יעדן טאָג צוויי גורלות!!! פון יעצט ביז פסח!!!**

אין צוגאָב צו גרעסערע "שבוע בשבוע גורלות" יעדן דינסטאָג

## 0 באַלאַנס

**אדער $3,500 איפּ'ן באַלאַנס**

-אויב מ'איז באצאלט פון אלול רעגיסטראציע-

**יעדער איינציגסטער טאַטע גייט אויסצאלן זיין שכר לימוד באַלאַנס, יעצט ערבי פסחים!**

**טויזנטער עלטערן פאָלגן נאָך מיט אינטערעסע די געווינער טאָג-טעגליך**

### טעגליכער שטראָם פון הונדערטער גוטמוטיגע פאָן-קאָלס אין קרית יואל'ס שכ"ל-אָפיסעס

פון עלטערן וואָס צאָלן אָפּ זייערע באַלאַנסן צו זיין אַ טייל פון די גורלות, און באַדאַנקען זיך פאַר דעם הערליכן מיטל אַלעמען צו אַנגאַזשירן אויף אַ פאָזיטיוון אופן צו זיין אויסגעצאָלט מיט שכר לימוד און אַריינגיין אין פסח מיט אַ גוטמוטיגקייט!

ס'איז ערבי פסחים אין קרית יואל. ס'איז "ביומו תתן שכרו" אין די הייליגע מוסדות!

ווי דער פריילינכער פורים גייט אַוועק, הייבט זיך אָן דער פסח'דיגער שמעק שפּירן אין די לופט ווען די "ביומו תתן שכרו" רעקלאַמעס הייבן אָן ערשיינען, דערמאָנענדיג דעם ציבור אַז אָט איז געקומען די צייט.

אָבער, היי-יאָר איז עס אין בו אלא חידושו! ס'איז א נייער באַדייט, אַ נייער דערהער.

סיי אין 'וויכטיגקייט', ווייל ס'איז געקומען די צייט, הגיע הזמן לדאוג על יפי' ועל קיומה פון אונזערע הייליגע מוסדות.

סיי אין 'ווערדפולקייט', ווייל דאָ קומען אויסטערלישע חידושים אין גורלות, וואָס גייט איה"ה האלטן די גאנצע שטאָט און אלע עלטערן געשפּאַנט!

ס'איז אַ גורל"דיגער צייט אין קרית יואל, תרתי משמע!

### לעבהאַפטיג און פאָזיטיוו! אַלע עלטערן מיט 0 באַלאַנסן!

לעבהאַפטיג און פאָזיטיוו טוען טויזנטער קרית יואל'ער עלטערן אין די יעצטיגע טעג נאכפאלגן די "טעגליכע גורלות" וואס די הנהלת המוסדות האט איינגעשטעלט – היי יאָר צום צווייטן מאָל – צום היי-יאריגן ערבי פסחים, אין אַ הערליכע אינציאַטיווע וויאַזוי צו ערמוטיגן די אלפי ההורים "יעדער זאל אָפּצאָלן די שכ"ל חובות"!

יעדער זאָל שאַפן אַ פולשטענדיגע "0 באַלאַנס" דורכ'ן פארזיכערן דעם "ביומו תתן שכרו", צו ראַטעווען דעם יעצטיגן מצב הקשה מאוד וואָס פּלאָגט געפערליך אונזער הייליגע מוסדות-אימפעריע.

ס'איז פריש. ס'איז אינטערעסאַנט. ס'איז רייך. יעדן טאָג ווען ס'קומט אין די אווענט-שטונדן וועט מען באַזונדער הערן, ווער זענען די היינטיגע 2 געווינער, פון צווישן די העכער 1,000 עלטערן וועלכע האָבן שוין אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד גענצליך!...

זכאי בהגרל"ה, כי להם נאה כי להם יאה, חשוב'ע געטרייע אחריות'דיגע עלטערן וועלכע האָבן אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד, און זיי האָבן זוכה געווען צו ווערן אויסגעקליבן אַלס די זוכים פון די רייכע טעגליכע גורלות; 2 פער טאָג, יעדן איינציגן טאָג,

ד' שמיני כ"ד אדר
$500 sockprints
Sockprints | Brand Presentation
$500 Robo Vacume

ה' שמיני כ"ה אדר
$500 מצות
סאַטמאַר מצות
$500 טיכלעך
ESLA SILKS

א' תזריע כ"ו אדר
$500 פלייש
סאַטמאַר פלייש קרית יואל
$500
MEN'S CORNER

ב' תזריע כ"ח אדר
$500 פיש
REBFISHEL
SEA-TO-TABLE FRESH
$500
קעש קארד

ג' תזריע כ"ט אדר
הערליכע טשענדעליער
HELLO LIGHTING
GB קלאודינג פעקעדזש
GB ווערד $1000

נאָכאַנאַנד.

## יעדן טאָג נייע גורלות; יעדן טאָג נייע עלטערן דערינען...!

ס'נישטאָ קיין איין טאָג וואָס די גורלות זענען די זעלבע ווי נעכטן. יעדן טאָג עפּעס פריש, עפּעס ניי, עפּעס אינטערעסאַנט, עפּעס ווערדפול, עפּעס פונקט פּאַסיג פאַר יום טוב, עפּעס פּסח'דיג, וואָס יעדער וואָלט 'פּונקט' געוואָלט האָבן אין שטוב אויף יום טוב...

ווי צום ביישפּיל, געווינסן אויף: מצות; פלייש; גראָסערי; וויין; מענער קליידונג; פרויען קליידער; צירונג; לייטינג; שטריימל; זילבער; קינדער קליידער; אפיקומן קיופּאַנס; פיש; פסח סעט, און אַזוי ווייטער, יעדע סאָרט הוצאה וואָס אַ אידישע שטוב ניצט פאַר יום טוב!

אָבער נישט אין דעם ליגט דער הויפּט חידוש, אַז יעדן טאָג איז דאָ גורלות וואס איז נישט געווען נעכטן – הגם, ס'געוויס חידוש'דיג און אינטערעסאַנט ביז גאָר.

נאָר דער ריכטיגער חידוש איז אין דעם וואָס: "יעדן טאָג" קומען צו נאָך הונדערטער 'עלטערן' וואָס זענען אַ טאָג פריער זענען זיי נאָכנישט געווען אין גורל, און היינט שוין יאָ!

וויאַזוי? ווייל זיי האָבן געטון וואָס איז וויכטיג; זיי האָבן געטון וואָס איז ריכטיג; זיי האָבן אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד פאר זייער טייערע קינדערלעך! זיי האָבן ערצייגט, ווי עכטע גוטע עלטערן, אַ 0 באַלאַנס למען בניהם!

## יום ג' שנכפל בו: יעדן דינסטאָג, טייערערע גורלות!

בעת יעדן איינציגן טאָג ווערן אפּגעהאלטן צוויי גורלות, ווערט יעדן דינסטאָג, ביום ג' "שנכפל בו כי טוב", די גורלות-ווערד אַרויפגעצויגן צו נאָך העכערע ספערן, מיט ספּעציעלע טייערערע געווינסן וואס מ'האט אויסגעקליבן, אַ שטייגער ווי – מיר כאפּן א בליק אויף קומענדיגן דינסטאָג תזריע – אַ מלכות'דיגער שענדעליער און אַ טויזנט דאָלער'דיגער זשי.בי. בגדים פּעקעדזש!

אין אַ אינפלאציע-תקופה וואו אלעס קאסט אזוי טייער, זענען דאך אזעלכע געווינסן אַזוי ווערדפול אין אַ אידישע שטוב, אין אזא קאסטבארע צייט ווי ערבי פּסחים, ווען יעדע רגע מוז מען האבן ביי די האַנט נאך און נאך געלט צו קויפן די וויכטיגסטע הוצאות הבית.

## אַזעלכע גורלות, ווייל דער מצב המוסדות איז איום ונורא!

די איניציאַטיווע פון הנהלת המוסדות איז אַהערגעשטעלט געוואָרן, ווייל דער מצב

# קאַמפּיין ציל קלאָר און דייטליך:

# אָנהאַלטן די מוסדות! אָפּהאַלטן פון חובות!

טייערע קרית יואל'ער עלטערן, ס'איז אפשר שווער צו זאָגן, אָבער מ'מוז עס זאָגן.

ווייל נאָר אַז מ'וועט עס זאָגן, וועלן די טייערע עלטערן עס וויסן, און נאָר אַז מ'וועט וויסן, וועט אי"ה די ריכטיגע שריט געטון ווערן!

אונזערע הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין אַ קריטיש-שווערן מצב, פינאַנציעל גערעדט.

מיר זאָגן נישט "קאַטאַסטראָפיש", ווייל ס'האַלט ב"ה נאָכנישט דאָרט. די הנהלת המוסדות לייגט אריין כוחות עצומות אָנצוהאַלטן די לייצעס אַז "פּעיראָל" זאל באצאלט ווערן און טשעקס זאָלן נישט צוריקקומען ח"ו.

אָבער, ס'איז יאָ קריטיש! די מוסדות-קאַסע טראָפּט בלוט! יעדן איינציגן טאָג! יעדע שעה פונעם טאָג!

### מ'האַלט עס אָן מיט אייזערנע כוחות – אָבער פון וואַנעט נעמט מען די כוחות?!

די הנהלת המוסדות, שפּייען בלוט ממש יעדן איינציגסטן טאָג. ס'איז לא יאומן כי יסופּר. וויפיל מ'וועט פאַרציילן, און וויפיל מ'וועט זאָגן, וועט מען נישט קענען אפילו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. די פּיין, דער פּלאָג, יעדן איינציגן טאָג, אַז די באַנק זאָל ח"ו נישט צוזאַמקראַכן.

חסדי ה' אַז "דערוויילל" האָט מען באַוויזן זיך צו האלטן און נישט אַרונטערברעכן, די מלמדים ווערן ווייטער באצאלט מיט שטאָלענע מסירת נפש יעדע איינציגסטע וואָך, אָבער ווער ווייסט ווילאַנג מ'וועט נאָך האָבן די כוחות דערצו?!

ס'מוז זיין קלאָר פאַר יעדן: "אונזערע מוסדות האָבן נישט כמעט קיין שום אַנדערע הכנסה וואָס אַנדערע מוסדות פאַרמאָגן, מ'לעבט ריין און לויטער כמעט כל כולו אויף שכר לימוד און נדבות"!!!!

און מ'איז דערפאַר לעבנס-וויכטיג אָנגעוואָנדן אין שכר לימוד; אָן דעם קען מען זיך נישט רירן! ס'פּשוט נישט שייך! ס'נישט מעגליך! אפילו איין טאָג!

### ערב פּסח תשפ"ד: ס'איז אַ גורל'דיגע צייט!

ס'איז יעצט, ערבי פּסחים תשפ"ד, געקומען צו אַ מצב, וואָס מ'טראָגט פּשוט נישט דורך די יגיעה!

טייערע עלטערן, הגיע הזמן לדאוג על יפי' ועל קיומה פון אונזערע הייליגע מוסדות!

מ'האלט יעצט ביי א פּונקט וואָס ס'איז נישט מעגליך אָנצוגיין אויב פעלט אפילו איין דאָלער פונעם שכ"ל איינקונפט וואס דאַרף אריינקומען!

מ'מוז פאר יעדן פּרייז אויף דער וועלט מאַכן זיכער אַז די מוסדות פּאַלט נישט צוריק! מען מוז למען ה' צוריק סטאַביליזירן דעם בודזשעט, אַז די באַנק זאָל זיך זעצן, די הכנסות קעגן די הוצאות זאָלן שטימען, און מ'זאָל חלילה נישט צוריקפאַלן צום שווערן אומפאַרגעסליכן ראָד פון חובות פון וועלכע מ'האַלט זיך נאָך אינמיטן אַרויסדראַפּען.

### אויב יעדער טאַטע מאַכט 0 באַלאַנס, איז דער קריזיס פאַריבער!

ס'איז ביי די הנהלה קלאָר, אַז אויב זאָל "יעדער טאַטע" יעצט אָפּווישן זיין שכ"ל באַלאַנס, אויב זאָל אַלע "אַוטסטענדיג" שכר לימוד וואָס מ'איז "יעצט" שולדיג פאַר'ן מוסד, יעצט אריינקומען אין די נעקסטע פאָר וואָכן ביז ערב פּסח, דאַן איז דער מצב געראַטעוועט, און מ'קען גליקליך און פריילך אַריינגיין אינעם יום טוב פּסח!

'שכר לימוד' איז דער יסוד היסודות. דער פונדאַמענט. אויף דעם לעבט מען. פון דעם צאָלט מען די מלמדים וכלי קודש, בסייעתא דשמיא.

שכר לימוד ס'נישט קיין צדקה, ס'נישט קיין "בדרך אפשר". יעדעס קינד קאָסט געלט פאַר'ן מוסד, און דער מוסד קען עס דעקן נאָר ווען דער טאַטע באַצאָלט. אויב קומט דאָס געלט נישט אַריין, ווערט אַ קריזיס פשוטו כמשמעו!

אויב וועט עס יעדער טאַטע יאָ באַצאָלן, וועט מען בעזר ה' זיך אַרויסזען פון דעם קריזיס און מיר אַלע וועלן גליקליך זיין ונודה שיר חדש על פּדות מוסדותינ"ו!

### פּאָזיטיוו און לעבהאַפטיג, באַצאָלט זיך יעצט ביי יעדן הנאה'דיג!

ברוך ה', אדאנק די "ביומו תתן שכרו" טעגליכע גורלות, קומט דאָס יעצט אויף אַ פּאָזיטיוון וועג, אויף א לעבהאפטיגן אופן, מיט די אייגענע הכרה פון די עלטערן, אַז מ'וויל באצאלן, און מ'וויל זיין אַ חלק פון די גורלות!

אָט דערפאַר, טאַקע ווייל דער מצב איז אזוי קריטיש, און טאקע ווייל מ'מוז אָנקומען צו "יעדן איינציגן טאטן" זאל אויסצאלן זיין שכר לימוד ווי נאך קיינמאל בעפאר, האט מען אונטערגענומען דעם "ביומו תתן שכרו" מיט'ן פולסטן קראַפט!

און דאָס טוט הייבן די מאמענטום ביי "אַלע עלטערן" אויסצוצאָלן און אנטיילנעמען און פארזיכערן אז מ'קומט נאָך דעם גודל האחריות למען מוסדותינו ודורותינו, ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר!

**שרייט יעדער טאַטע: כולנו חכמים! כולנו משלמים! כולנו בוני"ם יסוד המוסדות! וכולנו זוכים! ובשם ה' נעשה ונצליח!**


ד' תזריע ב' ניסן
$500
$500
ה' תזריע ' ניסן
$500 גראסערי
$500 טיכלעך און פארמס
skärvz
א' מצורע ו' ניסן
$500 קעש קארד
הערליכע מלכות פסח סעט
MALCHUS
ב' מצורע ז' ניסן
$500 kinder corner
$500 blu shu
ג' מצורע ח' ניסן
$1,200 Livio furniture
$3,000 מיללער שטריימל

המוסדות אויפ'ן פינאַנציעלן פראָנט איז ממש קריטיש!

די העלדישע חברי הנהלת המוסדות שרייען געוואַלד, אַז מ'שטייט יעצט ביים שוועל ח"ו צוריקצופאַלן צו אַ תקופה פון שווערע חובות-זומפּן, אויב זאָל מען נישט יעצט סטאַביליזירן דעם בודזשעט אַז ס'זאָל אויפהערן בלוטיגן!

לאור זה, ווייל מ'מוז אָנקומען צו "יעדן איינציגן טאטן" זאל אויסצאלן זיין שכר לימוד ווי נאך קיינמאל בעפאר, האט מען אונטערגענומען פרישע חידושים צו הייבן די מאמענטום און אריינברענגען די מאַקסימום שכ"ל ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר!

## השנה הזה כולנו זוכים: "יעדער טאַטע" גייט אי"ה זיין א חלק דערינען!

אָט אַזוי, אָט דערפאַר, הערנדיג פון איין זייט דאָס "וויכטיגקייט", און פון די אַנדערע זייט דאָס "ווערדפולקייט", שרייט יעדער טאַטע אויס מיט זיין גאַנצע האַרץ, שימו לב אל הנשמה:

יאָ!!! איך בין אַן אחריות'דיגער טאַטע!!! יאָ, איך בין פולשטענדיג דערינען!!!

"יעדער טאטע וויל" אריינגיין אינעם פסח וויסנדיג אז מ'האט אויסגעפירט דעם מינימאלן פליכט פאר די הייליגע מוסדות, פאר די אייגענע קינדער, און אז מ'גייט אי"ה אריין אין די גורלות!

"יעדער טאטע שטרעבט" אריינצוגיין אינעם פסח אז ער האט געטון די מינימום צו מחזק זיין, צו אונטערהאלטן, די העלדישע עומדים בראש פון אונזער מוסד וואָס שענקען זייער חלב ודם, אפּפערן זייער לעבן, זייערע טעג און נעכט, צו פאַרזיכערן אַז די מוסדות גייען אָן, ס'וואקסט און ס'בליעט, און אז די געטרייע מלמדים באקומען באצאלט אין צייט.

"יעדער טאַטע וועט" אי"ה אריינגיין אינעם יום טוב פסח וויסנדיג אַז ער האָט זיך נישט אויסגעשלאָסן פונעם ציבור, ער האָט ערפילט זיין אחריות, ער האָט געטון וואָס ער דאַרף טון פאַר'ן "והגדת לבנך", אַז דער הייליגער לויטערער חינוך הדורות זאָל קענען ווייטער עקזיסטירן בגאון ובעוז, און אַזוי אַרום וועט יעדער האָבן אַ גליקליכן פריילכן יום טוב, אמן.

**"ביומו תתן שכרו" מיט'ן גאַנצן האַרץ! פאַר אונז! פאַר אונזערע קינדער!**

**יעדער איינציגסטער טאַטע פון קרית יואל! ווי נאך קיינמאל בעפאָר!**

**מיר זענען אלע דערינען! מיר גייען געווינען!**

## כולנו חכמים, כולנו זוכים...

## וויאַזוי "יעדער קרית יואל'ער טאַטע" קומט אָן אינעם גורל...!

# 1 - אַפּ-טו-דעיט

# 2 - 0 באַלאַנס

# 3 - 3,500 אויפ'ן חשבון

איב האט מען באצאלט פון פארגאנגענעם אלול ביז יעצט

דער ציל פון היי-יאָריגן ביומו קאַמפּיין איז קלאָר און דייטליך, חד וחלק, און די הנהלה גייט נישט רוען אַזוי לאַנג ווי דער ציל איז ערגרייכט בעזר ה'.

און דער ציל איז: אַז יעדער איינציגסטער טאַטע זאָל זיין אַ חלק דערפון!

אַז יעדע איינציגסטע משפחה וואָס שיקט די קינדער אין די הייליגע מוסדות זאָל אַריינגיין אין די מעכטיגע 'טעגליכע גורלות' וואָס גייט אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן איינציגסטן טאָג, און אַזוי אויך אינעם צענטראַלן סדר-טיש גורל.

וויאַזוי?

אָט דאָ הערן מיר פון די הנהלת המוסדות, וויאַזוי מ'וויל אי"ה באַווייזן אַז יעדער איינציגסטער טאַטע פון די גאַנצע מוסדות זאָל האָבן אַ זכות בגורלות.

## • עלטערן וואָס זענען אַפּ-טו-דעיט מיט שכ"ל

די טויזנטער עלטערן וואָס האָבן די זכי' ב"ה צו באַצאָלן מדי חודש בחדשו, זיי זענען די אונטערהאַלטער פון די הייליגע מוסדות, און זיי האָבן נישט קיין באַלאַנס.

אוודאי און אוודאי, ווי נאָר "ניסן" שכ"ל איז באַצאָלט, די עלטערן גייען אַריין אין "אלע" גורלות, אויטאָמאַטיש!

און אויב איז דאָס אַ טאַטע וואָס איז אויפגעסיינט אויף "אויטאָ-פּעי", אַז זיין שכ"ל לויפט מיט אַן אויטאָמאַטישע מעטאָד חודש בחדשו, באַקומט ער ווידער א שאנס אין גורל.

## • עלטערן וואָס ברענגען יעצט צו אַ 0 באַלאַנס

די עלטערן וואָס האָבן קלענערע באַלאַנסן אויפ'ן שכר לימוד און זיי גייען עס אי"ה יעצט גענצליך אראפּברענגען, זיי גייען אויסצאָלן זייער באַלאַנס, און שאַפן אַ 0 באלאנס!

אָה, געוויס איז דאָס די שענסטע זאַך וואָס איז נאָר שייך! און בעזר ה' וועלן זיי אַלע אַריינגיין אין גורל, יעדן איינציגן טאָג, צו געווינען טייערע אויסנאַם געווינסן.

## • באצאלן 3,500 אויפ'ן חשבון; אַריין אין גורל!

אויך די עלטערן וואס האבן גרעסערע באַלאַנסן, און זיי שפּירן ווי זיי זענען ממש נישט ביכולת אויף די מינוט צו ברענגען א פולשטענדיגע 0 באלאנס, וויל די הנהלת המוסדות אָבער זיי האָבן אינעם גורל! זיי זאָלן זיין אַ חלק פון די וואָס וועלן אי"ה געווינען, א חלק פון די וואָס מאַכן זיכער אַז די מוסדות פאַר די אייגענע קינדער גייען נישט געבראָכן ה"י!

פאר דעם סכום פון 3,500 אויפ'ן חשבון פון שכ"ל וואס מ'צאלט יעצט אויס – אויב האט מען געצאלט פון אלול ביז יעצט – וועט מען אי"ה אויך קענען אריינגיין אין גורל!

**איר זענט אַ טאַטע, איר זענט אַ חלק, איר גייט זיין אינעם גורל!**

די הנהלת המוסדות איז בעזר ה' אנטשלאסן צו באווייזן דעם ציל, אז יעדער איינציגסטער טאַטע זאל זיין א חלק פונעם גורל! מ'וועט אי"ה מיט יעדן רעדן און מאכן זיכער אז מ'קען אריינגיין אין גורל.

איר זענט א טאטע, זענט איר א שותף! איר האט קינדער אין דעם מוסד, איר זענט אַ חלק, איר זענט אַ טייל, איר דארפט אויך זיין א חלק פונעם גורל, וואס גייט האלטן געשפאנט אלע עלטערן.

איר גייט אויך קענען געווינען די ווערדפולע געווינסן!

**קיינער פאַלט נישט אַרויס! יעדער וויל די הצלחה פון זיינע קינדער! יעדער וויל די הצלחה פון די מוסדות! יעדער וויל זיין א געווינער! יעדער גייט זיין א חלק פון ביומו תתן שכרו תשפ"ד!**

איר זענט אַ קרית יואל'ער טאַטע? איר זענט אַ טייל פון ביומו תשפ"ד!


ב' מצורע ז' ניסן
$500 Kinder Corner
$500 blu shu

ג' מצורע ח' ניסן
$1,200 Livio furniture
$3,000 מיללער שטריימל

ד' מצורע ט' ניסן
קאוטש
$300 שמש שטיבל בביהמ"ד הגדול

ה' מצורע י' ניסן
אפיקומן $500
$500 נשר

א' אחרי א' י"ג ניסן
זשועלערי $1,000 Laufer's Jewels
זילבער $1,000 Crown Sterling

בס"ד

קופת קהילתינו
מטרתה: ליתן עזר וסעד לשכירי יום, למשפחות מרובות בילדים

# קופת הקהלה
## שע"י קהל חרדים ד'סאטמאר

## ואלה יעמדו על הברכה שנדבה רוחם אותם לנדב סכומים הגונים לקופת קהילתינו בשנה שעברה שנת תשפ"ג לפ"ק

### שרי האלפים

ר' אהרן דרעזנער-ר' בנציון הערש טירנויער-ר' דוד מאיר בערקאוויטש-ר' הערשל קויפמאן-ר' זושא טירנויער-ר' חיים יואל לאנדא-ר' טובי' ווייס-ר' יואל בר"ק ווייס-ר' יואל בר"ש קרויס-ר' יואל ברי"ד ענגיל-ר' יואל גרינהויט-ר' יואל יודא רובינפעלד-ר' יואל מאנן-ר' יודל הירש-ר' יוסף חיים ארי' קויפמאן-ר' יוסף יודא יאקאבאוויטש-ר' יוסף צבי ארי' וואלדמאן-ר' יעקב וואלדמאן-ר' מאיר יעקב טעסלער-ר' מענדל שווימער-ר' משה עזריאל לאווי-ר' משה פריעדמאן-ר' משה שמואל זופניק-ר' נחום שמשון שווארטץ-ר' עקיבא הערש קליין-ר' קלמן ווייס-ר' שאול פערלמוטער-ר' שלמה גליק-ר' שלמה זלמו שפיצער-ר' שמואל מתתי' וויטריאל-ר' שמעוו יחזקאל וויינשטאק

### שרי המאות 250-850

הרב העניך מרדכי מייזליש-מרת אייזענבערג-ר' אביגדור שלום ברייער-ר' אברהם גראס-ר' אברהם חיים משה בינער-ר' אברהם יושע קליין-ר' אברהם פארקאש-ר' אלחנן דוב יאקאבאוויטש-ר' אלימלך אינדיג-ר' אליעזר ברז"ל וואלדמאן-ר' בערל ברמ"ט בראווער-ר' ברוך מרדכי אקערמאן-ר' גרשון מאנדל-ר' דוד לייבוש פריעדמאן-ר' וואלף לעפקאוויטש-ר' זלמן גליק-ר' זלמן לייב קאפעל-ר' חיים הערש גאלדבערגער-ר' חיים יואל נידערמאן-ר' חיים יחזקי' כ"ץ-ר' חיים נחום ווערצבערגער-ר' יואל אשר פריעדמאן-ר' יואל בנימין פריעדמאן-ר' יואל בר"א שוואטץ-ר' יואל בר"י הירש-ר' יואל בר"י כ"ץ-ר' יואל בר"י שווארטץ-ר' יואל בר"מ ברח"ד טארים-ר' יואל בראח"ד פאלקאוויטש-ר' יואל ברי"י מארקאוויטש-ר' יואל ברייער-ר' יואל ברמ"י שווארטץ-ר' יואל ברש"י ווייס-ר' יואל וויטריאל-ר' יואל וויינשטאק-ר' יואל טענענבוים-ר' יואל ישראל מאיר עהרענטאל-ר' יואל לאוב-ר' יואל קארפען-ר' יודא ווייס-ר' יודא לייב כהנא-ר' יוסף חיים ברמ"ד קויפמאן-ר' יוסף יוזפא לאנדא-ר' יושע רייך-ר' יחזקאל בראווער-ר' יחזקאל ברג"פ וויינשטאק-ר' יעקב יצחק פריינד-ר' יצחק אליעזר רובינשטיין-ר' יצחק וויינשטאק-ר' יצחק יונה לאנדא-ר' יצחק כ"ץ-ר' יצחק שלום יאקאבאוויטש-ר' יקותיאל מאיר גראס-ר' יקותיאל שמשון שווארטץ-ר' ישראל גליק-ר' ישראל חיים קרויס-ר' מנחם דוד וועבער-ר' מרדכי יודא בלום-ר' משה ארי' קאהן-ר' משה טובי' גדלי' בראווער-ר' נטע ברמ'צ פארקאש-ר' נפתלי משה ווייס-ר' נפתלי צבי וויינשטאק-ר' עמרם לאווי-ר' פנחס אביש-ר' פנחס יושע עסטרייכער-ר' ראובן פאלקאוויטש-ר' שלום יוסף בראך-ר' שלום יוסף ווייס-ר' שלום קליין-ר' שמואל לעפקאוויטש-ר' שמעון חיים וויינשטאק

### שרי המאות 180-250

הרב יוסף כ"ץ-הרב משה בער קויפמאן-מרת ווייס-ר' אבא חייא שטאלצבערג-ר' אביגדור שלום שווארטץ-ר' אברהם אהרן בראווער-ר' אברהם דוד פאלקאוויטש-ר' אברהם יצחק שטעסל-ר' אברהם יקותיאל יערמיאש-ר' אברהם ישעי' קויפמאן-ר' אהרן ארי' אייזענבערג-ר' אהרן גאטליב-ר' אהרן יודא כ"ץ-ר' אלימלך טייטלבוים-ר' אליעזר ברי"מ וואלדמאן-ר' אליעזר גרשון וויינשטאק-ר' ארי' אשר שטעסל-ר' בנימין יודא ווערצבערגער-ר' דוד מאיר ווייס-ר' וואלף לייב פארקאש-ר' זלמן טירנויער-ר' זלמן לייב בר"א פריעדמאן-ר' זלמן לייב ווייס-ר' זלמן לייב לאנדא-ר' זלמן לייב לויפער-ר' זלמן לייב מארקאוויטש-ר' חיים בר"י שווארטץ-ר' חיים הערש ליימזידער-ר' חיים יודא פריעדמאן-ר' חיים יעקב פאללאק-ר' חיים משה ברק"מ פאלקאוויטש-ר' חיים נאה-ר' יואל אשר פריעדמאן-ר' יואל בר"י הירש-ר' יואל ברז"ל וואלדמאן-ר' יואל ברי"ז יאקאבאוויטש-ר' יואל בריח"א קויפמאן-ר' יואל ברמ"ט בראווער-ר' יואל ברק"מ פאלקאוויטש-ר' יואל גאטליב-ר' יואל גאלדשטיין-ר' יואל הערש טעסלער-ר' יואל וויטריאל-ר' יואל טייטלבוים-ר' יואל לאנדא-ר' יואל שפיצער-ר' יודל בר"י פאלקאוויטש-ר' יוסף וואלדמאן-ר' יחזקאל צבי ישעי' בראווער-ר' יחזקאל שרגא ווייס-ר' יחיאל יואל שטעסל-ר' יעקב אלי' ראטענבערג-ר' יעקב ברייער-ר' יעקב דוב ברב"מ כהן-ר' יעקב דוב מילער- ר' יצחק פעקעטע- -ר' ישראל אברהם אלטר לאנדא-ר' ישראל הערש גאלדשטיין-ר' לוי יצחק ליבערמאן-ר' מאיר יעקב וויינשטאק-ר' מיכאל פעקעטע-ר' מענדל בר"מ טארים-ר' מענדל מאיר בראווער-ר' מרדכי הערש לויפער-ר' מרדכי הערש שפיצער-ר' משה יחזקאל בראווער-ר' משה יצחק קויפמאן-ר' משה מאיר וויטריאל-ר' משה שניצער-ר' פנחס יאקאבאוויטש-ר' פנחס שווארטץ-ר' צבי ווייס-ר' צבי פנחס גפן-ר' קלמן מענדל פאלקאוויטש-ר' רפאל שטערנגאלד-ר' שלום אלימלך אלקאוויטש-ר' שלום ברעכער-ר' שלום דוב מענדאלוויטש-ר' שלום דוב קופטשיק-ר' שלמה גפן-ר' שלמה לעבאוויטש-ר' שלמה פעדער-ר' שמואל דוד בירנבוים-ר' שמואל לעפקאוויטש-ר' שמחה משה וואלדמאן-ר' שמעון משה בראווער-ר' שרגא פויזען

**ויה"ר מלפני אבינו שבשמים שכל הנדיבים יתברכו בכל מילי דמיטב. אמן**

אינעם הייליגן רבינ'ס שטאָט, פאַר'ן הייליגן רבינ'ס פושקע:

# טויזנטער תשב"ר פון מוסדות קרית יואל ווערן התלהבות'דיג אָנגעשלאָסן אין יטב לב'ס ערב פסח "אויסליידיגן פושקעס" קאַמפיין




געטרייע מלמדים ומנהלים פון אַלע סאַטמאַרער מוסדות אָנגעשלאָסן אנצופירן מיט'ן קאמפיין אין אלע מוסדות-אפטיילונגען; ספעציעלע מתנות פארטיילט פאר אלע קינדער; געווינער וועלן געצויגן ווערן אויף ווערדפולע צרכי החג

**יטב לב אפעלירט: אַ "מיליאָן דאָלער" מוז געשאפן ווערן צו קענען אויסצאָלן די ירושלים'ער מלמדים אויף פסח!**

ניו-יאָרק. – צענדליגער טויזנטער אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר – בכל מקומות מושבותיהם – טוען אין די יעצטיגע ערב פסח טעג אויסליידיגן זייערע 'יטב לב פושקעס' און דערמיט אריינברענגען אן ערנסטע הכנסה לטובת דעם חינוך הטהור, פרוטה לפרוטה מצטרפת, צו העלפן אויסצאָלן די מסירת נפש'דיגע ירושלים'ער מלמדים אויף יום טוב.

אַצינד גרייכט דער פייער אין רבינ'ס הייליגע שטאָט, סאטמאר'ס הויפטקווארטיר: קרית יואל!

דאס איז דאך די הייליגסטע און טייערסטע צדקה אין סאטמאר. די ערשטע פושקע וואס יעדער האלט אין שטוב. ווייל רביה"ק זי"ע האט דאך געבעטן אז די פושקע זאל יעדער האַלטן אינדערהיים און מחזיק זיין משאת נפשו הטהורה דעם חינוך הטהור.

עוסקים במלאכת הקודש בעיר ה' שמה, בפרט אז מ'דארף יעצט תיכף ומיד אויפקומען אויף דעם "כפל תמיכה", וואס רבינו הקדוש זי"ע האט פארלאנגט מ'זאל צאלן צוויי מאל א יאר, בחדשי ניסן ותשרי.

יעדער סאטמארער חסיד שפירט אן אחריות אין זיין הארץ, אַז ס'קומט פאַר פסח מוז ער צושטייער געבן, ער מוז צוהעלפן פאַר די הייליגע מוסדות יטב לב, בבת עינו פון רבינו הקדוש זי"ע! מ'קען נישט צוגיין צום יום טוב כל זמן מ'ווייסט נישט אז מ'האט געטון די מאקסימום פאר'ן קרוין פון סאטמאר און פונעם חינוך הטהור!

### די הויפט ראָלע: אלפי ילדי תשב"ר פון מוסדות סאטמאר אין ניו יארק

די הויפט ראָלע אין דעם פושקע קאמפיין שפילן די אלפי ילדי תשב"ר פון מוסדות סאטמאר ניו-יארק און ניו זשערסי!

די טויזנטער ילדי תשב"ר פון מוסדות סאטמאר, וויליאמסבורג, בארא-פארק, קרית יואל, מאנסי, קרית יטב לב, לעיקוואוד, טוען זיך אנשליסן מיט'ן אריינברענגען פולע 'יטב לב פושקעס' אין די חדרים, און צוזאמען גרייכן א ריזיגע סומע, ע"כ התשב"ר.

וברם יזכר לטובה די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש, מצדיקי הרבים ככוכבים, די מלמדים ומנהלים, וועלכע געבן זיך אוועק שנה שנה שלא על מנת לקבל פרס, בלויז צו העלפן די הייליגע צדקת יטב לב. און ב"ה עלתה בידם אריינצוברענגען הערליכע סומעס.

צום אָנהויב פון היי-יאריגן קאמפיין

## די סאַטמאַרער פושקע: יטב לב!

### די פושקע וואָס יעדער סאטמארער איד האָט אין שטוב און איז מסוגל צו אַלע השפעות וישועות ובפרט פאַר "גוטע קינדער"

דאס אריינלייגן געלט אין די הייליגע יטב לב פושקע איז ביי סאטמארע חסידים און תלמידים טיף איינגעבאקן אין די הערצער.

די 'יטב לב פושקע' פארנעמט דער אויבנאן פון אלע צדקות, וויבאלד מרן רביה"ק זי"ע האט בערוב ימיו ביום ג' דחנוכה שנת תשל"ט לפ"ק אונטערגעשריבן א מכתב קודש בחתימת יד קדשו, איז דאס געבליבן וואו א הייליגע צוואה לדורות עולם.

דער רבי זי"ע שרייבט אין דעם מכתב: "הנה בדבר המצב הקשה של המוסדות הקדושות בא"י הוחלט לחלק קופסאות צדקה פושקעס בין אנ"ש שיחיו לטובת ישבתינו הקדושה והת"ת יטב לב בעיה"ק ירושלים תובב"א. לזה אבקש מאת ידידינו תלמידינו ואנ"ש היקרים שיחיו, שכל אחד יקח לביתו צדקה פושקע, וזכות החזקת התוה"ק ולומדי' וזכות תשב"ר יגן על כל המחזיקים והתומכים בזה להתברך בשפע ברכה והצלחה ובכל מילי דמיטב".

ס'זענען געווען אט די הייליגע ווערטער פון רבינו הקוה"ט זי"ע האט בשעתו אנגעצינדן אינעם ציבור א פלאם און התלהבות צו האבן א יטב לב פושקע אינדערהיים און אריינווארפן דערין צדקה אין יעדן געלעגנהייט וואס איז נאר מעגליך, פאר יעדע מצוה וואס מען טוט, פאר ליכט צינדן, פאר יעדע שמחה, אדער ווען אימער מען נויטיגט זיך אין א ישועה אדער רפואה, אא"וו.

אנשי שלומינו האבן שטענדיג געוואוסט אז דער אדרעס פון צדקה וואו מ'ווענד זיך אויב נויטיגט מען זיך אין א ישועה רפואה, אדער אויף הצלחה אין סיי וואסערע אנגעלעגנהייט לייגט מען אריין מטבעות אין די יטב לב פושקע לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס, ולעילוי נשמת רבינו יואל בן חנני' יו"ט.

גאנצע ביכער וואלט געקענט געשריבן ווערן וואס אידן האבן צו פארציילן איבער אפענע ישועות וואס זיי האבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן בעת זיי האבן זיך גענויטיגט אין א ישועה און האבן מנדב געווען א סכום געלט פאר די פושקע פון מוסדות יטב לב בירושלים עיה"ק. ממש למעלה מדרך הטבע.

ס'איז שוין אזוי יארן וואס די פושקע איז פארהייליגט, אלס 'דעם רבינ'ס פושקע', האלטנדיג פאר די אויגן די פילע הבטחות און ברכות פונעם צדיק יסוד עולם וואס האט אזויפיל מאל געפאדערט און צוגעזאגט ישועות ורפואות ווער עס שטיצט די מוסדות יטב לב בארה"ק.

און איצט, ערב פסח תשפ"ד, ווערט עס פונדאסניי נתחזק, ווען אנ"ש מכל מקומות מושבותיהם ליידיגן אויס די פושקעס צו שיקן קמחא דפסחא פאר די מסירת נפש'דיגע ירושלים'ער מלמדים אויף יום טוב.

**די פושקע וואס איז פארהייליגט ביי אלפי אנ"ש!**

### 20 פראָצענט העכערונג אין געהאלט פאר יטב לב מלמדים!

מ'שטייט היי-יאר – אין דער אינפלאציע תקופה – אין א מורא'דיגן שווערן זמן ווען דער בודזשעט פון יטב לב איז זיך אויסטערליש צעוואקסן, נאך וואס מ'האט געשאנקען א העכערונג פאר אלע מסירת נפש'דיגע יטב לב מלמדים, אַ פעיראָל רעיז פון גאַנצע 20 פראָצענט!

מ'שיקט יעדן איינציגסטן חודש א פערטל מיליאן דאלער, 250 טויזנט דאָלער גייט אַרויס יעדן איינציגסטן ראש חודש קיין ירושלים.

מען מוז אויפקומען מיט "אַ מיליאָן דאָלער" יעצט ממש ערבי פסחים, פאר די געטרייע מסירת נפש'דיגע

תשפ״ד האָבן אלע ווידעראמאל אויסגעדרוקט א ווארעמע גרייטקייט, מיט א הייסן געפיל, מיטצושטיין צום קאמפיין, אנווארעמען די ילדי תשב״ר ארייַנצוברענגען די פושקעס, און פארזיכערן די הצלחה׳דיגע סוקסעס בעז״ה.

אַזוי שוין פון סאמע קליינווייז אן, ווערן די קינדער ערצויגן, און אין זייערע יונגע הערצער ווערט ארייַנגעבאקן, אז ״יטב לב״ איז די ערשטע און הייליגסטע צדקה, וואס מיר דארפן אלעמאל שטיצן, בכל לב ונפש מחזיק זיין, ווייל דאָס איז ביי רבינו הק׳ זי״ע געווען די ״ערשטע הייליגסטע צדקה״!

## מתנות, גורלות, ווערדפול און רייך, פאַר׳ן צוריקברענגען די פושקעס!

פאר יעדער פושקע וואס ווערט אַרייַנגעברענגט וועלן די קינדער פון יענער גאנצער משפחה ארייַנגיין אין א גורל, צו געווינען א ווערדפולן סערטיפיקאט וואס וועט ווערן אויסגעראפעלט ערבי פסחים. עקסטער באקומען אלע קינדער א געשאנק פאר יעדן סכום וואס ווערט אריינגעברענגט, פון 10 דאָלער און העכער.

אויך קען מען די פושקעס אריינברענגען יעדן טאג צום צענטראלן אפיס פון מוסדות יטב לב אויף 143 ראדני סטריט; איבערגעבן אין די סאטמארער בתי מדרשים פאר די מקוה אידן וגבאי קודש וממונים; סיי אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל און מאנסי.

עס ווערט אויך צוגעשטעלט די ספעציעלע אָפציע: ליידיגט אויס אייער פושקע אין שטוב, האַלט די ״קעש״ פאַר אייך, און רופט אריין אין יטב לב אפיס מיט אייער קרעדיט קארד איבערצוגעבן דעם סכום!

## 6 געווינער, 6 ווערדפולע גורלות פון צרכי החג!

אין אַ בחינה פון ״אין בו אלא חידושו״, האָט יטב לב פראקלאמירט 6 ווערדפולע גורלות, וואו 6 געווינער וועלן אי״ה באַקומען אַ שיין געווינס פון וויכטיגע צרכי החג, בלויז פאר׳ן צוריקברענגען די פולע פושקעס, וואָס דאַרף דאך סייווי אָנצוקומען צו די מוסדות הקדושים! די גורלות ״דעקן״ די וויכטיגסטע נויטבאַדערפטיגקייטן פון ערב יום טוב: הלבשה, גראסערי, פלייש, פיש, וויין און תשמישי קדושה!

אפעלירט, בכן, הנהלת יטב לב: ליידיגט יעצט אויס אייער פושקע, בעפאָר פסח, ווען מ׳דאַרף עס אַזוי קריטיש וויכטיג האָבן פאַר׳ן חינוך הטהור!

פארפאסט נישט די זעלטענע געלעגנהייט ארייַנצוברענגן א סגולה פאר שמירה און הצלחה ביי אייך אין שטוב, ובפרט מיט ״גוטע קינדער״, אויב האָט איר נאָך נישט אַ פושקע קומט אפנעמען א פושקע לטובת מוסדות יטב לב בירושלים עיה״ק וואו עס ווערן נתחנך נאנט צו שני אלפים תשב״ר בליעה״ר באמונה טהורה על דרך ישראל סבא; און גלייכצייטיג זייט דערביי א געלעגנהייט צו געווינען פון די ווערדפולע געוויסן, אייך בייהילפיג צו זיין אריינברענגען דעם יום טוב אין שטוב.

**אלפי תושבי קרית יואל רבתי עם וגלילותי׳, ליידיגט אויס דעם רבינ׳ס פושקעס יעצט ערב פסח!**

**שיקט עס צוריק מיט אייערע קינדער אין חדר אדער רופט היינט העסקן הנמרץ מוה״ר הערשל שטערן הי״ו, 845-662-9243**






נָתְנוּ אֶת נִבְלַת עֲבָדֶיךָ מַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמָיִם בְּשַׂר חֲסִידֶיךָ לְחַיְתוֹ אָרֶץ

# שאָק און שוידער: אידישע בתי חיים לענגאויס אייראָפּע זענען אין שרעקליכע געפאַר פון פאַרניכטונג הי"ל"ת

## נאָך אויפטרייסלענדע געזעץ אין דער שטאָטראַט פון אומאַן; אוקראַינע

**כלל ישראל איז דערציטערט נאָך באַשטעטיגונג פון בייזוויליגער געזעץ וואָס טוט לעגאַליזירן צו אויפגראָבן אור-אַלטער אידישער בית החיים און צומאָלן די ביינער פון 30,000 קדושי אומאן הי"ד, באַזירט אויף לעכערליכע שטודיעס פון קאָרופטירטע אוקראַאינישע אַרכילאָגן און לאָקאַלע רעגירונג באַאמטע, וועלכע פאַרלייקענען גענצליך דאָס עקזיסטענץ פון אָרטיגע וועלט באַרימטע בית החיים**

**פרישע אומגלויבליכע פרעצעדענט באַדייט אַ פּאָלקאָמע גרויזאַמע גזירת כלי', צו אויסגראָבן צדיקים שוכני עפר ושרפי מעלה בכל רחבי אייראָפּע, געבנדיג אַ לייכטן אויסוועג פאַר גוי'אישע רעגירונגען און מוניציפּאַליטעטן צו אויספליקן אידישע בתי חיים אָן קיין אָפּהאַלט ה"י**

**אידן איבער דער גאַנצער וועלט זענען צושאָקלט אין אַנגסט פון די אַנטוויקלונגען און וועלן נישט שטיין גלייכגילטיג, נאר טון כל מה שביכלתם, בדורן בתפלה ובמלחמת אש קודש!**

**הכונו למערכה אדירה**

הַחֲסִידִים וְהַיְשָׁרִים וְהַתְּמִימִים שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם עַל קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם! די אידישע וועלט איז אין די טעג אויפגעציטערט געווארן פון די שמועות מחרידות וועלכע קומען פון דעם אור - אלטן בית עולם אין דער שטאט אומאן, דער מקום קדוש ונורא, וואו עס ליגן באהאלטן פילע רבבות קדושים הי"ד, האַרט נעבן דעם ציון הק' פון הרה"ק מהר"ן מברסלב זי"ע, וואס ברענגט מיט זיך א באלדיגע שרעקליכער געפאר אַז אידישע בתי חיים לענגאויס אוקראַינע און אייראָפּע זאלן פאַקטיש אויסגעריסן און צומאָלן ווערן, לעגאַל און געזעצליך, ה' ירחם!

פאָריגע וואָך פרייטאָג פרשת צו איז געווען אַ שוואַרצער טאָג אין די קורות הימים פון די בלוט - דורכגעווייקטע אוקראַינע באָדן, ווען די שטאָטראַט פון דער שטאָט אומאַן האָבן בייזוויליג דורכגעפירט א געזעץ, וועלכע טוט ערקלערן אומצווידייטיג אַז ס'איז בכלל נישט פאַרהאַן קיין בית החיים אויף די באַוויסטע פושקינא בילינסקי גאַס, דעם לאנגיעריגן באוויסטן שטח ביה"ח העתיק ומקום מנוחתו פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע צוזאמען מיט די 30,000 קדושי אומאן שמסרו נפשם על קדושת ה', און ס'איז לעגאַל אויסגעהאַלטן לויט'ן געזעץ צו אויסגראָבן דעם גאַנצן שטח.

ס'הערט זיך אומגלויבליך ביז גאָר וויאַזוי די אָרטיגע שטאָטראַט טרויעט זיך צו פאַרלייקענען אַ פאַקט וואָס איז באַקאַנט שוין הונדערטער יאָר פאר אַלע איינוואוינער אין שטאָט, אידן און להבדיל גוים צוגלייך, אַז אויף דעם אָרט געפינט זיך דער היסטאָרישן אור - אַלטן בית החיים, וואו עס ליגן באַהאַלטן די דרייסיג טויזנט קדושים הי"ד, וועלכע זענען אומגעברענגט געוואָרן מיט אַלע ערליי מיתות משונות ביי די טרויעריגע 'גזירת גאנטא' אין יאָר תקכ"ח, און מיט אַסאַך יאָרן שפּעטער איז דאָרט נטמן געוואָרן הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, על פי בקשתו.

דאָס בית החיים איז במשך אַלע יאָרן געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער שטאָט אומאַן, וואו מ'זעט עס אויך אין הונדערטער אַלטע בילדער און מאַפּעס. און פאַרשטענדליך איז די מסורה פון דעם ביה"ח אויך געוואָרן אָפּגעהיטן ביי אידן מדור לדור, זייענדיג דער פינטל אין האַרץ פון ברסלב'ער חסידים במשך די פאַרלאָפענע אַריבער הונדערט יאָר, וועלכע האָבן במשך אַלע יאָרן זיך דאָרט משתטח געווען על ציונו הק' פון מהר"ן מברסלב זי"ע, וואָס האָט מעיד געווען גאָר גרויסע הפלגות אויף דעם הייליגן בית החיים.


gov.ua

Uman city council
Executive Committee

City government | News | Documents | Economy | Activity | Public | Our city | Search

Draft decisions of the city council
Draft decisions of the executive committee
Decision of the city council
Decision of the executive committee
Order of the mayor
Minutes of sessions
Protocols of commissions
Target programs
Archive of project decisions of the city council
Archive of draft decisions of the executive committee

Main / Documents / Decision of the city council / Decision of the 66th session of the Uman City Council of the VIII convocation dated March 29, 2024

Decision of the 66th session of the Uman City Council of the VIII convocation dated March 29, 2024

OPEN THE SOLUTION IN A NEW WINDOW

List of decisions made at the 66th session
of the Uman City Council from March 29, 2024

| No | Name | Number |
|---|---|---|
| 1 | On the approval of the targeted Program for the provision of executive assistance, financing of measures aimed at increasing the level of combat readiness of military units of the Ministry of Defense of Ukraine, the National Guard of Ukraine and the State Border Guard Service of Ukraine for 2024-2027. | 1-66/8 |
| 2 | On making changes to the Regulation on labor management and social protection of the population of the Uman City Council in the new edition. | 2-66/8 |
| 3 | On making changes to the Program for the organization and financing of public and other works of a temporary nature in the Uman city territorial community for 2021-2025. | 3-66/8 |
| 4 | On introducing changes and additions to the Tourism Development Program in the Uman City Territorial Community for 2023-2027 in the new edition. | 4-66/8 |
| 5 | On making changes to the decision of the city council dated 04/30/2021 No. 14-13/8 "On approval of the Regulation on the special fund of the Uman City Council". | 5-66/8 |
| 6 | On making changes to the decision of the city council dated 15.12.2023 No. 12-62/8 "On the budget of the Uman city territorial community for 2024 (23574000000)". | 6-66/8 |
| 7 | On the delegation of powers to the executive committee of the Uman City Council regarding the formation of the supervisory board of the MUNICIPAL NON-COMMERCIAL ENTERPRISE "UMAN CENTRAL CITY HOSPITAL" OF THE UMAN CITY COUNCIL. | 7-66/8 |
| 8 | About making changes to the types of economic activity of the UMAN UTILITY ENTERPRISE "KOMUNALNYK". | 8-66/8 |
| 9 | On granting permission to the UMAN UTILITY ENTERPRISE "KOMUNALNYK" to obtain a loan and enter into a contract for the purchase of equipment. | 9-66/8 |
| 10 | On the approval of the "Historical-architectural reference plan of the city of Uman, Cherkasy region". | 10-66/8 |
| 11 | On the approval of the detailed plan of the territory of residential and | 11-66/8 |

אָבער ליידער איז אַ האק אויפגעהויבן געוואָרן אויף אָט דעם אור - אַלטן בית החיים, ווען די אומאנער שטאָטראַט האָט דעם פארלאפענעם פרייטאָג צו דורכגעפירט אַ שוידערליכן געזעץ, וואָס טוט פּשוט אָפּלייקענען דעם האַרטן מציאות וואָס אַלע ווייסן, און עס טוט באַשטעטיגן אַז דער גאַנצער שטח איז אינגאַנצן נישט קיין 'בית החיים', וואָס דעריבער איז ערלויבט צו אויסרייסן דאָס גאַנצע אָרט, צו קענען דאָרט גראָבן און בויען אָן קיין שום אָפּהאַלט, רחמנא ליצלן.

### אוי לאותו בושה; 'חופרי קברים' מיט'ן אידישן לבוש

צום גרויסן ווייטאָג און שאַנדע איז דאָס געזעץ באַאַרבעט און אַהערגעשטעלט געוואָרן דורך בייזוויליגע 'חופרי קברים', וואָס טראָגן נאָך באָרד און פאות, וועלכע האָבן זיך צוזאַמגעשטעלט מיט אַ 'שיתוף פעולה' מיט די גוי'אישע אַנטיסעמיטן אינערהאַלב דעם אָרטיגן שטאָטראַט מיט'ן מעיאר אינאיינעם, און האבן אויספלאנירט אַצינד צו דורכפירן דעם גזירת כלי' אויף דעם הייליגן בית החיים.

ס'איז שוין אַ לענגערע צייט וואָס עס הערט זיך דער ווי - געשריי פון דער שטאָט אומאַן, וואו געוויסע געלטגייציגע פאַרשוינען האָבן בעד בצע כסף געגראָבן און געבויעט גרויסע בנינים, בזדון ובשאט נפש, אויפ'ן שטח פון דעם הייליגן בית החיים, טראָץ אַלע האַרציגע געבעטן און שתדלנות פון דאָס יהדות החרדית אַלוועלטליך.

נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים.

## דער בייזוויליגער פּלאַן צו אויסרייסן דעם גאַנצן סטאַטוס פון דעם הייליגן בית החיים

די חופרי קברים, אינאיינעם מיט די אומאַנער שטאָטראַט האָבן זיך אָבער געטראָפן אין אַ פּראָבלעם, ווייל לויט'ן אָפיציעלן געזעץ פון אוקראַינע איז נישט לעגאַל די גאַנצע אַרבעט פון גראָבן און טון סיי וועלכע אַנדערע אַרבעט אויפ'ן שטח פון דעם בית החיים. דאָס איז אומגעזעצליך ווייל דער גאַנצער שטח איז אַנערקענט געוואָרן דורך די אוקראַינע רעגירונג אַלס אַ היסטאָרישע אָרט, מען טאָר דאָרט נישט גראָבן אָדער דורכפירן בוי-אַרבעט.

דאָס האָט זיי געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, און דאַן האָבן זיי באַשלאָסן צו דורכפירן דעם געמיינעם און שוידערליכן פּלאַן, צו איינפאַך טוישן דעם גאַנצן סטאַטוס פון דעם בית החיים, און באַשטימען אַ פרישן געזעץ אַז דאָס איז לגמרי נישט קיין בית החיים, און ס'איז דעריבער ערלויבט דאָרט צו גראָבן און בויען אָן קיין אָפּהאַלטן, הי' לא תהי'.

## די לעכערליכע 'שטודיעס' דורך אונטערגעקויפטע אוקראַינער אַרכילאָגן

כדי צו ערמעגליכן דעם שרעקליכן ציל האָט די אומאנער שטאָטראַט באשטעלט עטליכע קאָרופּטירטע פויערן פון קיעוו, וועלכע האָבן דעם אוקראַינע לייסענס אַלס א.ג. 'אַרכילאָגן'. וועלכע האָבן אויסגעגראָבן פאַרשידענע קלענערע גרובער אויף עטליכע ערטער, צווישן זיי די פלאץ וועלכע עס ליגן באהאלטן די טויזענטער קדושים שמסרו נפשם על קדושת ה', זייערע גראב ארבעט איז געווען נישט טיפער ווי צוויי אַהאַלב פיס אַראָפּ, און וועלכע זיי האבן געמאַכט זייערע אָנגעבליכע 'טעסטס' אויפ'ן שטח.

די אונטערגעקויפטע 'אַרכילאָגן', וועלכע האָבן באַקומען שיין באַצאָלט, האָבן ווי פאַרשטענדליך געמאָלדן מיט גרויס פּאַראַדע אַז זיי האָבן טאַקע גאָרנישט געפינען... אַלעס איז ליידיג. זיי זענען געקומען צו דער לעכערליכע מסקנא, פאר אַפּאָר דאָלער, אַז אויף דעם שטח איז בכלל נישט פאַרהאַן קיין בית החיים...! ווי זיי שרייבן ווייטער, זענען זיי נישט קיין באוויז אז הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע ליגט דארטן, וואס לויט זיי איז נישטא קיין שום באווייז פון קיין היסטאריע אדער היסטאריקער אדער סיי וועלכע ארכיאלאג אז הרה"ק רבי נחמן ליגט טאקע דארטן!

אַז מען באַטראַכט דעם באַריכט פון די אַרכילאָגן, וואָס האָבן דורכגעפירט די חפירות ביי דעם אָרט פון די דרייסיג טויזנט קדושי אומאַן, זעט מען קלאָר ווי די גאַנצע באַריכט איז געשריבן געוואָרן מיט אָפענע העצע און שנאת ישראל, צווישן די שורות שרייט אַרויס די טיף - איינגעבאַקענע שנאה קעגן אידישע קינדער בכלל און קעגן חסידים בפרט. די אַרכילאָגן זענען מודה מיט פאַרדרוס אַז מען האָט זיי נישט געלאָזט געהעריג גראָבן אָבער דאָס האַלט זיי נישט צוריק פון אָפּשרייבן זייערע 'מסקנות', וואָס איז באַצאָלט געוואָרן מיט גרויס געלט, אַז ס'זאָל דינען די אינטערעסן פון די חופרי קברים.

אין דעם זינלאָזן און לעכערליכן באַריכט באַשטעטיגן די אַרכילאָגן אַז זיי האָבן נישט געפינען קיין שום באַווייז דורכאויס זייערע בדיקות אויף דעם גאַנצן שטח. לויט זייערע 'געפינסן' ליגט הרה"ק רבי נחמן זי"ע באַהאַלטן אינמיטן אַ ליידיגן שטח וואָס איז קיינמאָל נישט געווען קיין בית החיים... דער באַריכט לייגט נאָך צו אַ געמיינעם פרעכן עלילה אַז די 'חסידים' האָבן אַריינגעלייגט אין דעם שטחביינער און עצמות פון מענטשן, כדי צו אויפווייזן אַז דאָרט איז פאַרהאַן אַ בית החיים...! אַזאַ אַנטיסעמיטישע 'באַשולדיגונג' דערמאַנט פון די בלוט בלבולים אין אוקראַינע דורך שונאי ישראל אין אַלע דורות, אַז אידן מישן אַריין בלוט אין זייערע מצות...

## את אשר יגורנו בא; דער שרעקליכער געזעץ ווערט באַשטעטיגט

אַצינד איז דאָס יהדות החרדית ערוועקט צו די שמועות נוראות המחרידות כל לב, אַז די אומאנער שטאָטראַט האָט אָפיציעל באַשטעטיגט דעם פּראָצעדור פון די פאַרברעכערישן געזעץ, וואו זיי טוען אָפיציעל דערקלערן אַן 'אַרכיטעקט באַזירטער פּלאַן', אַז דאָס אָרט איז נישט קיין בית החיים און זיי האָבן דאָס אַריינגעשטעלט אין די לאָקאַלע 'זאָנינג' געזעץ אַז ס'איז ערלויבט דאָרט צו גראָבן און בויען אומגעשטערט, פונקט ווי אַ געוועגליכע גאס! היל"ת.

אין איין וואָרט שטייט מען אַצינד פאר אַ מציאות, ווען די לאָקאַלע רעגירונג פון אומאַן האָט באַשטעטיגט, בעד בצע כסף, אַז ס'איז נישטאָ קיין בית החיים, נישטאָ קיין מתים און נישטאָ קיין קדושים, רח"ל! נאר מ'קען איינפאַך אויסגראָבן דעם גאַנצן שטח פון דעם בית החיים, וואָס ס'איז באַשטעטיגט למעלה מכל ספק אַז דאָרט ליגן באַהאַלטן די עצמות הקדושים, וועלכע ליגן שוין דארט במנוחה זינט זיי זענען ברוטאל אומגעברענגט געווארן על קידוש ה', מיט נאענט צו 250 יאר צוריק. הי' לא תהי'!

מי מילל ומי פילל אז אט דער אור



ישיבת חסידי ברסלב אור הנעלם ירושלים
YESHIVATH CHASIDEI BRESLEV OR HANEELAM
JERUSALEM

בס"ד 28/03/2024

Голові Черкаської обласної
державної адміністрації
Табурцю Ігорю Івановичу
18000, м. Черкаси, бульвар Шевченка, 185
e-mail: srzg@ck.gov.ua

Міському голові міста Умань
Плетньовій Ірині Григорівні
20301, м. Умань, площа Соборності, 1
e-mail: uman.rada.ua@gmail.com

Ми глибоко стурбовані останніми подіями в Умані, які ставлять під загрозу повне знищення цвинтаря, на якому спочиває наш святий Реббе, хай буде благословенне ім'я праведника. Ми вражені звісткою, що Уманська міська рада планує затвердити Історико-архітектурний опорний план міста Умані без включення до нього охоронних зон пам'ятки культури Могила цадика Нахмана, що призведе до остаточного знищення Старовинного цвинтаря, на якому спочивають тисячі невинних жертв різанини Гайдамаків.

Затвердження Історико-архітектурного опорного плану з порушенням чинного законодавства України спричинить подальшу шкоду репутації Уманської влади серед десятків тисяч паломників, які особисто бачили руйнування цвинтаря. Це серйозно вплине на взаємини між паломниками та місцевою громадою. Ми переконливо просимо Вас вжити всіх необхідних заходів, щоб запобігти такому розвитку подій.

Необхідно зробити все можливе для дотримання норм чинного законодавства України та відображення в Історико-архітектурному опорному плані охоронних зон пам'ятки Могила Раббі Нахмана, затверджених наказом Черкаської обладміністрації № 41 від 9 квітня 2021 року. Не можна допустити руйнування могил на цвинтарі, на якому спочиває наш святий Реббе, нехай благословенне буде ім'я праведника.

Ми впевнені, що Ви вживете всіх можливих заходів, щоб забезпечити ковод хамейсім - повагу до покійних- і захистити могили від знищення.

З благословенням,

שמואל משה קרמר





אלטער, היסטארישער היסטארישער בית החיים גייט פאַרניכטעט ווערן, ערו ערו עד היסוד בה! עס פלאַטערט דאס אידישע הארץ אז דער מקום מנוחה, דער מקום השראת השכינה, וואו עס ליגן במנוחה די עצמות קדושות פון אזויפיל רבבות אידן, אנשים נשים וטף, וועלכע האבן זיך געלאזט אומברענגען מיט אלע מיתות משונות, מנשרים קלו ומאריות גברו לעשות רצון קונם, דראעט חלילה צו ווערן נתחלל אויף אזא שענדליכן פארנעם, אַז מען זאָל 'אָפּיציעל' און 'געזעצליך' קענען ארויסצווארפן זייער עצמות קדושות כדומן על פני השדה!

## האַרציגער ווענדונג בריוו פון גדולי וזקני ברסלב שליט"א אַרויסגעשליידערט

אין אַ לעצט - מינוטיגע פּרואוו מקדם צו זיין את פּני הרעה, איידער דאָס געזעץ איז באַשטעטיגט געוואָרן, זענען די געטרייע שתדלנים פון דעם "וועד למען הצלת בית החיים באומאן", אַריבערגעגאַנגען דעם פאַרגאַנגענעם פרייטאָג, צו דער זיצונג פון דער שטאָטראַט, וואו מען האָט איבערגעגעבן אַ פּערזענליכן האַרצרייסנדן בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך די זקני גדולי רבני ברסלב שליט"א דירעקט פאַר'ן סטעיט גאָווערנאָר און פאַר'ן לאָקאַלער מעיאָר, וואו זיי בעטן זיך אַז די אינסטאַנצן זאָלן נישט דורכפירן אַזאַ שענדליכע אַקט.

אויף דעם בריוו זענען אונטערגעשריבן: הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א, הגה"צ רבי שמואל משה קרעמער שליט"א, הגה"צ רבי שמעון שפּירא שליט"א און הגה"צ רבי אפרים נחמן אנשין שליט"א. אָבער ליידער האָבן די אַנטיסעמיטן אינערהאַלב די שטאָט ראַט אַרויסגעצייגט אַ פרעכע האַרטנעקיגקייט ווען זיי האָבן צוריקגעוואָרפן מיט נידריגע זלזול דעם בריוו פון די רבנים שליט"א אפלאכענדיג ווער פרעגט די רבנים וואס צו טון, און זיך נישט געוואָלט רעכענען דערמיט, ביז דאָס געזעץ איז באַשטעטיגט געוואָרן לדאבון לב כל בית ישראל.

## אַ גורל'דיגע געראַנגל פאר דעם עתיד פון אידישע בתי חיים לענגאויס גאַנץ אייראָפּע

איבערהויפּט כאַפּט אַ ציטער ווען ס'איז קלאָר ווי דער טאָג אַז די יעצטיגע ערשיינונג האָט געעפנט דעם טיר, אַז סיי וועלכע רעגירונג לענגאויס אייראָפּע וועלכע וויל אויסרייסן אָדער אָפּווישן אַ אידישע בית החיים, האָט מהיום והלאה אן איינפאַכע און לייכטע מהלך, צו אַראָפּרופן געדינגענע 'אַרכילאָגן' וועלכע זאלן 'גאָרנישט' טרעפן און דערנאָך קען מען אַריבערפירן אַ געזעץ אַז ס'איז נישט פאַרהאַן דאָרט קיין בית החיים, אויך אויב דאָס פלאַץ איז באַקאַנט פאר דער גאַנצער שטאט, אידן ווי גוים, אַז דאָרט ליגן נפטרים, אויך אויב ס'איז דאָ אן אוהל מיט באַקאַנטע קברים, קען אַלעס ווערן אָפּגעווישט רח"ל.

לב מי לא יחרד! עס לאָזט זיך נישט גענוג באַגרייפן וואָספאַראַ ווייטגרייכענדע חורבן און גזירת כלי' די יעצטיגע פּרעצעדענט קען חלילה ברענגען פאַר'ן גאַנצן עתיד פון בתי חיים אין אייראָפּע. דאָס געזעץ וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אומאַן באַדייט פאַקטיש אַ גזירה פון פאַרניכטונג פאר קברי ישראל לענגאויס גאַנץ אייראָפּע ה"י! אַזעלכע נידריגע מהלכים שטעלן אַריין אין אַ באַלדיגע געפאַר די מקום מנוחה פון הונדערטער טויזנטער אידן אין אַלע שטעט און לענדער. קיינער קען נישט פאָראויסזאגן די ביטערע קאנסקעווענצן ומי יודע מה יולד יום!

דאָס איז אַ מצב נורא ואיום, וואָס געדענקט זיך נישט אַזאָנס, און כלל ישראל וועט נישט שטיין גלייכגילטיג נאר מען גייט מרעיש זיין עולם ומלואו אַז דאָס זאָל ח"ו נישט פאַסירן.

## אקטיווע פעולות חובקות להעביר את רוע הגזירה




די ביטערע נייעס האט געכאפּט אידן אומעטום אין אן אויסטערלישן שאק און שוידער, ווען מען טרויעט זיך שוין צו אנרירן דעם קודש הקדשים, אַ מקובל'דיגע בית החיים, וואו עס ליגן צענדליגער טויזנטער אידן פון במשך אַלע דורות.

כלל ישראל איז אַנטשלאָסן צו אויפשטורעמען די וועלט, זיך אָנצונעמען פאר דעם כבוד פון די שוכני עפר וועלכע ליגן אין בתי חיים בכל רחבי אייראָפּע!

ווי עס ווערט געמאָלדן וועט דאָס יהדות החרדית אָפּהאַלטן, אין די נאָענטע טעג, אַ רייע פון ריזיגע מעמדי התעוררות ורחמים רבים ובקשת תחנונים פאָרנט פון די אוקראַינער קאָנסולאַטן איבער דער וועלט, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד און אין ארץ ישראל, זיך צו בעטן ברחמים ותחנונים אַז זיי זאָלן חלילה נישט פאַרשוועכן קברי ישראל און מבטל זיין די גזירה הנוראה. כי בנפשינו הדבר!

## א ווייַ געשריי פאַר'ן עתיד פון בתי החיים באייראָפּע

אידן איבער דער וועלט, אחים לדעה, בואו ונחשוב חשבונו של עולם! "הזכירו לפניו השמיעו לפניו תורה ומעשים טובים של שוכני עפר" - געוואלד וואו זענען מיר? איך נישא פנינו?! ווי וועלן מיר קענען אויפהייבן אונזער פנים צו די הייליגע קדושים, חלילה בושה וכלימה תכסה פנינו, אויב וועלן מיר ווייטער שטיין גלייכגילטיג צו דעם פארברעך וואס ווערט פראַקטיצירט לאור השמש.

די לאגע קוקט אויס זייער שווארץ און ביטער אָבער טייערע ברידער! התעוררי התעוררי, ס'איז קיינמאל נישט צו שפּעט. ס'איז ברור כשמש אז אויב כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם וועט נתעורר ווערן און פאדערן בקול רעש גדול, צו ראטעווען דעם הייליגן בית הקברות, צו ראטעווען די עצמות קדושות פון די הייליגע קדושים הי"ד, וועט מען בס"ד דאס מונע זיין.

אין די קומענדיגע טעג וועט זיין דער שעת מבחן פאר די הצלה פון דעם עתיד בתי החיים באייראָפּע, בידינו הדבר תלוי, אין אונז אלע איז געווענדעט דער אויסגאנג דערפון. בת עמי לא תחשה ולא תשקוט בזעקה. זאל גאנץ כלל ישראל ווערן ווי א חומת אש און זיך אננעמען פאר די קדושים אשר בארץ המה, און מיט'ן כח הרבים וועט מען זיכער באווייזן אפצושטעלן די שרעקליכע מזימות רשע.

**אבינו מלכינו עשה למען שוכני עפר!**
**אבינו מלכינו עשה למען באי באש ובמים על קידוש שמך!**


דעם רבינ'ס
הייליגע פושקע
אין יעדע
קרית יואל'ער
שטוב!
די ליכט-צינדן
פושקע
וואו מ'פועלט בעז"ה,
'גוטע קינדער'!
ווייל דאָס האָט רביה"ק זי"ע געבעטן פון אונז:
יעצט פאַר פסח
ליידיגן מיר עס אויס
צו שיקן קמחא דפסחא פאַר
די מסירת נפש'דיגע מלמדים
קינדער אין חדר
1 אלע קינדער פון ת"ת וועלן אהיימברענגען
פושקע-בעגס; שיקט עס צוריק מיט זיי!
2 אונזער פושקע-גבאי
מוה"ר הערשל שטערן הי"ו
845.662.9243
רופט דעם נומער און מ'וועט
עס אי"ה קומען אָפּנעמען פון אייך
'לזה אבקש'
מאת ידידינו תלמידנו ואנ"ש
שכל אחד יקח לביתו
צדקה פושקע
לטובת ישיבתינו הק' והת"ת
יטב לב בעיה"ק ירושלים
וזכות החזקת התוה"ק ולומדי' וזכות תשב"ר
יגן על כל המחזיקים והתומכים בזה
להתברך בשפע ברכה והצלחה
ובכל מילי דמיטב.
מכתב קודש של רביה"ק זי"ע לכל אנ"ש
מוסדות יטב לב
דרבינו יואל ד'סאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
ערב פסח

# טויזנטער "רבי מאיר בעל הנס פושקעס" איבערגעגעבן די פאַרלאָפענע טעג ביים הצלחה'דיגן "דריי טאָגיגע פושקע דרייוו"

אינמיטן די הכנות צום גרויסן יו"ט פסח איז דאָס יאָר ווייטער דורכגעפירט געוואָרן דער גרויסאַרטיגער "פושקע דרייוו" וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן במשך די פאַרלאָפענע וואך, און האָט ווייטער מצליח געווען למעלה מן המשוער.

דורכאויס די שלשת הימים, פון פרייטאָג ערש"ק פרשת צו און די וואך זונטאג - מאנטאג, האָבן טויזנטער תושבי עירינו אויסגעליידיגט די איבערגעפולטע רבי מאיר בעל הנס פושקעס, וואָס מ'האָט אַריבערגעשיקט צו די שטיבער פון די גבאי קודש, אָדער געשיקט צו די מלמדי תשב"ר גבאי קודש אין די בניני התלמוד תורה, וואו מ'האָט איבערגענומען די פושקעס, און דערביי זוכה געווען צו די געוואַלדיגע ברכה און השפעה פון אלקא דמאיר עננו.

עס האָט דערביי זיך שטאַרק אָנגעזען דער התלהבות'דיגער מיטאַרבעט פון די געטרייע "גבאי קודש" וועלכע האָבן, טראָץ די איצטיגע פאַרנומענע פאר-פסח טעג, געאַרבעט ווי איין גרויסע משפחה, שטייענדיג גרייט איבערצונעמען די אָנגעפולטע פושקעס פון שכנים און באַקאַנטע, און מ'האָט אַלעס מסדר געווען על צד היותר טוב.

אין די איצטיגע טעג האָט מען שוין פריש אָנגעהויבן איבערצופולן די פושקעס מיט פרישע סכומים וואָס מ'וואַרפט כסדר אַריין, און עס איז זיכער אַז די תושבי עירינו וועלן ווייטער אַרויסצייגן דעם געוואַלדיגן געפיל פאַר די הייליגע צדקה וואָס איז ביי יעדן אַזוי שטאַרק פאַרהייליגט און טייער.

אויב האט איר נאכנישט מקיים געווען די מנהג אבותינו פון אויסליידיגען אייער פושקע, קענט איר נאך דאס יעצט מקיים זיין און אריבער טראגן צו די שטוב פונעם גבאי קודש אין אייער געגענט, אדער רופט אריין אין אפיס אויף 845-774-7330 די ריזיגע חלוקה פון די אריבער 2 מיליאן דאלער ווערט פארטיילט די קומענדיגע וואך, איר קענט נאך האבן א חלק דערין, ואלקא דמאיר עננו.

# די הייליגע "כולל שומרי החומות פושקע"!

מתוך דברי

## הגה"צ רבי שלמה רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב

אסיפת גבאי כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס - ר"ח סיון תשפ"ג

עס איז מיר א זכי' צו קענען אויפטרעטן ביי אן אסיפת חיזוק פון די "גבאי קודש" פונעם הייליגן "כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס"., עס איז נישט דא קיין הייליגערס, מען קען זאגן אשריכם שזכיתם להיות שמשים למקום, אידן וואס טוען שוין לאנג פאר די הייליגע צדקה, האבן די גרעסטע זכי'.

"איך מיין אז די גרעסטע קופה של צדקה וואס איז מגין אויף די שטאט קרית יואל איז די צדקה פושקע פון כולל שומרי החומות" ס'איז דאס מערסטע פארשפרייט אין די שטאט, סיי אין די הייזער סיי אין די בתי מדרשים "רוב רובם פון תושבי העיר זענען דאך יוצאי אונגארן". די הייליגע צדקה האט דאך געפלאמט ביי אלע הייליגע צדיקים.

די עצם זאך פון די הייליגע צדקה איז די גרעסטע מדה פון מתן בסתר. יעדער איד וואס גייט דא נאך געלט (אלס גבאי) איז ער אן עושה ומעשה. ער ווייסט נישט ווער דער מקבל איז, דאס איז א אמת'דיגע צדקה לשמה וואס איז מתן בסתר.

יעדער ווייסט וויפיל צדקות עס איז נכלל אין די צדקה, כוללים, ישיבות, אלמנות, גמילת חסדים אויפן העכסטן אופן. ס'איז אין לשער. ס'איז פאר אזא קופה של צדקה וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן דאס אראפגעשטעלט, און האבן געברענט פאר די הייליגע צדקה.

די הרגשה וואס מען האט ווען מען נעמט צוזאם פון די הייזער אדער אין ביהמ"ד אדער מען גייט מיט א זעקל, וואס ביי יעדע דאלאר אדער קוואדער וואס מען גיבט אין די פושקע האט א איד מתפלל געווען "אלקא דמאיר עננו" ער האט מתפלל געווען מיט זיינע הייסע תפילות, אדער מען האט געדאנקט אז ער האט זוכה געווען צו א שמחה אין די משפחה. וויפיל ריינע אמונה בד' און אמונת צדיקים ליגט אין די געלט.

עס איז דא אסאך צדקות וואס זענען הייליג, אבער אין אסאך צדקות קען זיך אריינכאפן שלא לשמה. אבער די קופה איז יעדע פרוטה אנגעפולט מיט אזויפיל אמונה. מען נעמט צוזאם די געלט וואס די נשים צדקניות לייגן אריין פאר ליכט בענטשן, ווי זיי זענען מתפלל אז די קומענדיגע וואך זאל זיין מיט א ליכטיגקייט, אה, וואס פאר א הייליג געלט איז דאס! וואס פאר א זכי' איז דאס צו זיין א עושה ומעשה פאר אזא הייליגע צדקה!.


זכרו
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר · ש"ס · הלכה
· קרית יואל ·

בס"ד

לוח הלימודים
פרשת תזריע

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | קג. | ק: | צג. |
| יום ב' | קג: | קא. | צג: |
| יום ג' | קד. | קא: | צד. |
| יום ד' | קד: | קב. | צד: |
| יום ה' | קה. | קב: | צה. |

בחינה ז' במס' חולין • יום א' פ' תזריע
לימודי החודש: צ"א. - ק"א: - חזרת החודש: פ"א. - צ:

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | ס' קכ"ג | א | א |
| יום ב' | | א - ב | ב - ג |
| יום ג' | ס' קכ"ד | א - ב | א - ב |
| יום ד' | | ג - ד | ג - ה |
| יום ה' | קכ"ה | א | א - ב |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' טהרה
לימודי החודש: מסימן קי"ד סעיף ד' עד אחר סימן קכ"ו
חזרת החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010


PESACH
GROCERY
SHOPPING
starts now!
Our shelves are fully stocked with all of your Kosher L'Pesach products.
Get your order delivered in record time.
FREE PICKUP
Min. $100
peppermint supermarket
845.492.8777 #1
33 DINEV RD.
orders@peppermintsupermarket.com
mintleaf
Kosher Market
845.492.8777 #2
5 MANGIN RD.
orders@mintleafkosher.com

# גרויס ווארימקייט ביי תושבי חו״ל צו מחזק זיין קופת קמחא דפסחא ׳חסדי שמואל׳ ע״ש הגאון רבי שמואל אוירבאך זצ״ל

## בנשיאות הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת -מנהיג הציבור של בני תורה

**דער קופה פאר ׳בני תורה׳ אונטער די הדרכה פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת וועלכער חזר׳ט נאכאנאנד די ריינע און קלארע השקפה פון התבדלות מרשעים פאר פילצאליגע ערליכע ליטווישע בני תורה הסרים למשמעתו דער פייער׳דיגער קויל ברענט און פלאקערט!!!**

### אין מנוס אלא להתנתק מהם ומהמונם לגמרי!

דער פייער׳דיגער קויל וואס עס האט אנגעצינדן הגאון הגדול רבי שמואל אויערבאך זצ״ל, ר״י מעלות התורה, מיט זיין קריאת הקודש ״אין מנוס אלא להתנתק מהם ומהמונם לגמרי!״ - עס איז נישטא קיין ברירה, נאר זיך געגצליך אפרייסן פון די ציונים און זייערע מענטשן! האט זיך נישט פארלאשן מיט זיין הסתלקות, ט׳ אדר תשע״ח לפ״ק, נאר עס ברענט און פלאקערט אן אויפהער. צווישן די תלמידים פון הגאון רבי שמואל אויערבאך זצ״ל זענען פאראן קרוב צו 1000 ליטווישע בני תורה, בעלי מסירות נפש, ההולכים לפני מחנה ישראל, גרויסע נצרכים מיט גרעסערע משפחות וועלכע האלטן זיך מיט א שטאלץ און פעסטקייט צום דרך ההתבדלות, און געבן אוועק זייער גאנץ פארמעגן פארן חינוך פון קינדער על טהרת הקודש, טראץ די שוועריקייטן ארום צוליב אייגענע משפחה, נאנטע און באקאנטע, ווען אין פארשידענע פעלער קומט עס ביז פאקטישע רדיפות, און אודאי קענען זיי נישט ערווארטן פינאנציעלע הילף בעפאר א יו״ט וכדומה.

### פון וואו שעפן זיי די כוחות דערפאר?!

אדאנק די דירעקטע השפעה פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת, פון די פירנדע מנהיגים ביים ערליכן ליטווישן קרייז, וועלכער איז זיי מחזק ברוח ובגשם זיך צו האלטן צום ערליכן און ריכטיגן וועג. חזק חזק ונתחזק!

אלס א שטארקע קוואל פון חיזוק פאר די ליטווישע בני תורה דינט די קופה ׳קמחא דפסחא׳ שע״י הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת, וועלכע פארטיילט שיינע סכומים יעדן פסח פאר קרוב צו 1000 טייערע משפחות בני תורה בעלי מסירות נפש, כדי אריינצוברענגען א שמחה אין זייערע הייזער לכבוד יו״ט. מדי שנה בשנה ווערן פארטיילט די סכומים אין די טעג ארום יו״ט ביי א געהויבענעם מעמד, וועלכע ווערט פארוואנדלט אין א מאניפעסטאציע פון חיזוק און התחזקות פארן מלחמה לשם שמים, באגלייט מיט קלארע דברי השקפה איבערגעגעבן דורך הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א.

לכבוד דעם בעפארשטייענדן יו״ט פסח הבעל״ט גרייטן זיך די עסקני הקופה צו אדורכפירן צוויי שינוים לטובה: די סכומים וועלן פארטיילט ווערן עטליכע וואכן בעפאר פסח, און די סכומים וועלן געהעכערט ווערן אין ליכט פון דער שטייגנדער יקרות.

די וויכטיגקייט פון די צוויי שינוים זענען פארשטענדליך, אז די חשוב׳ע מקבלים זאלן זיך קענען גרייטן צום יו״ט מיט אן הרחבה, ווען זיי וועלן באקומען דעם פארגרעסערטן סכום גענוג צייטליך צו קענען איינקויפן לכבוד פסח, אבער עס פאדערט די הארציגע הילף פון אחים לדיעה שלומי אמוני ישראל ארויסצוהעלפן די הייליגע קופה ביד רחבה וברוח נדיבה, ווייל א שטיצע פאר די קופה איז א שטיצע פארן מלחמה לשם שמים, אז דער פייער׳דיגער קויל זאל ווייטער ברענען.

### שאו ידיכם קודש והרימו רומה

האנדלט אייך איין א זכות אין קופת קמחא דפסחא שע״י הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת, ווי פאלגנד: **זכות תמיכה למשפחה $600, זכות מחזיק הקופה $1800, זכות מחזיק הקופה $3600**, וכל המוסיף מוסיפין לו.

טייערער ברודער! די היסטארישע רעוואלוציע וואס עס האט געשאפן דער מנהיג פון ליטווישן בני תורה קרייז, הגאון רבי שמואל אויערבאך זצ״ל ר״י מעלות התורה, האט אויפגעשאקלט די גאנצע רעליגיעז-ציוניסטישע קרייז ממסד ועד הטפחות. אט די מלחמה לשם שמים האט היינט א המשך און א קיום אונטער די הנהגה פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט״א גאב״ד ביד״צ מסורת. לאמיר זיי מחזק זיין מיט אן אפענע און ברייטע האנט!

**באו לעזרת ה׳ בגיבורים!**





**הרב צבי פרידמן**
**אב״ד ״מסורת״**
**רב דשכונת אור החיים ב״ב**
**ורמת בית שמש ג׳**
רח׳ נועם אלימלך 12 ב׳ ב״ב

**Rabbi Zvi Friedman**
**Chief Rabbi "Massoreth"**
**Rav Of Or Hachayim Area**
**12, Noam Elimelech St. Bnei Brak**
**And Ramat bet Shemesh G'**


בעזהשי״ת, מוצש״ק מגדלי׳ם תשפ״ד

**אל כבוד אחינו בני קהילות הקודש היראים ושלמים תלמידי וחסידי מרן הגה״ק בעל ה׳ויואל משה׳ זיע״א,**

שלו׳ ורב ברכה,

באתי בזה בבקשתי, במקום שאין איש, בקריאה ובקשה גדולה עבור מאות משפחות אברכים עמלי תורה, הדבוקים בכל עוז רוחם בדרך התורה, בהתבדלות מוחלטת, והמה הגחלת הנשארת שרידי תלמידי מורנו ראש הישיבה הגאון החסיד האמיתי מרן רבינו שמואל אויערבאך זצללה״ה.

וביודעי ומכירי, אשר משפחות אלו, רובם ככולם קיימו בנפשם ״לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה״, כאשר במסירות גדולה נענו לקול הקורא מי לה׳ אלי, והתנתקו מאליל המדינה הציונית, בהתרחקות והתנתקות מכל מהוויה. ועמדו בעוז וגבורה אל מול מחרפיהם ומגדפיהם מבית ומחוץ.

ויש בינותם אשר נעשק מהם פת לחמם, ונשללו מהם אף תמיכות צדקה, מגודל ׳עוונם׳ אשר עזבו את מפלגות השלטון. ויש אשר שונאיהם ומחרפיהם שמום יעד לחיציהם, ונרדפו עד חרמה, מי בשלילת פרנסתו, ומי בהחרמת מעמדו ותפקידו, ושאר כיוצ״ב. והלכו בעיניים פקוחות, בנפש חפיצה ובשמחת לבב למען כבוד שמו יתברך, בעמידתם האיתנה להרבות כבוד שמים, בקיום קריאתו וצוואתו של האי גאון וצדיק, מרנא הגר״ש אויערבאך זצ״ל ״להתנתק מהם ומהמונם לגמרי״.

וביודעי משפחות אשר עול חינוך ילדיהם על טהרת הקודש משתרג על צוואריהם יותר משיעור פרנסתם, וכל חודש וחודש עולליהם שואלים לטרף. וברור לי כי רוח הקודש משיבה לעומתם, אשרי שככה לו בעולמו, ואף בדורנו דור עקבתא דמשיחא, אנו עדים לטייערע איידן, הדבוקים בכל ליבם באהבת הבורא.

אך למותר להאריך במילים, בגודל הזכות לעמוד לימינם להחזיקם לתומכם ולהחיותם, ובפרט עתה לקראת בוא ימי הפורים וחג המצות, אשר גדולות ההוצאות בכל בתי ישראל, ובפרט אצל משפחות אלו. בוודאי מצוה גדולה ועצומה לבוא לקראתם לסייעם בכל מה דאפשר. ובוודאי אשר במהרה יבוא הגואל, ובת קול תפוציץ על ההרים מי פעל למעני א–ל, בוודאי שהעוזרים והמסייעים בידם יבואו ויטלו כדין חלק בראש.

ובאשר בשנה זו אשר היוקר יאמיר, אני העני ראיתי בצרת תלמידי חכמים, באתי בזה בבקשה נרגשת עבורם, כי אל לנו לעמוד מנגד, בראותנו צרת אחינו בהתחננו אלינו.

ולצורך הענין הגדול הלזה, נאות ידידי אהובי הרב הגאון **רבי דוד נקי** שליט״א לבקשתי, לצאת לערי הגולה להביא את כאבם של המשפחות ולהשתדל בעבורם, כי אצל רבים מהם הוא חיי נפש ממש.

ובזכות הצדקה נגאל במהרה בתשועת עולמים, וכימים ההם יראנו נפלאות, בביאת גוא״צ במהרה, ונזכה בהאי שתא לאכול מן הזבחים ומן הפסחים, אשר ירצה דמם לרצון.

הכו״ח לגודל המצוה הנשגבה

צבי פרידמן

# גוואלדיגער קידוש השם ווען ליטווישער מנהיג הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א גאב"ד בידה"צ מסורת ערקלערט פאר ציוניסטישע מיליטער: ענדערש שטארבן ווי דינען אין צה"ל!

**צוויי אקטיוויסטן פון מיליטערישע איינהייט "אחים לנשק" באזוכן ביים ליטווישן מנהיג פארגאנגענעם דינסטאג ויקרא ט' אדר ב'; אין צוזאמענהאנג מיט ברענענדיגע גזירת הגיוס וואס קאכט אין לאנד מיטן ציל ארויסצואיבן דרוק אויפן חרדי'שן ציבור איינצוגיין אויף פשרות; מיליטערישע פירער אין שאק נאכן הערן דרייסטע תורה'דיגע שטעלונג: יהרג ואל יעבור!**

ארה"ק. - א געוואלדיגער קידוש השם האט אפגעהילכט איבער גאנץ מדינת ישראל, ווען הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א גאב"ד בידה"צ מסורת, פון די אנערקענטע מנהיגים אינעם ליטווישן בני תורה קרייז, האט ערקלערט פאר די שלוחים פונעם ציוניסטישן מיליטער, ביי זייער באזוך ביי אים אין שטוב פארגאנגענעם דינסטאג ויקרא ט' אדר ב' העעל"ט: "עס איז אונז בעסער צו שטארבן ווי איידער דינען אין צה"ל!"

אט די דרייסטע תורה'דיגע שטעלונג האט געכאפט די ציוניסטישע מיליטער אין א שאק, ווען זיי האבן געהערט די קלארע אויסדרוק פון: יהרג ואל יעבור! ענדערש זאלן מיר פאלן קרבנות דורך אראבישע רוצחים ווי איידער ווערן סאלדאטן אין ציוניסטישן מיליטער!

צום באמערקן די השגחה פרטית: די קלארע דעת תורה איז געהערט געווארן דורך הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א, וועלכער איז א מנהיג אין די ליטווישע בני תורה קרייז, אין טאג פון יומא דהילולא פונעם פריערדיגן מנהיג פון בני תורה, הגאון רבי שמואל אויערבאך זצ"ל ר"י מעלות התורה, ט' אדר. אט אזוי איז איבערגע'חזר'ט געווארן משנתו הבהירה פון הגאון רבי שמואל, דורך יבלחט"א ממשיך דרכו הגאון רבי צבי שליט"א אויף אזא מאסיווע פארנעם, דוקא אין טאג פון זיין יארצייט. זכר צדיק לברכה.

*

ווי באקאנט קאכט זיך די איצטיגע טעג אין מדינת ישראל איבער די גזירת הגיוס, וועלכע די ציוניסטישע רעגירונג האט עטליכע יאר צוריק ארויפגעלייגט אויפן חרדי'שן ציבור, אז אפילו זיי קענען געניסן פונעם פטור "בן ישיבה", פארט דארפן זיי אויך אויף געוויסע אופנים אנטייל נעמען אין מיליטערישן דינסט.

אבער דער ציוניסטישער בג"ץ האט געפסל'ט דעם געזעץ, אז ס'איז נישט לעגיטים, ווייל עס גיט צופיל נאך פאר די חרדים, און האט געפאדערט פון די רעגירונג אויפצוקומען מיט א נייע געזעץ וואס זאל זיי מער בינדן צום מיליטער. אבער צוליב פארשידענע סיבות איז דער נייער געזעץ דערווייל נישט צושטאנד געקומען.

אט דערפאר האט דער בג"ץ אויפגעפאדערט די רעגירונג, אז זי מוז זיך אומקערן צום אלגעמיינעם גיוס חובה געזעץ, אז יעדער אן אויסנאם דארף דינען אין מיליטער. און האט געפאדערט אז זי מוז אין די קומענדיגע טעג אנהויבן איינרוקן אלע חרדים צום מיליטער רח"ל.

אין ליכט פון די נייע ביטערע סיטואציע, אז א ברענענדיגע גזירה הענגט אויף אלעמענס קעפ, האט הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א גאב"ד בידה"צ מסורת, אויפגעפאדערט זיין ציבור ארויסצוגיין אין מחאות קעגן די גזירה. אין רעזולטאט זענען טאקע פארגעקומען מחאות אין לאנד, ווען פילע חרדי'שע אידן שרייען אויס זייער פראטעסט קעגן די גזירה.

אינערהאלב די מיליטער איז פאראן אן איינהייט מיטן נאמען "אחים לנשק", וועלכע איז געצילט אריינצוברענגען די חרדים און זיי איינגלידערן אין מיליטער. האבן אקטיוויסטן פון דער איינהייט זיך פארבינדן צום שטוב פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א, וואו זיי האבן זיך פארגעשטעלט אלס פארשטייער פון "אחים לנשק", און געבעטן אז זיי ווילן זיי זיך טרעפן מיטן רב.

זיי האבן ערקלערט אז זיי פארשטייען אז דער רב שטייט אין שפיץ פון די חרדי'שע קעגנערשאפט צום מיליטער, דעריבער ווילן זיי מיט אים אפהאלטן א געשפרעך.

ווען דער מקורב פון הגאון רבי צבי שליט"א האט אים איבערגעגעבן וואס די מיליטערישע אקטיוויסטן בעטן, האט ער צו ערשט רעאגירט: "אוי וויי"... - אבער האט דערווייל נישט געענטפערט זייער פארלאנג. ערשט

**אויב מ'וואלט מיך געפרעגט, וואס קלויבסטו אויס, אויב די אראבער זאלן זיי הרג'ענען, אדער זיי זאלן ווערן חילונים, וואלט איך אויסגעקליבן די ערשטע אויסוואל**

נאך צוויי טעג, האט ער געזאגט פאר זיין מקורב, ער זאל זיי מעלדן אז זיי קענען קומען.

עס איז געווען פארגאנגענעם דינסטאג פ' ויקרא, ווען צוויי לינקע אקטיוויסטן זענען אנגעקומען צום אדרעס פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א אין בני ברק, און אזוי אן קיין שום דרך ארץ, נאר אין הוילן קאפ, האבן זיי זיך אוועקגעזעצט פארן רב, און מיט אים געפירט א געשפרעך פאר ארום א האלבע שעה.

ווי עס גיט איבער דער אויבנדערמאנטער מקורב, איז די געשפרעך געפירט געווארן מיט גרויס חוצפה און פרעכהייט, אבער דאך האט זיי דער רב מיט א דרייסטקייט, אן קיין שום פחד, געזאגט די תורה'דיגע שטעלונג. און וויפיל זיי האבן פרובירט אים צו באאיינפלוסן ער זאל זיך עטוואס בייגן, האבן זיי באגעגנט א שטייפקייט וואס מ'קען נישט רירן.

איינער פון די אקטיוויסטן פון "אחים לנשק" האט אנגעהויבן:

"מיר זענען געקומען אייך ערקלערן, אז מדינת ישראל געפונט זיך אין גאר א שלעכטע צושטאנד, מיליטעריש און גזעלשאפטליך. מיר קאנצענטרירן זיך איצט אויפן געביט פון מיליטער און זיכערהייט, און דאס איז באקאנט, מ'זעהט עס אויך אויף די גאסן, מיר זאגן עס זייער קלאר, מיר האלטן אז אלע טיילן פונעם באפעלקערונג דארפן נעמען די ריזיקע פארן לעבן.

"מיטן גרעסטן כבוד פאר זייערע רעכטן, אדער פאר זייער זארג אז זיי וועלן אפלאזן אידישקייט, אדער זיין אויסגעשטעלט צו א פרייע געזעלשאפט, דאס מיינט מ'דארף טרעפן אלע מעגליכע רעזאלוציעס כדי צו בארואיגן די זארגן, אבער סוף סוף האלטן מיר אז ס'איז נישטא קיין ברירה, יעדער מוז נעמען דעם עול. ווייל ס'קען מער נישט זיין, אז נאר איין געוויסע שיכט פונעם באפעלקערונג זאל טראגן דעם לאסט, ווייל מיר שטייען היינט פאר א געפאר איבער אונזער עקזיסטענץ..."

זיין קאלעגע האט נאכגעפאלגט:

"איך וויל צוגעבן נאך עפעס, איך קלער, די סיבה פארוואס מיר זיצן דא היינט, אדער בכלל אין די דאזיגע סיטואציע, איז ווייל מיר זעען דערין א היסטארישע מאמענט, נישט מער און נישט ווייניגער, א היסטארישע מאמענט אין עתיד פון מדינת ישראל, אין די היסטאריע פון מדינת ישראל, אין וועלכן מיר ווערן געשטעלט פאר א פארהער, אויף וויאזוי מיר פירן זיך, מיט וועלכע אחריות מיר פירן זיך. און דאס מיינט מיר זענען אלע ווי ברידער, איין פאלק."

"נישטא קיין אויסנאמען, ווען עס זענען פאראן שונאים וואס זענען אנטשלאסן. זינט תש"ח זענען מיר קיינמאל נישט געווען אין א מצב, מ'זאל האלטן ביי א פראגע צייכן אויף אונזער עקזיסטענץ. דעריבער איז איצט די צייט ווען מיר דארפן אלע ארויסצייגן פירערשאפט. דעריבער איז זייער וויכטיג געווען צו אפהאלטן אזא באגעגעניש, כדי צו פרובירן שוקל זיין וויאזוי מיר אלע קומען אריין אינאיינעם צו טראגן דעם עול."

אט אזוי, מיט די ביליגע חנופה רייד, האבן די פרעכע כופרים פרובירט באאיינפלוסן דעם רב, 'ער זאל צייגן פירערשאפט אז יעדער זאל נעמען דעם עול פון ראטעווען די עקזיסטענץ פון די מדינה'... -

אבער דער רב האט זיי געענטפערט קלאר און דייטליך, מיט א דרייסטע ארויסטריט, אט ווי פאלגנד:

"איך וועל אייך עפעס זאגן, איר וועט אפשר זיין סורפרייזד דערפון. איך האב ב"ה 5 טעכטער און 3 זין, 40 אייניקלעך און אור-אייניקלעך. **אויב מ'וואלט מיך געפרעגט, וואס קלויבסטו אויס, אויב די אראבער זאלן זיי הרג'ענען, אדער זיי זאלן ווערן חילונים** (פרייע פורקי עול), **וואלט איך אויסגעקליבן די ערשטע אויסוואל**. חילוניות איז ביי אונז ערגער ווי שטארבן. אסאך אסאך הארבער. און וויבאלד די מיליטער איז דער 'כור

# הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א דערקלערט: ער איז גרייט אז אלע זיינע 40 אייניקלעך זאלן שטארבן ווי אידער איינרוקן אין צה"ל!

ההיתוך לתרבות הישראלי' (די שמעלץ טאפ פאר די איזראעלישע קולטור), וואס דאס איז חילוניות, דאן ווען מיר נישט גיין טון עפעס וואס איז ערגער ווי טויט. אויף קיין שום פאל!"

דער רב האט פארגעזעצט זיין רעדן פאר די אקטיוויסטן וועלכע זענען טאקע געכאפט געווארן אין סורפרייז: "דו האסט גערעדט לגבי לעזן ענקערע דאזיגע פראבלעמען, עס איז אין אמת'ן נישטא קיין לעזונג! דו האסט געמיינט אפשר מיטן לעזן די פראבלעמען, אז אויב מיר ווילן כשר'ע עסנווארג, וועט מען אונז געבן כשר'ס, אדער אזעלכע זאכן, האסטו זיכער געמיינט, שבת, און דאס גלייכן. אבער דאס עצם זיך געפונען אין אזא מיליטער, וועלכע איז א חילוני, חילוני אין גייסט, און מיט אלעם, דאס איז ביי אונז הארבער פון שבת און פון כשרות, און פון אלע די זאכן. עס איז בעסער צו עסן חזיר-פלייש, ווי איידער זיך געפונען אין א געזעלשאפט פון חילונים מיט א חילוני'שע אידעאלאגיע, ווייל דאס איז די ערגסטע זאך ביי אונז. אזוי ארום אז דו האסט נישט קיין שום לעזונג!"

די כופרים זענען געבליבן געפלעפט.

דער רב האט צוואורפן אלע זייערע ארגומענטן. זיי האבן נישט געקענט באהאלטן זייער שטוינונג, ווען איינער פון זיי האט געפרעגט: "פארוואס איז דאס ערגער? פארוואס איז דאס ערגער? פארוואס איז זיך געפונען אין א חילוני'שע געזעלשאפט ערגער ווי גע'הרג'ט ווערן דורך אראבער?"

האט דער רב זיי געזאגט דעם ענטפער אין פנים אריין: **"די חילוניות איז ביי אונז א נישט קיין קולטור! עס איז די גרעסטע דורכפאל. עס איז א פארברעכן. און מיר האלטן נישט דערביי... ביי אונז איז דאס ערגער ווי טויט!"**

אין די ווייטערדיגע פאזע פונעם שמועס, האט דער רב זיי געזאגט: "מיר האבן נישט אויפגעשטעלט די מדינה. עס איז געווען דער ערשטער ראש ממשלה בן גוריון (שר"י), און אלע זיינע פריינט. ער האט זייער גוט געוואוסט אז די חרדים וועלן נישט מיטגיין מיט אים בנוגע זיכערהייט, און די אלע זאכן. **פאר אונז וואלט בעסער געווען צו בלייבן מיטן בריטישן מאנדאט, און נישט אין א כלומר'שטע אידישע מדינה."**

די מיליטערישע אקטיוויסטן זענען ווידער געבליבן ערשטוינט, און געפרעגט מיט וואונדער: "פארוואס?

פארוואס איז דאס בעסער? פארוואס איז א בריטישע רעגירונג בעסער פאר א רעגירונג פון אידן וואס זענען חילונים? זיי זענען נישט קיין שומרי תורה ומצוות, אבער זענען לכל הפחות אידן?"

האט דער רב זיי ווידעראמאל געזאגט דעם ריינעם אמת אזוי גראד אין פינטל: **"ביי אונז איז נישטא אזא זאך ווי 'לכל הפחות אידן'. דאס איז נישט קיין קולטור. דאס איז נישט קיין אידישקייט. עס וואלט בעסער געווען ווען עס וואלט קיינמאל נישט אויפגעקומען!"**

דא האבן די מיליטער-לייט גענומען אן אנדערע ריכטונג, ווען זיי האבן אנגעהויבן טענה'ן אז מ'דארף נעמען אין חשבון, עס האנדלט זיך פון פיקוח נפש, און דער ציבור דארף דאס וויסן אז מ'שטייט פאר א לעבנס-געפאר. אבער דער רב האט זיי שארף אפגעענטפערט אז ס'איז נישטא וואס צו רעדן, מיר האלטן נישט ביים שיקן קינדער אין מיליטער, וואו זיי וועלן ווערן חילונים רח"ל.

ווען די כופרים האבן פרובירט זאגן אז מ'וועט אויפשטעלן אן עקסטערע אפטיילונג, האט ער געזאגט אז ס'איז נישט שייך אזא זאך, ווייל דער גייסט פונעם טריפה'נעם מיליטער קומט אן איבעראל. און דער עבר האט **געוויזן אז בחורים וואס קומען אן אין מיליטער, גייען אראפ פון אידישן וועג רח"ל, און דאס איז ערגער פונעם טויט, ממילא איז נישטא קיין שום זאך וואס זאל עס איבערוועגן.**

האבן די מיליטער לייט געפרעגט דעם רב: "איז וואס איז די לעזונג? וואס וואלט איר געוואלט? אויב איר וואלט אונז גענדארפט געבן אן עצה, וואס ווילט איר מיר זאלן טון?"

האט דער רב געזאגט: **"איר זאלט אלעס לאזן אזוי ווי עס איז. עס וועט גארנישט פאסירן. זאל די מדינה זיך אן עצה געבן, נישט איך..."**

האבן די כופרים גע'טענה'ט: "ניין, דאס זענען די קינדער. אונז און אונזערע קינדער גייען און ווערן גע'הרג'עט און פארוואונדעט, דאס מיינט, עס איז נישט קיין מצב מ'זאל עס לאזן אזוי ווי ע ס איז, בלייבן כאילו גלייכגילטיג צום מציאות, דאס איז א פרייז וואס מיר צאלן יעדן טאג!..."

אבער דער רב איז נישט געווארן באאיינפלוסט פון זייערע תחנונים'דיגע רייד, און האט זיי איבערגע'חזר'ט דאס פריערדיגע: **"נישטא וואס צו רעדן, דאס איז אונזער אמונה, און ביי דעם בלייבט עס!"**

אבער די ביליגע און פרעכע מיליטער-לייט האבן נאך נישט געוואלט אויפגעבן, האבן זיי ווידעראמאל איבערגע'חזר'ט אז עס איז א פראגע פון 'אונזער עקזיסטענץ', זינט די טעראריסטישע איבערפאל פון די פאלעסטינער פארגאנגענעם שמחת תורה.

"וואס איז געווען קען נישט ווייטער ממשיך זיין - האט דער כופר געזאגט - זינט דער זיבעטער אין אקטאובער (שמחת תורה), געפונען מיר זיך אינגאנצן אין א נייע וועלט. עס איז א פראגע פון איבערלעבן און ווייטער עקזיסטירן. וואס מיר האבן נישט געהאט ביז צום זיבעטן אקטאובער, באגעגענען מיר היינט יא. עפעס האט דא פאסירט."

האט דער רב זיי געפרעגט: "אויב די 6 פראצענט פון די חרדים, וואלטן בכלל נישט געווען אין לאנד, וואלט די מדינה נישט געקענט עקזיסטירן?"

האבן זיי געענטפערט: "יא, אבער דאס איז נאך קיינמאל נישט געווען. סוף סוף איז דא 6 פראצענט חרדים. דאס מיינט אז ס'איז דא סאלדאטן וואס ווערן גע'הרג'ט, וואס א טייל פון זיי וואלטן נישט גע'הרג'ט אדער פארוואונדעט געווארן, אויב מיר וואלטן געהאט מער כוחות צו קעמפן."

האט אים דער רב דאן געזאגט: "יא, אבער זאג נישט אז דאס איז א פראגע אויפן עקזיסטענץ. דאס איז נאר א טענה אז ס'איז נישט יושר, יעדער דארף נעמען דעם עול, און די אלע ווערטער. - אבער די מדינה האט זיך אנגעהויבן מיט נישט מער ווי 600 טויזנט מענטשן..."

האבן זיי פרובירט טענה'ן: "אבער דער שונא האט זיך געטוישט. זיי זענען געווארן מער פארגעשריטן, זיי זענען געווארן מער אגרעסיוו, און אויך מער ארגאניזירט."

האט דער רב זיי ווידעראמאל איבערגע'חזר'ט דאס









פריערדיגע: "דאס איז נישט דער ויכוח דא, מיר רוקן זיך נישט דערפון, עס אהרט אונז נישט צו שטארבן!"

דא האבן די שקצים אנגעהויבן מיט א ביליגע חוצפה כאילו מוסר'ן דעם רב, אז זיי האפן אז ער איז מודיע פארן ציבור וואס דער מצב איז, און ער גרייט זיי דערויף, אז אויב דארף מען זאל מען ענדערש שטארבן ווי איידער שיקן אין מיליטער.

האט דער רב זיי געזאגט, אז יא, ער זאגט עס טאקע פאר זיין ציבור, די תורה'דיגע שטעלונג: אז אפילו עס זאל זיין א פראגע אויפן לעבן, טאר מען נאך אלס נישט גיין דינען אין מיליטער.

האבן זיי אנגעהויבן טענה'ן, אז דער חרדי'שער ציבור איז גענוג שטארק, און אפילו מ'וועט גיין אין מיליטער, וועט עס זיי נישט שאטן פאר אידישקייט. מ'קען נישט באאיינפלוסן א מענטש פון איין מינוט אויפן צווייטן, ער זאל ענדערן זיין לעבנסשטייגער.

האט דער רב זיי געזאגט: "נישט אין פינף מינוט, אבער אין מיליטער יא!"

האבן זיי ווייטער גע'טענה'ט, אז אין אלע דורות זענען אידן געגאנגען דינען אין מיליטער, ביי די ארטיגע מלוכה וואו זיי האבן געוואוינט, און דאך האט זיך אידישקייט געהאלטן, איז פארוואס קען נישט דאס זעלבע דא פאסירן.

האט דער רב זיי געענטפערט: "ביי די קאמוניסטן האט זיך עס נישט געהאלטן. ביי סטאלין האט זיך עס נישט געהאלטן. און ביי די נאציס האט זיך עס אויך נישט געהאלטן."

דערנאך האט דער רב פארגעזעצט: "היינט איז עס א כפירה גמורה. אמאליגע אידן זענען געווען מאמינים, דעריבער זענען זיי געבליבן ערליך. אבער היינט איז דער רוב אין מיליטער נישט אזוי, און עס איז נישטא קיין אויסיכטן. עס וועט גארנישט בלייבן!"

די צוויי מחוצפים האבן נאך פרובירט צו דרייען מיטן צונג, אז די סכנה איז גרויס, און זיי זענען גרייט אלעס צו טון, מ'זאל קענען ארבייטן מיט די חרדים, מ'זאל זיי קענען איינגלידערן אין מיליטער. אבער דער רב האט זיי נאכאמאל און נאכאמאל אפגעווארפן, אז ס'איז נישטא וואס צו רעדן דערוועגן.

דאן זענען זיי ארויסגעגאנגען פון דארט בבושת פנים.

עס דארף באמערקט ווערן, אז דער רב האט ביים דאזיגן שמועס גערעדט נאר לשיטתם, כדי זיי אפצוענטפערן, אז מ'קען נישט בלייבן קיין ערליכער איד. - אבער פאר זיך, און פאר זיין ציבור, חזר'ט ער דעם אמת, אז אפילו ווען מ'זאל יא בלייבן אן ערליכער איד, טאר מען נישט דינען אין אזא מיליטער, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן אלס מרידה אין השי"ת און אין די הייליגע תורה.

*

און דא איז אנטשטאנען א שטורעם...

ווי נאר דער שמועס איז באקאנט געווארן אין די פרעסע, איז די גאנצע חילוני'שע וועלט געקומען אונטער גרויס שאק, ווען זיי זעען פאר זיך א קלארע און דרייסטע ארויסטריט פון א חשוב'ן רב און מנהיג פון חרדי'שן ציבור: "ענדערש צו שטארבן, ווי איידער דינען אין מיליטער!"

עס איז א שפראך וואס זיי זענען נישט געוואוינט צו הערן.

דער קידוש שם שמים האט דאן אפגעקלינגען איבעראל, אויף גאר א זעלטענעם פארנעם, ווען די נייעס לויפט פון איין קוואל צום אנדערן, אז **הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א דערקלערט: ער איז גרייט אז אלע זיינע 40 אייניקלעך זאלן שטארבן ווי איידער איינרוקן אין צה"ל!**

און עס דארף באגריסט ווערן, אז אלע חרדי'שע נייעס-קוועלער, אפילו פון די רעליגיעזע פארטייען, האבן קיינער נישט ערקלערט אנדערש. טראץ וואס נישט יעדער איז גרייט געווען ארויסצוזאגן דעם אמת, דאך האבן זיי כאטש מודה געווען דערצו מיט א שתיקה כהודאה, אז דינען אין מיליטער איז יהרג ואל יעבור.

ווי די עסקנים געבן איבער, איז פאראן א מעגליכקייט אז אט די דרייסטע שטעלונג פון הגאון רבי צבי פרידמאן שליט"א גאב"ד ביד"צ מסורות, וועט ברענגען א דורכברוך אינעם גאנצן קאמף קעגן גזירת הגיוס, ווייל די ראשי הכופרים וועלן אנערקענען היינט, אזוי ווי זיי האבן אנערקענט אין די צייט פונעם גרויסן גאון דער חזון איש זצ"ל, ביי די גזירה פון גיוס בנות: "מיט א כת מתאבדים, וואס זענען גרייט צו שטארבן, וועט מען קיינמאל נישט געווינען!..."

**לקדש שם שמים!**




### לאמיר אריינבליקן אין דעם ענין

# איז סעודת 'שלישי למילה' א חיוב?

## און אויב נישט וואס איז דאס יא?

### דער מקור פון שלישי למילה און די חשיבות דערפון

די ערשטע מקור וואו מיר זעהן דעם ענין פון 'שלישי למילה' איז אין די הייליגע תורה אין פרשת וירא, ווי דער פסוק זאגט "וירא אליו ה' באלוני ממרא" - דער רבונו של עולם האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו נאכדעם וואס ער האט געטוהן דעם רצון ה' און מקיים געווען מצוות ברית מילה, און ווי רש"י ברענגט אראפ אויפ'ן פלאץ פון רבי חמא בר' חנינא, איז עס געווען דער דריטער טאג פונעם ברית, 'יום שלישי למילתו', ווען הקב"ה איז געקומען אים באזוכן און פרעגן וואס ער מאכט. שפעטער דערציילט אונז די תורה איבער די סעודה וואס אברהם אבינו האט נאכדעם צוגעשטעלט פאר די מלאכים.

דער מקור צו די ווערטער פון רש"י איז די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף פו:) וואו עס שטייט אז עס איז געווען דער דריטער טאג נאכ'ן ברית מילה האט הקב"ה ארויסגענומען די זון פון איר האלטער כדי נישט מטריח צו זיין אברהם אבינו מיט'ן עסק פון הכנסת אורחים אינעם יום שלישי למילה.

מיר זעהן דערפון אז די סעודה פון שלישי למילה איז נאך פארגעקומען ביים סאמע ערשטן ברית מילה, און הקב"ה בכבודו כביכול האט זיך דארט משתתף געווען.

פאלגענד וועלן מיר אראפברענגען מקורות און טעמים אין די גרויסקייט פון די נושא, לאמיר כאפן א בליק אין ספר הנהגת מהרש"ל וואס איז נתחבר געווארן דורך דער גרויסער תלמיד פון מהרש"ל, וואס איז באקאנט אלס דער מטה משה, וואס ווערט כסדר אראפגעברענגט אין מגן אברהם, וואס שרייבט (אות נ):

'מיין רבי דער מהרש"ל האט געזאגט, אז ס'איז גרעסער די סעודה של מצוה פון שלישי למילה, פון דעם יום המילה אליינס, ווייל סעודת שלישי למילה שטייט ארויס קלאר אין די תורה, אז אברהם האט געמאכט א סעודה, ווידער די יום המילה לערנט מען ארויס דורך א לימוד, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כא ח) 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', און מען דרש'נט ביום ה' ג' מל, און אזוי האט ער געהערט פון זיין שווער רבי קלונימוס'.

און אין ספר טעמי המנהגים זעהט מען נאך שטארקער, ער ברענגט צו די מימרא פונעם הייליגן מהרש"ל פון ספר נגיד ומצוה מיט א לשון 'חיוב'!

וז"ל: דער מהרש"ל האט געזאגט אין נאמען פון זיין זיידן, אז עס איז א גרעסערע 'חיוב' צו מאכן א סעודת שלישי למילה, ווי א סעודת ברית מילה, ווייל אויף די סעודת ברית איז נאר דא א רמז אין די תורה, ווידער די סעודה פון שלישי למילה, שטייט ארויס בפירוש אין די תורה, ווי אברהם אבינו האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר די מלאכים, אינעם דריטן טאג פון זיין ברית מילה'.

עס כאפט התפעלות צו זעהן אזעלכע מורא'דיגע ווערטער, און דער אמת איז אז אפי' אין די מקומות וואס עס איז נישט אנגענומען געווארן אלץ א חיוב זעהט מען אויך מורא'דיגע דיבורים בנוגע דעם טאג ווי מיר וועל דא אראפברענגען ווערטער פון הייליגע צדיקים שרפי מעלה אבותינו ורבותינו הקדושים:




אין ספר דרך פקודיך פון הייליגן 'בני יששכר' שרייבט ער אז אין פיל מקומות איז דא וואס זענען 'מדקדק' צו מאכן א סעודה אויך אינעם דריטן טאג פון די מילה, און דאס האט א סמך, פון די סעודה וואס אברהם אבינו האט געמאכט פאר די מלאכים, וואס ס'איז דאן געווען דער דריטער טאג פון זיין מילה.

אזוי אויך איז באקאנט אז הגה"ק דער חידושי הרי"ם פון גור זי"ע, האט זייער מחבב געווען דעם יום שלישי למילה, ווייל ער פלעגט זאגן אז "ביים ברית מילה פון אברהם אבינו זענען נאר געווען אבימלך, שם ועבר, אבער ביי שלישי למילה איז הקב"ה אליין בכבודו ובעצמו געקומען זיך משתתף זיין!"

און דער שפעטערדיגע גערער רבי דער בעל אמרי אמת זצ"ל האט געזאגט: ביי יעדן ברית קומט אליהו הנביא, ביי יעדע שלישי למילה קומט אברהם אבינו ע"ה. (אמרי אמת, לקוטים דף צו ד"ה בכל).

אין ספר מעשה יחיאל (פ' וירא אות יג) שטייט, אז הרה"ק רבי אליעזר מאזיפאלע זצ"ל האט געזאגט אמאל, אז אויך אינעם פסוק 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', וואס תוספות ברענגט דערויף דעם רמז, אז ער האט אים גע'מל'עט ביום ה"ג, וואס באטרעפט אכט, און געפראוועט דעמאלט א משתה גדול, איז אויך מרומז די סעודת שלישי למילה, 'ביום הג' - מל'.

אין ספר מנהגי קומרנא ק"י שטייט, אז אין קאמארנא האט מען זיך נוהג צו מאכן א סעודה פאר שלישי למילה, און אין ספר 'מנהגי וורמייזא' פון רבי יוזפא שמש (ח"ב אות רמג) ווערט געברענגט א מנהג איבער סעודת שלישי למילה, ווי פאלגענד: שחרית נאכ'ן ארויסגיין פון שול קומען די נשים וואשן דאס קינד, און די רעביצין שטייט אין שפיץ, דער בעל ברית מאכט א סעודה נאך חצות, און דאס ווערט גערופן 'שליש המילה'.

דער בעל שמחה רופט אליין די געלאדענטע, נישט דורכ'ן שמש, דער מנהג איז צו לאדענען דעם סנדק, דעם מוהל און טייל קרובים און שכנים. מ'פירט זיך נישט צו רופן צופיל מענטשן צו דער סעודה. מאנכע ווילן זאגן אז די סעודה האט מען איינגעפירט אויף נאך חצות אזוי ווי די סעודה וואס אברהם אבינו האט געפראוועט 'כחום היום'.

מען זעהט פון די אלע אויבנדערמאנטע מימרות פון צדיקים די גרויסע מצוה און שמחה וואס איז דא אין 'סעודת שלישי למילה' און אז אין געוויסע מקומות איז דאס געווען אנגענומען ווי א מנהג.

און עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס זענען געווען אויסגערופן מיט'ן פראווען אויף א גרויסן פארנעם די סעודות שלישי למילה. אין ילקוט אוהב ישראל שטייט אז ביים הייליגן אפטער רב זי"ע פלעגט עס געפראוועט ווערן מיט געוואלדיגע שמחה און מ'האט דערביי אפגעראכטן א סעודה גדולה און א טיש.

און פון הגאון בעל אבני נזר איז באקאנט אז ער האט זייער מחבב געווען די סעודת שלישי למילה (אוצר הברית פט"ו ח"ב

אויף הרה"ק דער "בת עין" פון אווריטש זי"ע דערציילט מען, אז ער פלעגט ענדערש גיין צו א סעודת שלישי למילה ווי צו א ברית מילה. זאגנדיג אז ביי א ברית מילה קומט אליהו הנביא, און ביי שלישי למילה קומט דער באשעפער אליין, ווי מיר געפינען ביי אברהם אבינו (מזקנים אתבונן).

און הגאון רבי אברהם ראפאפארט זצ"ל, איידעם פון הרה"ק רבי שמואל סלאנימער זי"ע בעל "דברי שמואל" שרייבט אין א בריוו צו חסידים בשם זיין שווער אויף שלישי למילה:

כ'וועל זיי מודיע זיין וואס כ"ק אדמו"ר דער דברי שמואל זי"ע האט געזאגט אויף א ברית מילה, איבער דעם וואס הרה"ק בעל בת עין מאווריטש זצללה"ה איז נישט געגאנגען צו קיין סעודות ברית מילה נאר אויף סעודת שלישי למילה.


בס"ד

פת שחרית אין בית המדרש איז די גרעסטע פעולה פון השתדלות פאר ישועות און ממשיך זיין השפעות טובות אין אלע היניזיכטן

# פארוואס?

ווי מיר ווייסן אז די גמ' אין ברכות זאגט:
'אם שגורה תפילתו בפיו ווייסט ער אז זיין תפילה איז אנגענומען
אז א מענטש זעהט זיין תפילה פארט געשמאק איז א סימן אז ער
פועל'ט אלעס גוטס

## אז עס איז צוגעגרייט 'פת שחרית' - זאגן אידן עדות - אז עס דאווענט זיך געשמאקער

## און אוודאי ווען דער איד זעהט ווער עס איז מנדב די סעודה האט ער אים אינזינען און ער ווערט געהאלפן מיט כל השפעות טובות

אויב ווילט איר מנדב זיין א סעודת פת שחרית אין די בתי מדרשים רופט:

**646-481-8186**



יוצר אור ובורא חושך:

# שטארקע אינטערעסע אין 'ליקוי חמה' פארכאפט אויבנאן

קומענדיגן מאנטאג נאכמיטאג, ערב ר"ח ניסן הבעל"ט, וועט זיך אפשפילן א גאר אינטערסאנטע סצענע ווען דער זון וועט פריצייטיג אונטערגיין אין א מאמענט פון ליקוי חמה.

מען רעדט שוין דערפון וואכן און חדשים, אבער איצט אז מען האלט שוין גאנץ נאענט צו דעם טאג מאנטאג תזריע ער"ח ניסן, רעדט מען שוין אין גרויסן פון די ליקוי חמה וואס וועט געזען ווערן.

עס טרעפט זיך גאנץ אפט א ליקוי חמה, וואס באדייט אז די לבנה שטעלט זיך אויף א קורצע צייט צווישן דער זון און דער ערד, וואס דאס לעשט אויס די זון פאר א קורצע צייט. אבער געווענליך קען מען דאס נאר זען פון פלעצער וואס זענען נישט באוואוינט צ.ב.ש. אויפן אנטארקטיק קאנטינענט וואס איז אויפן דרום שפיץ פון אמעריקע, אדער אינעם דרום פאסיפיק ראיאן.

אייגענטליך איז א 'ליקוי החמה' א זאך וואס איז נישט היסטאריש פון דער זון פרעספעקטיוו, צוליב וואס דער זון ווערט בלאקירט מערערע מאל דורך די לבנה, אבער ווען דאס שפילט זיך אפ העכער די קעפ פון די מענטשהייט וואס קענען דאס מיטהאלטן ווען עס פאסירט איז דאס שוין איינמאל אינטערעסאנט. דאס אז א ליקוי זאל זיך אפשפילן העכער א באוואוינטע געגענט און צוריק אויפן זעלבן פלאץ קען געדויערן לאנגע יארן צווישן איינס און די אנדערע. נעמענדיג אין באטראכט אז בלויז א קליינע פראצענט פון די גרויסע וועלט איז טרוקעניש ווי מענטשן וואוינען.

די קומענדיגע ליקוי החמה איז ערווארטעט אין צוואנציג יאר ארום אויף א שב"ק.

אויך איז דאס נישט אלעמאל א טאטאלע ליקוי ווען די זון ווערט אינגאנצן פארשטעלט, נאר עס בלייבט איבער א שטיקל שיין פון די זון וואס שאפט א זון-לבנה אויסקוק ווען די לבנה שניידט אריין אין די זון. און פארעמט די זון אזוי ווי א לבנה זעט אויס אנפאנג אדער סוף חודש.

א פולע ליקוי חמה קומט פאר יעדע 18 מאנאטן וואס מ'קען זען ערגעץ איבער די וועלט, עס קען זיין ערב ראש חודש אדער ראש חודש.

דא איז אינטערסאנט אנצומערקן אז כאטש וואס טונקלקייט אינמיטן טאג איז ווייט פון היסטאריש, די וואך אליין האבן מיר כמעט נישט געזען קיין זון... וועדנט זיך אבער אלעס וואס די סיבה איז, אז די זון ווערט פארשטערט פון די לבנה ערוועקט דאס אינטערעסע, טראץ וואס די זון ווערט כסדר פארדעקט דורך וואלקענעס.

דער אמת איז אבער אז ווען דער זון ווערט פארדעקט דורך די לבנה, און מען קען דורך באשיצטע ברילן באטראכטן די הויכע רוימען



מיט די אמאליגע שטיגן האט מען געהאט היבש א בעסערע אויסבליק נענטער צו די זון...



אינטערסאנטע עקספירימענט מיט געלעכערטע לאקשן טאפ בשעת די ליקוי



ממש נאנט ארום דער זון, קען מען מיטהאלטן גאר אינטערסאנטע וואונדערליכע זאכן וואס שפילן זיך אפ ממש ארום דער זון, וואס אין א געוועגליכע טאג מיט שטארקע זון לעכטיגקייט איז פשוט נישט מעגליך דאס צו זען.

*

די ליקוי חמה קומענדיגן מאנטאג וועט זיך אנהייבן ארום 2:00 נאכמיטאג. דער טאטאלע ליקוי וועט זיין פון 3:18 ביז 3:22. און דער זון וועט צוריק אויפשיינען במילואה 4:32. א צייט אפשניט פון איבער 2 און א האלב שעה וואס וועט פארקומען די ליקוי חמה פון ווען די זון ליכטיגקייט וועט ווערן קלענער און קלענער ביזן צוריק ארויסקומען במלוא הדרה.

מען האפט אז טאקע בלויז די לבנה זאל שטערן די זון און נישט די וואלקענעס. ווייל אין געגענטער ווי ס'וועט זיין פארוואלקענט וועט מען בכלל נישט קענען מיטהאלטן די ליקוי, און די ספעציעלע גלעזער וואס מען האט געקויפט וועט מען קענען אוועקלייגן פאר די קומענדיגע ליקוי אין צענדליגער יארן ארום...

די ליקוי יעצט גייט פון מערב צו מזרח, און פון דרום צו צפון. עס הייבט זיך אן אין מעקסיקא ביי די פאסיפיק אקעאן און עס גייט שיעף ארויף. אין מעקסיקא וועט זיין די טאטאלע ליקוי פאר 4 מינוט און 30 סעקונדען, וואס דאס איז די לענגסטע טאטאלע ליקוי וואס גייט זיין קומענדיגן מאנטאג, כמעט א מינוט לענגער ווי די אנדערע פלעצער.

ביי די ליקוי חמה מיט 7 יאר צוריק, איז די לענגסטע ליקוי געווען 2 און א האלב מינוט ווען די זון איז געווען טאטאל אויסגעלאשן.



אריינקומען קיין אמעריקע וועט עס דורך אקלאהאמא און ס'וועט אריבערגיין א גאנצע רייע פון סטעיטס אריינגערעכנט ניו יארק, ארקענסא, מיזורי, קאנטאקי, אילינאוי, אינדיאניא, אהייאו, פענסעלוועניע, ניו יארק, ווערמאנט, ניו העמפשיר, מעין.

אין ניו יארק סטעיט אליינס וועט עס אנהייבן פון באפעלאו, נעבן ניאגרא פאולס, פון דארט קיין באסטאן, ראטשעסטער או"וו, ביז פלאטסבורג אויף די אנדערע זייט ניו יארק. ניאגרא פאולס האט שוין דערקלערט א 'סטעיט אוו עמערדזשענסי' צוליב די גרויסע צאל ערווארטעטע זון געסט וועלכע וועלן שטראמען צו יענעם געגענט כאפן א סאן-טען...

ס'איז נישט די בעסטע אויסוואל צו פארן אויף באסטאן אדער ראטשעסטער, צו כאפן א גוטן פלאץ מיטצוהאלטן די מחזה אלקים, ווייל דארט האבן זיי שוין ארויפגעלייגט א 'סטעיט אוו עמערדזשענסי' צוליב די ערווארטונג פון מיליאנען מענטשן פון ארומיגע סטעיטס וועלכע פלאנען אהינצופארן. באזונדער איז ערווארטעט אין יענע געגענטער גאר א שווערע טרעפיק פון נייגעריגע מענטשן מיטצוהאלטן די ליקוי פון דערנאנט.

די בעסטע פלעצער וואלט געווען אדער פלאטסבורג אדער וואטערטאון. פלאטסבורג איז אויפן וועג קיין מאנטריאל, מען נעמט די טרואוועי ארויף ביז בערך 20 מייל פאר די גרעניץ מיט קאנאדא, איז דא א קליינע שטאט גערופן פלאטסבורג, ווייל די איינוואוינער פון די ארומיגע סטעיטס און פון נאנטן קאנאדא האבן אן אייגענעם ליקוי חמה און וועלן נישט אהינפארן, און די אלגעמיינע נייגעריגע וועלן ענדערש אויסוועלן צו פארן צו ראטשעסטער אדער באפעלאו וואו דארט וועט זיין אינטערסאנטער פאר דעם אלגעמיינעם גוי וואס זוכט הוליעריי.

אין פלאטסבורג וועט זיך די ליקוי אנהייבן 2:14 די טאטאל ליקוי וועט געדויערן דריי מינוט מיט פיר און דרייסיג סעקונדעס, פון 3:25 ביז 3:29, און צוביסלעך וועט די זון באהערשן די לבנה און צוריק ארויסקריכן מנרתיקה.

די צווייטע אפציע מיטצוהאלטן א באשיידענעם ליקוי איז אין וואטערטאון ניו יארק, וואס וועט לויט ווי עס שיינט (נישט...) וועט אויך נישט זיין קיין גרויסע געפארעכטס אהין.

*

ס'איז אינטערסאנט אנצומערקן אז פארשער פון טויזנטער יארן צוריק זענען דורך דעם



רבני מבצר הכוללים כאפן א בליק פארנט פון גמ"ח מהרי"ט ביים פאריגן ליקוי חמה



פעפערמינט שטאב ווערן געזען מעסטן לויט די זון אין וועלכע געגענט צו עפענען א פרישע לאקאל

'ליקוי' געקומען צו די הכרה אז די וועלט איז רינדעכיג. דאס קען מען זען ווען ס'איז דא א 'ליקוי לבנה' ווען די רינדעכיגע וועלט שטעלט זיך צווישן די זון אין די לבנה, און די לבנה באקומט דאן א שאטן פון די וועלט, וואס פארט צוביסלעך אריבער אזוי ווי א 'ליקוי חמה'. דארט אויפן לבנה האבן די פארשער באטראכט און געזען אז די שאטן שניידט אריין רינדעכיג. וואס באדייט אז די וועלט וואס מאכט די שאטן אויפן לבנה איז אויך רינדעכיג, און דעריבער שפיגלט עס אפ אזא שאטן אויף די לבנה.

*

אין צייט פון טאטאלע ליקוי וועט נישט זיין ממש טונקל אזוי ווי ביינאכט, נאר עס ווערט יא גאנץ טונקל אזוי ווי שפעט פארנאכטס אדער גאנץ פרי פארטאגס, א לאנגע צייט פאר נץ החמה. די אשמורת הבוקר אידן זעען דאס יעדן טאג... ס'וועט אויסזען ווי ארום 40 מינוט נאך די שקיעה, און מ'וועט קענען זעען צאת הכוכבים שטערנס אין הימל. די וואס דאווענען ביי די 40 וועלן דארפן זיין געווארנט נישט בטעות צו שטעלן א מנין מעריב...

בשעת די טאטאלע ליקוי אויב מען קוקט זיך ארום קען מען זען אלע 7 מזלות אויף איינמאל. קודם דער זון מיט די לבנה וואס שטייען איינס אונטערן אנדערן, און אויף די רעכטע זייט זעט מען מזל 'כוכב' מיט 'נוגע', וואס וועט שטיין 8 מייל אהינציר פון די זון. מער רעכטס ווייטער איז 'מאדים' מיט 'שבתאי', די וועלן זיין בערך 16 מייל אפגערוקט פון די זון. און קוקענדיג אויף די לינקע זייט וועט מען קענען זען די אנדערע מזלות.

פארשער וועלן אויך אויפפאסן ווי אזוי חיות און בהמות און פויגל פירן זיך ווען עס ווערט פינסטער פלוצלינג אינמיטן טאג. זיי וועלן אויך שטודירן געוויקסן ווען פלוצלינג ווערט טונקל אזוי ווי פארנאכטס און די טעמפעראטור פאלט 10 ביז 15 גראד.

געוויסע וויסנשאפטלער ווילן דאס מיטהאלטן אויף אן עראפלאן. מ'האט שוין געדינגען גרויסע דזשעטס צו פליען העכער, צו קענען בעסער זען אדער פאטאגראפירן די פולע ליקוי חמה. אויך די אסטראנאטן וואס פליען אין די הייעך אין די אינטערנאציאנאלע ספעיס גרייטן זיך מיט זייערע קאמעראס צו כאפן בילדער, וואס מ'איז זיכער אז עס וועט זיין פון א גאר גוטע קוואליטעט און העכסט אינטערסאנט.

פאר די מענטשן וואס ווילן מיטהאלטן די איצטיגע ליקוי חמה אין איינע פון די 'טאטאלע' פלעצער ארום ניו יארק, האט מען שוין אנגעזאגט אז זיי זאלן זיין גערעכטן אז זייערע סעלפאנס וועלן נישט ארבעטן, ווייל כאטש וואס די סעלפאון פירמעס ארבעט צייטווייליג צו פארבעסערן און פארגרעסערן זייערע מעגליכקייטן אין יענע ראיאנען, קענען זיי אבער נישט גאראנטירן אז ווען אזוי פיל מענטשן וועלן אויפאיינמאל נוצט די סעלפאונס צו שיקן בילדער אויב דער סיסטעם וועט דאס קענען דערהייבן.

*

דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל האט ביי א ליקוי החמה אויסגערופן אין ישיבה אז מען זאל ארויסגיין באטראכטן די ליקוי חמה. בשעת דעם ליקוי האט ער געזאגט פאר די ארומיגע, אז א ליקוי חמה איבערצייגט פאר די גאנצע וועלט אז דער זון איז נישט קיין אפגאט, נאר איז א יציר נברא באשאפן פון א גרעסערן כח, ווי מען



ליקוי חמה אין שכונת ברך משה



ליקוי חמה נעבן אלטן טהרה שטיבל אויף סקאנימאנק



תלמידי הישיבה אויף בארדיטשוב ביים פארלאפענעם ליקוי חמה מיט 7 יאר צוריק



לומדי היכל ראזענבערג קומען ארויס נעבן אלטן דעכל מיטצוהאלטן ליקוי המאורות בשנת תשע"ז



מען כאפט זיך ארויס פון די געשעפטן מיטצוהאלטן וואונדערליכע זון אונטערגאנג




מיט באשיצטע ברילן

זעט אז דער זון שטייט אויס א ליקוי און קען פארטונקלט ווערן.

דעמאלט ביי יענעם ליקוי חמה האט מען געמאכט ספעציעלע טונקעלע ברילן פארן הייליגן חפץ חיים צו קענען קוקן אויפן זון בשעת דעם ליקוי.

דא איז טאקע דער פלאץ צו באטאנען אז מען טאר נישט קוקן אויף די זון! ס'איז זייער זייער שעדליך! טראץ וואס עס איז זייער אינטערסאנט צו באטראכטן דער זון, איבערהויפט ווען די ליקוי איז טאטאל, וואס דעמאלט קען מען זען אינטערסאנטע זאכן ארום די זון. די עקספלאדאציעס וואס די זון שיסט ארויס פון זיך, וואס געווענליך קען מען דאס נישט זען צוליב די זון לעכטיגקייט, אבער ביי א טאטאלע ליקוי חמה קען מען דאס יא זען. מ'קען זיך אבער שאדן מאכן די אויגן פון קוקן אפילו פאר בלויז עטליכע סעקונדעס. ס'לוינט נישט די עטליכע סעקונדען פאר די הויכע שאדן דערפון.

אויב מען וויל דאס מיטהאלטן דארף דאס דווקא זיין דורך ספעציעלע באשיצטע גלעזער -ISO 12312-2 STANDARD. ס'איז דא פירמעס וואס פארקויפן בלויז נאכגעמאכטע און נישט ריכטיגע גלעזער וואס איז נישט אפראווד, וואס אויב קוקט מען מיט געווענליכע זון גלעזער אדער מיט אנדערע נאכגעמאכטע קען דאס ערנסט שאדן פאר די אויגן. מען דארף זיכער מאכן אז ס'האט די ריכטיגע א.ד. קאוד צו קענען קוקן אויף די זון בשעת דעם ליקוי.

הארט בעפאר די טאטאלע ליקוי זעט מען אויף יעדע זון אפשפיגלונג קליינע לבנה'ס. ד.ה. אויב מען זאל נעמען א לאָקשן טאָפּ, אדער סיי וועלכע זאך וואס האט אסאך לעכער, און מען זאל דאס לייגן אונטערן זון, וועט זיין אינטערסאנט צו באטראכטן די 'לבנה שאטנס' וואס וועלן זיך פארעמען. ווען פון יעדע לעכל באזונדער וועט אַראָפּשאָטענען א קליינע לבנה.

פאר די מובחרי הבריאה, דער עם ישראל, דארף אזא טאג אויסגענוצט ווערן ארייצוטראכטן 'מי ברא את אלה' און באוואונדערן די נפלאות הבריאה פונעם עושה מעשה בראשית, דער 'המאיר לארץ ולדרים עלי' ברחמים', און לויבן דעם אויבערשטן פאר זיינע פייער'דיגע משרתים וואס שטייען צום דינסט פאר די בריאה צו טון דעם רצון הבורא, און שיקט די ווארימע זון שטראלן צו ווארעמען, און באלייכטן אונזער קליינע וועלטל. אין צוגאב צו די נאך אומצאליגע גוטס און בענעפיטן וואס דער זון ברענגט פאר דער וועלט.

**מה גדלו מעשיך ה'!**

ב"ה

SMITH & ASSOCIATES

E. David Smith,
Attorney at Law

Solving Complex Legal Matters
for Smart Business People

Sophisticated business transactions; partner disputes;
financing transactions; business litigation

פאר אייער טובה:
פארן געבן א הלואה
אדער אינוועסטן ערגעץ
פארבינדט אייך מיט אונז

מיר באקומען אסאך קאלס פון תושבי קרית יואל וועלכע ס'איז זיי זייער שווער צוריקצובאקומען זייער געלט וואס זיי האבן פארבארגט אדער אינוועסטירט אן קיין געהעריגע לעגאל פאפירן.

א נייע לאקאציע
אין די קרית יואל אימגעגנט
27 יאר ערפאַרונג

**Serving:** Manhattan, New Jersey,
Kiryas Joel, Georgia



רופט אונז, מיר קענען אייך בע"ה צושטעלן די נויטיגע לעגאלע פאפירן אדער א ליען אפילו נאכן פארבארגן

Phone: (212) 661-7010
Website: www.edslaw.net
Direct Email: edsmith@edslaw.net
LinkedIn: /in/edavidsmith

# א בליק אין קרית יואל רבתי

אויף די נייעס

## גרויסאַרטיגער קאַמפּיין אונטערגענומען דורך ביהמ"ד המפואר שכונת 'הײלענד לעיק' לפאר ולרומם בית ה'

אין די יעצטיגע טעג, בין גאולה לגאולה, איז געלאָזט געוואָרן אין שוואונג אַ ברייטפאַרצווייגטער מגבית נחוצה פאַר די אויסברייטערונג פון דעם בית המדרש המפואר אויף 'קאַלעדזש ראָוד' וואָס דינט אַלס צענטער פאר דער גאַנצער שכונת 'היילענק לעיק', בג' עמודי העולם.

דאָס בית המדרש איז אויסגעשטיגן אַלס מגדל אור לכל תושבי השכונה, האָבנדיג נאָנטע צוטריט צו אַלע אַרומיגע גאַסן, מיט אַ פּרעכטיגע מקוה אויפ'ן אָרט, טעגליכע מנינים שחרית מנחה מעריב און שיעורים דורך חברותות תמידים כסדרן. אַזוי אויך ווערט אין ביהמ"ד טעגליך פארגעלערנט דער באַרימטער שיעור דורך הרה"ג רבי אהרן ווייס שליט"א משפיע בקרב השכונה.

אַצינד, ווען גרייט זיך צו מרחיב זיין גבולי הקדושה ווענדן תושבי קרית יואל זיך אָנרופן מיט סכומים הגונים למען בית ה'.



*

## 'ערב פסח מצות חבורה' באַגריסט דורך תושבי סמיט גארדענס

אין נאָך אַ רינגעלע אינערהאַלב די הרחבת גבולי הקדושה בתוככי בית המדרש יראי ה' אין שכונת סמיט גאַרדנס איז צום ערשטן מאָל איינגעפעדעמט געוואָרן דאָס יאָר אַז ס'וועט פאָרקומען אַ ספּעציעלע חבורה פאר תושבי השכונה צו באַקן מצות מצוה ערב פסח כנהוג מקדמת דנא.

די חבורה ווערט אָנגעפירט און באַגלייט מיט אַלע פּרטים דורך הרה"ג רבי מרדכי פרידמאן שליט"א רב ביהמ"ד יראי השם, וועלכער לייגט אַריין אַסאַך כוחות אַז דאָס מצות באַקן זאל טאַקע זיין מיט די גרעסטע הידורים. די בעקעריי ווערט אויפגעשטעלט אין א ספּעציעלע לאקאציע אין דער טשעסטער געגענט וואס ווערט איינגערישט מיט אלע נויטיגע געברויכן אויפ'ן העכסטן סטאנדארט אין כשרות.

**בערב תאכלו מצות!**

*

## סעודת הילולא פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע אין ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקיט"ל

אַ הערליכער סעודת מלוה מלכה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם פאַרגאַנגענעם מוצאי שבת פרשת צו, בעצם יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, אין ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקיט"ל, וואו אַ שיינער ציבור חסידים ואנשי מעשה האָט זיך באַטייליגט ביים סעודת הילולא וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אויף אַ רחבות'דיגן פאַרנעם.

צוערשט האָט מען געהערט סיפורי קודש וענינים נפלאים פאַרציילט בטוב טעם ודעת דורך הגה"ח רבי משה יעקב גליק שליט"א, מגי"ש בקיט"ל. דאַן האָט אויפגעטרעטן הרה"ג דומ"ץ ביהמ"ד שליט"א, וועלכער האָט אַ לענגערע ווײלע אַרומגערעדט מפי ספרים וסופרים במשנתו פון דעם הייליגן בעל הילולא זי"ע. דער ציבור איז זיך צוגעגאנגען מיט געהויבענע געפילן.

**זכותו הגדול יגן עלינו!**




*

## אָפּגעהאַקט ביימער ביי ריזן שטח אויף ווירדזשיניע ראָוד צו מאַכן פּלאַץ פאַר פרישע נאָנט צו 300 הייזער

אינאיינעם מיט די פריידיגע מעלדונג איבער דאָס באַנייאונג פון דעם פּרעכטיגן סאַטמאַרער בית המדרש אויף דער מעריוואלד גאַס אין שכונת בלומינג גראָוו, האָט מען די וואך אָנגעהויבן זען די ערשטע פריע פּאַזע פון אַ מאַסיוון דירות פּראָיעקט וואָס וועט בעז"ה געבויעט ווערן אויפ'ן ריזיגן שטח האַרט נעבן דעם 'בנין יאַקאָבאָוויטש' החדש אין האַרץ פון בלומינג גראָוו.

אַ רייע פון טראַקטאָרן האָבן די וואך פלאַך געמאַכט דעם גיגאַנטישן שטח, ווען דאָס גאַנצע וואַלד הונטער די הייזער אויף ווירדזשיניע ראָוד איז אויסגעהאַקט געוואָרן, מיט'ן ציל צו אַרויפציען דאָרט הונדערטער רחבות'דיגע הייזער, האָפנטליך גאָר בקרוב.

*

## שמחת בר מצוה אָפּגעראָכטן בבית כ"ק אדמו"ר מחוסט נדבורנא שליט"א אין וואדבורי ווילאַס

אַ שיינער ציבור תושבי שכונת וואודבורי ווילאַס האָבן זיך באַטייליגט ביי דער שמחת בר מצוה וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן ברוב פאר והדר אין ביהמ"ד חוסט נדבורנא, ווען דער רבי שליט"א האָט מכניס געווען בנו לעול התורה והמצוות.

ביי דער מעמד הבר מצוה האָט זיך אָנגעזען פילע מתפללים ומעריצים און מ'האָט געהערט פאַסיגע דרשות ודברי תורה, ויהי"ר שמשמחה זו ישפע שפע רב.

*

## קורצע באזוך פון כ"ק מרן אדמו"ר מטאהש שליט"א בהיכל 'ישיבת תפארת משולם פייש ד'טאהש'

דעם מאנטאג פרשת שמיני כ"ב אדר ב' העעל"ט, האָבן די תלמידי ישיבת "תפארת משולם פייש ד'טאָהש" מקבל געווען פּני כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א, וועלכער האָט צוערשט געדאווענט תפלת מנחה אין היכל הישיבה מיט די בחורים, און דערנאך איז געפראוועט געווארן א מסיבת לחיים לכבוד די יומא דהילולא קדישא פון זקינו הגדול הגאון הקדוש בעל בית יצחק מסוואליאווא זי"ע.

עס האָט צוערשט אויפגעטרעטן דער מנהל הישיבה הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א און דאַן האָט מען

# א בליק

## אין קרית יואל רבתי

אויף די נייעס

גהערט דברות קודש והדרכה פון טאָהש'ער רבי'ן שליט"א וויאַזוי אויסנוצן די ימי הבחרות, באַגלייט מיט עובדות וסיפורים פון דעם בעל הילולא זי"ע.

דער רבי האָט זיך דאַן אומגעקוקט אויך אויף דער דאָרמעטאָרי אָפטיילונג פון דער ישיבה און די מגי"ש האָבן איבערגעגעבן וואַרימע גריסן פון די חשוב'ע בחורים וואָס שטייגן בסולם העולה בית קל.

*

## בוי אקטיוויטעטן זעצט פאָר אין שכונת ויואל משה אויסצופלאַסטערן ווייטערדיגע פאַזעס פון נייע גאַסן

מיט פרייד האַלט מען מיט וויאַזוי עס רוקט זיך פאָראויס די בוי אַרבעט אויף די נייע פאַזעס פון 'שכונת ויואל משה' וואו מען גלייכט אַצינד אויס די פרישע ראָודס וואו עס וועט געבויעט ווערן די קומענדיגע פראָיעקטן מיט הונדערטער דירות בעז"ה.

באטראכטנדיג די קאנסטרוקציע זעהט זיך שוין אן די גראב ארבעט אויף עטליכע שטחים, וואָס מאַכט גרייט דעם באָדן צו קענען אנהייבן פרעימען און גיסן 'פוטינג' פאר פרישע לעכטיגע הייזער, בתים נאמנים לה', אין דער נאָבעלער געגנט וועלכע האָט זיך שוין קונה געווען מיט אן אויסטערלישע שם טוב, מיט איר ערליכער ציבור התושבים, כה יתן ה' וכה יוסיף.

*

## שלאַקס רעגענס ברענגט אריין נויטיגע גשמי ברכה צו די מי גשמים בורות אין די מקוה החדשה בביהמ"ד הגדול

תושבי העיר בכלל און מתפללי ביהמ"ד הגדול בפרט האבן פריידיג אויפגענומען די שווערע שלאקס רעגן וואס האט זיך אראפגעלאזט איבער די שטאט אין די לעצטערע טעג.

בבחינת טרם יקראו ואני אענה, תיכף ווען מען האט פארענדיגט די איינריכטונגען אויפן דאך פון גרויסן ביהמ"ד צוניפצוזאמלען מי גשמים פאר די בורות הטבילה, איז די רעגן אנגעקומען בעתו ובזמנו.

אצינד ווען מען ענדיגט די לעצטע שטאפלען פון די נייע גרויסע מקוה אויפן ערשטן שטאק, וועט די מקוה תיכף קענען אריינגיין אין באנוץ מיט אלע מי גשמים בורות גרייט און אנגעפילט.

גלייכצייטיג איז אנגעפילט געווארן עטליכע בורות מי גשמים ביי נאך עטליכע מקוואות טהרה אין שטאט, און מיט דעם קומט אראפ א שפע פון טהרה און השפעות טובות וואס א מקוה ברענגט מיט זיך.

**גדול יום הגשמים!**



3 בורות הטבילה מיט די נאנט צו 25 שאוערס און גרויסער חדר המקוה וואס וועט אט באנייעט ווערן לשמחת לב אלפי מתפללי ולומדי ביהמ"ד הגדול דק"ק קרית יואל

# א בליק

## אין קרית יואל רבתי

אויף די נייעס

## שמחת קידושא רבא געפראַוועט אין ביהמ"ד 'בית מרדכי לייב' לרגל הולדת הבת ביי הגה"צ דומ"ץ ביהמ"ד שליט"א

דעם פאַרלאָפענעם שב"ק פרשת צו, איז אין ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקיט"ל געפראַוועט געוואָרן די קידושא רבא לרגל בת הנולד למז"ט בבית הגה"צ דומ"ץ ביהמ"ד שליט"א, וואו עס האָבן זיך מיטגעפרייט אַלע מתפללים, וועלכע האָבן אַזאַ נאָנטן קשר מיט'ן דיין שליט"א.

ס'איז געווען קענטיג אַ גרעסערער ציבור מתפללים וואָס האָבן זיך באַטייליגט לכבוד די שמחה. צו תפלת שחרית און יוצרות לפרשת פרה האָט דער דיין שליט"א יורד געווען לפני התיבה מיט אַ ברען, און נאָכ'ן דאַווענען איז אַ גרויסער ציבור מעריצים פון איבער דער שטאָט אַריבערגעקומען וואונטשן מזל טוב.

צו דער געלעגנהייט האָבן מתפללי ביהמ"ד זיך אויך מיטגעפרייט און אָנגעוואונטשן לרגל די דאָפלטע שמחה, דער קישור החיתון בבית הדומ"ץ שליט"א, בנו הבחור החתן כמר יקותיאל יהודה נ"י, עב"ג בת הרה"ג מאיר יחזקאל לעמבערגער שליט"א אב"ד מאקאווא ב"פ.

**שמחו בד' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב!**




*

## ערשטע פונדאַמענטן געגאָסן ביי 'טרעזע לעין' דירות פראָיעקט אין בלומינג גראָוו

ווי באריכטעט פארלאפענע וואך אין 'וואָכנשריפט' איז דער גרויסער דירות פראָיעקט פון 'טרעזע לעין', וואָס גרעניצט זיך מיט מאַונטן ראָוד. ב"ה שוין צוגעטרעטן צו די פאַקטישע ערשטע שטאַפלן ווען מען האָט אָנגעהויבן גיסן די ערשטע פונדאַמענטן פאר די צענדליגער נייע הייזער וואָס וועלן דאָרט אויפגעשטעלט ווערן אין דער נאָנטער צוקונפט.

ס'וואַקסט דאָס האַרץ פון פרייד זעהנדיג וויאַזוי בלומינג גראָוו ברייטערט זיך ב"ה אויס מיט פרישע דירות פראָיעקטן, סיי אויף די אַלטע גאַסן און סיי אויף נייע גאַסן, מיט גרעסערע און קלענערע פראָיעקטן, וואָס באַצייכנט די בליה פון דעם רבי'נס שטאט אויף אַלע זייטן מיט אַזאַ וואונדערליכע סייעתא דשמיא.



*

## שמחת התנאים בבית הרה"ג דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי' שליט"א

אַ דערהויבענער שמחת קישור החיתון, איז אָפּגעראָכטן געוואָרן די וואך בביתו פון הרה"ג דומ"ץ בית המדרש בית יעקב נחמי' שליט"א עב"ג החתן המו"מ בתוי"ש כמר שמעון נ"ו, בן הרה"ג יואל גראָס שליט"א אבד"ק מעשי למלך ווייטצן. ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל!

באַזונדער איז עס אַ שמחה פאר די מתפללי ביהמ"ד, נאָכדעם וואָס דער דיין שליט"א האָט זיך נאָרוואָס צוריקגעקערט פון די גרויסאַרטיגע נסיעה אויף קברי צדיקים, וואו די באי ביהמ"ד האָבן אינאיינעם אַהיימגעברענגט אַ שפע פון ישועות און השפעות טובות, וואָס איז ב"ה קענטיג מיט די שמחה באַלד נאָכ'ן צוריקקער. ויה"ר שמשמחה זו ישפע שפע רב וכט"ס.

*

## גרויסער שטח אויף קאַרלסבורג ווערט ביימערלאָז, צוטרעטנדיג צו קומענדיגע שטאַפלן פון בויען הונדערטער צוקונפטיגע דירות

פארלאפענע וואך האט זיך באנייעט די ארבעט אויפ'ן ריזיגן שטח ביי מאונטען ראוד צווישן 'קאַרלסבורג' און סעווען ספרינגס, ווען טראקטארן האבן ווידער אנגעהויבן אויסהאקן גאנצע וואלד פון ביימער, צו קענען צוטרעטן צו די בוי ארבעט פאר פרישע הונדערטער הייזער אויפן שטח אינעם ווילעדזש און קרית יואל.

דער שטח קעגן איבער די באוואוינטע קארלסבורג גאס שטייט הארט נעבן פראכטפולע בתי מדרשים און אלע צרכי ציבור מיט אן אייגענעם הצלה און פייער סטאַנציע, ווי א שטאט פאר זיך. באַזונדער ווערט אַנטשפּראָכן צו אויפגעבויעט ווערן דאָרט, ביים 'מאונטען ספרינגס' ווינקל, גרויסע ציבור'ישע בנינים, מיט אלע נויטיגע געברויכן פאר די פילצאָליגע משפחות אינעם אומגעגענט.

*

## תלמוד תורה 'דברי חיים' אויסגעברייטערט מיט פרישע קלאַסן אויפ'ן שטח הת"ת אין ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו

מיט אַ געוואַלדיגע פרייד טוען די עלטערן פון קינדער אין ת"ת דברי חיים באַגריסן דעם פרישן פראָיעקט וואָס די הנהלת המוסד האָט אונטערגענומען אויפצובויען פרישע קלאַסן, האַרט נעבן די יעצטיגע בנין הת"ת, כדי צו קענען אַקאָמאַדירן דעם געבענטשן וואוקס פון תלמידים מיט הרחבת הדעת.

די רענאָוואַציע און אויסברייטערונג אַרבעט ווערט דורכגעפירט אונטער די יוריסדיקציע פון דעם היימישן ווילעדזש און בלומינג גראוו וועלכע שטייען גרייט צו דער רעכטער האַנט פון אַלע מוסדות התורה אין שטאָט, צו העלפן און באַגלייטן די הרחבת הגבולים ולתקן בית תלמוד פאר ישיבות, כוללים, חדרים, בקרב העיר.

פארלאפענע וואך איז שוין ווירקליך אנגעקומען אַ גרעסערער שיפמענט פון פילע בוי מאטריאל וואָס וועט ערמעגליכן צו פאָראויסרוקן די בוי ארבעט לשמחת לב רבנן ותלמידיהון, וואָס איז שוין טאַקע קענטיג ווען מען פאָרט אַריבער אויף 'מאַונטן ראָוד' וואו די העפטיגע קאָנסטרוקציע איז מערקבאַר.

*

## געפלאַסטערט נייע ראָוד צום נייעם שינאָווא דירות פראָיעקט

ביי דעם גרויסאַרטיגן שינאָווא דירות פראָיעקט איז די ראָוד

אויסגעפלאַסטערט געוואָרן צום באַנוץ פון די קאָנסטרוקציע טראָקס. די ראָוד אַרבעט טוט אויך אַנטהאַלטן אַ נייע 'בערינג וואַנט' וואָס ציעט זיך ביז'ן שטח אַריין אין דעם 'דעד ענד', וואו עס וועט בעז"ה געבויעט ווערן די פרישע רחבות'דיגע דירות אין דעם נייעם שינאָווא דירות פּראָיעקט.

*

# 'חברה מצילי אש' גייט אַריין אין קאָנטראַקט אויף שפּאָגל - נייע סאָפּיסטיקירטע 'ענדזשין טראָק'

די וואוילטעטיגע 'חברת מצילי אש' פון קרית יואל האָט אַנומלט אונטערגעשריבן 'קאָנטראַקט' מיט דער באַרימטער עי-וואן פירמע, ווען ס'איז ב"ה באַשטעטיגט געוואָרן אַז די פירמע וועט לאָזן אויפבויען אַ שפּאָגל - נייע און העכסט פאָרגעשריטענע 'פייער ענדזשין' וואָס זאָל שטיין צום דינסט פון 'מצילי אש' על כל צרה שלא תבא.

ווי עס ווערט אָנגעוויזן דורך די געטרייע 'מצילי אש' אָנפירער, איז דער מקח געקומען באַגלייט מיט אַ באַזונדערע סייעתא דשמיא, ווייל אין געווענליכע אומשטענדן קען מען ווארטן עטליכע יאר פון דעם קאנטראקט ביז ווען די באשטעלטע טראק גייט אריין אין פּראָדוקציע, דאַן געדויערט דאָס נאך א האלבע יאָר, פונעם אנהייבן דאס אויפבויען ביז די טראק איז פולקאם פארענדיגט און גרייט צו ווערן אפגעשיקט צום קאסטומער. דאס איז צוליב די לאנגע ליניע פון טראקס וואס ווארטן צו ווערן פּראָדוצירט, יעדע איינס 'קאסטום מעיד' לויט די באשטעלונגען פון די דעפּאַרטמענטס.

אָבער אַצינד האָט מען ב"ה געהאַט אַ געוואלדיגע דערגרייכונג ווען די מצילי אש האט בס"ד באוויזן אפצוקויפן א פלאן פון אַן אַנדערע דעפארטמענט וואס האט שוין געזאלט אריינגיין אין פּראָדוקציע.

דאָס האָט געברענגט אַז מען האָט איינפאַך געקענט איבערהיפּן די לאַנגע - וואַרטן צייט וואָס עס נעמט געווענליך ביז די פירמע באהאנדלט יעדע אַפּליקאַציע. אַזוי אַרום האָפט מען אַז אין ווינציגער פון אַנדערטהאַלבן יאָר, אויף קומענדיגן חודש תמוז, זאָל די טראָק שוין זיין אינדרויסן פונעם פּלענט. דאן וועט די טראק דורכגיין דרויסענדיגע איינריכטונגען און ווערן געסטיקערט מיט די מצילי אש סימבאלן און דערנאך תיכף זיין גרייט צום דינסט אנשטאט די ביז יעצטיגע אלטע ענדזשין טראק וואס האט שוין אָפּגעדינט.

**כל המציל נפש אחת מישראל!**



*

# באַשיידענער קאַמפּיין למען הרחבת גבולי הקדושה אין ביהמ"ד טיב לבב דקיט"ל

די געטרייע עסקנים פון דעם קרן הבנין שע"י בית המדרש המפואר טיב לבב דקהל יטב לב, טוען אין די טעג אויפטרייבן גרעסערע סכומים צווישן תושבי שכונת לעמבערג און די אומגעגענט, מיט'ן ציל צו מרחיב זיין דעם היכל ביהמ"ד מיט פילצאָליגע זיצן להרחבת מתפללי ובאי בית ה'.

דער קאַמפּיין איז געלאָזט געוואָרן אין שוואונג אין אַ צייט וואָס עס וואַקסט בליעה"ר דער ציבור המתפללים וועלכע זענען זיך קובע אין דעם פּרעכטיגן בית המדרש וואָס שם'ט מיט איר ערנסטע כאַראַקטער לתורה ולתפלה. מ'קוקט טאַקע אַרויס אַז דער ציבור וועט זיך אָנרופן מיט'ן קויפן זכותים נצחיים אין דעם בית מקדש מעט.




*

# בריטהאַרציגער חלוקה לכבוד יו"ט אַראַנזשירט דורך עסקני ביהמ"ד בית יקותיאל דקיט"ל פאר תושבי השכונה

א נאָבעלער חלוקה איז אהערגעשטעלט געווארן דורך חשובע עסקנים וגבאי ביהמ"ד בית יקותיאל דקיט"ל, וועלכע האָבן אַראַנדזשירט אַז ס'זאָל פּאַרקויפט ווערן פילע נוצבאַרע פּראָדוקטן אויף יום טוב פאר שטוינענד ביליגע פּרייזן, מיט אַ ספּעציעלן דגוש אַז ס'זאָל נישט זיין קיין צדקה געלטער, בלויז פאר קאָסט פּרייז, געאייגנט פאר מיטל - קלאָס פאַרדינער מיט קינדער געבענטשטע משפחות.

באַזונדער ווערט באַגריסט די געטריישאַפט פון די עסקנים וועלכע האָבן ערמעגליכט אַז אַלע פּראָדוקטן זאלן ווערן אָפּגעליפערט צו יעדן אַהיים, מיט'ן גרעסטן באַקוועמליכקייט און דרך כבוד, און אַזוי אַריינברענגען צרכי יום טוב אין אידישע שטיבער בהרחבה ובשמחה. ישלם ה' שכרם.



### אינפארמאציע און אינהאלט איבער די בעפארשטייענדע

# „נרו יאיר" עקספערט טרעינירונג קורס

”נרו יאיר” טוט אט דאס וואס איר נאמען זאגט; זי צינד אן די ליכטעלעך פון אידישע קינדער, ארויסצוברענגען די אינערליכע שיין פון יעדעס איינציגסטע קינד, דורכ'ן טרעפן און אויפבויען די ערליכע כשרונות און פאטענציאל וואס ליגט באהאלטן אין יעדן איינעם, און זיי ברענגען צום איבערפלאך אז ער זאל שיינען און לייכטן מיט די שענסטע קאלירן, צום פרייד פון די עלטערן, מחנכים, און בעיקר פונעם קינד אליינס.

ארבעט איז דא אסאך און פילצאליגע קינדער ווארטן אין די רייע צו געהאלפן ווערן און באקומען א בעסערן שאנס צו מצליח זיין אין די לימודים, אין חדר, אין ישיבה, און זוכה זיין צו א געשמאק און חשק אין די תורה הק', צו שטייגן און צו שפירן גוט מיט זיך אליינס.

דעריבער קוקט 'נרו יאיר' ארויס אויף פרישע כוחות, אינגעלייט מיט א געפיל צו חינוך מיוחד, וועלכע זאלן קענען אריינגענומען ווערן אין די עבודת הקודש, און זוכה זיין צו זיין דער 'נר אחד נר למאה' צו דערלייכטן און אנצינדן צענדליגער און הונדערטער אידישע נשמות און עפענען די שליסלען צו זייער הארץ און אצינדן זייער פערזענליכן פלאם.

אויב זענט איר שוין עוסק אינעם תחום פון חינוך אדער איר האט א פארשטאנד און געפיל דערצו זענען די פאלגענדע שורות פאר אייך. ליינט עס דורך מיט ישוב הדעת, און באטראכט די געלעגנהייט דורכצוגיין דעם בעפארשטייענדן קורס וואס וועט בעז"ה ברענגען אן אויסטערלישן עתיד פאר די פאסיגע קאנדידאטן צו קענען באמת אויפטון און מצליח זיין און שיין פארדינען מיט א פרנסה קלה ונקיה.

## פארוואס דארף מען האבן טרעינירונג?

חינוך מיוחד איז א הייליגע און ערנסטע עבודת הקודש וואס פארלאנגט אויסערגעווענליכע עקספערטיז, פארשטאנד און געפיל. עס איז א פאך גארנישט ווייניגער ווי סיי-וועלכע פראפעסיאנאלע ארבעט, וואס פארלאנגט אז מען זאל זיך לערנען דעם פאך און וויסן וואס מען טוט.

ווען א אינגערמאן זעצט זיך אראפ צולערנען מיט א אינגל אדער בחור דארף ער פארשטיין און וויסן קלאר וואס ער גייט יעצט טון און אויפטון מיט דעם קינד. סתם פרובירן אריינצוהאקן די גמרא אין זיין קאפ מיט א האמער, קען אפשר אמאל העלפן אז ער זאל בעסער קענען דורכשטיפן דעם פאראהער סוף וואך, אבער דאס קינד איז נישט געהאלפן געווארן. ער האט נישט באקומען מער כלים צו פארשטיין א גמרא; די פראבלעם וואס שטערט אים איז נישט געווארן מסודר, און זיין חשק איז נישט געווארן מער.

אסאך מאל טרעפט מען זיך אויסגעמוטשעט און פרוסטרירט. מען וויל מסביר זיין א גמרא פאר א תלמיד, מען פרובירט אויף אלע וועגן אבער מען ווייסט נישט פארוואס עס גייט נישט. די סיבה איז ווייל מען האט נישט קיין קלארן מהלך וואו דער תלמיד איז 'סטאָק' און וויאזוי מען קען דאס בעז"ה פאררעכטן.

עס איז א געוואלדיגער שאד אז איינער וואס וויל באמת העלפן קינדער און בחורים און ער האט די כוחות הנפש דערצו, זאל עס נישט טון אויף די אויסגעטרעטענע און פראפעסיאנאלע וועג. פארוואס זאל ער נישט באמת וויסן וואס ער טוט און שפירן יעדן טאג אז ער טוט אויף און שניידן די תוצאות פון די ערליכע פירות בעז"ה?

**דער ציל פון חינוך מיוחד איז צו בויען דעם קינד אז ער זאל אליינס קענען שטיין אויף די אייגענע פיס. דער בחור'ל דארף איין טאג קענען גראדואירן. ער דארף אליין קענען ווערן א לומד, און די כלים וואס מ'האט אים געגעבן זאל אים קענען באגלייטן אויף ווייטער אז ער זאל שוין נישט מוזן צוקומען צו א מלמד אדער טוטער.**

צוליב דעם פעלט זיך אויס אז דער אינגערמאן וואס לערנט מיט אים זאל קענען מגדיר זיין און אידענטיפיצירן וואס פונקטליך זענען די שוועריקייטן פון דעם תלמיד; וואס גיי איך טון עס צו פאררעכטן; אויף וועלכע סקילס גיי איך ארבעטן מיט אים, און וויאזוי גיי איך זען צי עס העלפט טאקע? וואס איז די ערשטע סטעפ, וואס איז די צווייטע, ווילאנג גייט עס דויערן, און אזוי ווייטער.

אזוי ארום קען מען נאכדעם אפשאצן די ארבעט און זען צי עס האט טאקע געברענגט די ערווארטעטע תוצאות און צי מען גייט אויפ'ן גוטן ריכטונג.

## וואס וועט מען לערנען ביי די 'עקספערט טרעינירונג קורס''?

כדי א קינד זאל קענען מצליח זיין, פארשטיין און הנאה האבן פון לערנען, דארף ער האבן אויפגעבויט א רייע יסודות'דיגע כשרונות וואס פעלן זיך אויס צום לערנען, און ווען ער האט די אלע כשרונות וועט ער בעז"ה אליינס קענען לערנען, ווייל ער האט קונה געווען אן אייגענע מהלך און ער וועט אנטוויקלען א שטארקע חשק צום לערנען.

ווען מען ארבעט מיט א תלמיד וואס מוטשעט זיך אין לערנען, אויסערדעם וואס עס קען זיין פארשידענע זייטיגע פראבלעמען וואס שטערן אים און דארף באהאנדלט ווערן, האט ער געווענליך אויך שוועריקייטן אין איינער אדער עטליכע פון זיינע כשרונות הלימוד, און אויב וועט מען קענען מגדיר זיין וועלכע כשרונות דארפן אויפגעבויט ווערן וועט מען אים בס"ד קענען העלפן לערנען פונקט ווי יעדן איינעם.

די קורס איז געמאכט אז די מחנכים פרטיים זאלן פארשטיין די אלגעמיינע שוועריקייטן וואס קענען זיך מאכן ביי קינדער, און ווי אויך וועט מען דורכגיין די כשרונות הלימוד און וויאזוי מען בויט אויף יעדע איינס פון זיי, און בעיקר וויאזוי מען ארבעט אויפצובויען די כשרונות בשעת מען לערנט מיט אים גמרא. דאס הייסט, אז דורכ'ן לערנען גמרא קען מען ארבעטן אויף סיי-וועלכע כשרון מען וויל ביי אים אויפבויען, אויב ווייסט מען אויף וואס מען ארבעט יעצט און וויאזוי, אויף אן אופן וואס ערמעגליכט צו קענען אפשאצן און מעסטן די פארשריט וואך-נאך-וואך.

יעדעס קינד קען שיינען!

אויך וועט מען לערנען ביי די שיעורים צו פארשטיין צו די פארשידנארטיגע נאטורן פון קינדער, ווייל יעדעס קינד איז א וועלט פאר זיך און ביי יעדער סארט כאראקטער איז די מטרה און צוגאנג אנדערש. אזוי ארום וועט מען קענען ארבעטן מיט יעדן קינד 'לפי דרכו'.

”נרו יאיר” שטעלט צו אן אפשאצונג אויף יעדן תלמיד איידער מען הייבט אן צוצולערנען, און מען אידענטיפיצירט אויף וועלכע כשרונות מען דארף ארבעטן, און וועלכן מהלך מען דארף נעמען - געוואנדן לויט'ן מהות און נאטור פונעם קינד און לויט זיין פערזענליכן סגנון הלימוד - און די קורסעס וועלן געבן פאר די מלמדים פרטיים די ידיעות און כלים צו פארשטיין די טערמינאלאגיע און מהלך וויאזוי צו ארבעטן אויף יענע איינס פון זיי.

יעדער מלמד פרטי באקומט א פארגעשריבענער מהלך און קלארע אנווייזונגען וויאזוי צו לערנען מיט יעדן תלמיד, און ווי אויך כסדר'דיגע באגלייטונג זיכער צו מאכן אז מען ארבעט ריכטיג און מען קומט בס"ד אן צו די געוואונטשענע מטרה. ווי אויך ווערט דער תלמיד אפגעשאצט פון צייט צו צייט צו זען די פארשריט און צוצופאסן די ריכטיגע מטרות, כדי זיכער צו מאכן אז מען רוקט זיך כסדר פאראויס.

**ווען א תלמיד באקומט די כלים און סקילס אויפ'ן ריכטיגן אופן עפנט זיך פאר אים א נייע וועלט. ער הייבט אן צו זען אז ער קען יא און ער האט יא ליב צו לערנען. ער זעט בעז"ה ווי ער ווערט בעסער פון טאג צו טאג און עס עפנט זיך אין אים א שטארקע חשק צו מצליח זיין, ווייל ער הייבט זיך אן צו באטראכטן ווי א מוצלח, און אזוי ארום האט מען בעז"ה די זכיה אוועקצושטעלן נאך א איד אויפ'ן ריכטיגן דרך מיט די ריכטיגע כלים צו מצליח זיין.**

## ווען און וויאזוי וועלן די קורסעס געגעבן ווערן?

**די שיעורים ווערן געגעבן דורכ'ן וועלט-בארימטן, לאנגיעריגן רייז אין חינוך מיוחד הר"ר אביגדור שפיטצער שליט"א, וועלכער האט שוין געהאלפן טויזנטער תלמידים במשך צענדליגער יארן אנטוויקלען זייערע כשרונות און סקילס און מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות, בנוסף צו די רייכע ספרים און ביכער וואס ווערן גענוצט אין פילע מוסדות החינוך איבער דער וועלט.**

דער קורס באשטייט פון א סעריע פון **10** שיעורים, יעדע שיעור 2 שעה, און דערנאך ספעציעלע ווארקשאפס וואו מען פראקטיצירט וואס מען האט געלערנט און מען באקומט שימוש אריינצוקומען אין די ארבעט.

פאר די מאקסימום הצלחה פון די באטייליגטע ווערט אנגענומען בלויז אן ענגע צאל משתתפים אויפאמאל, כדי צו פארזיכערן אז יעדער פון די באטייליגטע ערהאלטן די מאקסימום ווערד און קענען אי"ה מצליח זיין אנצוקומען צום שטאפל פון קענען ארבעטן מיט די תלמידים פון נרו יאיר.

דאס איז אן אויסטערלישן געלעגנהייט און זעלטענע עפענונג פאר פאסיגע און געלונגענע אינגעלייט וועלכע ווילן עוסק זיין אין חינוך מיוחד און ווילן עס טון אויפ'ן ריכטיגן און פראפעסיאנאלן אופן, צו קענען באמת אויפטון און אויפבויען אידישע קינדער צו זייער הצלחה, און איז אויך א פרנסה קלה ונקיה פאר די אינגעלייט וועלכע גייען דורך די קורסעס מיט הצלחה און זענען גרייט אנצונעמען קינדער פון נרו יאיר.

פלעצער זענען זייער באגרעניצט, מען וועט אננעמען בלויז **16** אינגעלייט, רופט ווי פריער זיך דורכצושמועסן און זען צי איר זענט א פאסיגער קאנדידאט אויף **845-202-2620**, עקסטענשאן **3**.

# New Listings!

## 7 - Room Apartment on Premishlan - Atzei Tmurim



Welcome to a Nice, spacious, well-maintained second floor apartment.
With a private entrance Total of 4 bedrooms / 2.5 bathrooms
Approx. 2100 Sqft + Additional 600 Sqft unfinished basement space
The apartment has 9 ft ceilings - **Asking 979k**
Bright and Spacious / Kitchen-dinette / Dining room / lots of closets / playroom
Large porch / outdoor grounds to play / master walk-in closet, and much more...

**Either looking to buy or sell ?... Always reach out to Estmax... More listings coming soon...**




**107 Jefferson St Highland Mills**




**14 Dinev Rd Unit 101 Monroe**




**20 Academy Ave Chester NY**

**Great news! Attention Home Buyers**
Get in for a transaction with our professionals, and you'll get a free move in cleaning **($1000 value)** Done By one of the famous cleaning companies,
Special Offer Exp 5/30/24

ESTMAX REALTY

Call: 845.395.8122
Email: David@estmaxrealty.com
ESTMAX REALTY LIC# 10311209586

# שריפטן צום וואכנשריפט




טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6
פעקס: 845-501-0246
פּאָסט: POB 113, Monroe ny 10949
אימעיל: Letters@kyweekly.com


## אן אינטערסאנטע סאַניטאַציע סצענע פאַר קינדער...

איך בין געווען מיט מיינע קינדער אין מאנסי ביי מיינע עלטערן ווען פלוצלינג לויפן אלע קינדער צום פענסטער און זיי באטראכטן מיט וואונדער די גארבידזש טראק וואס פארט ארום אפנעמען די מיסט.

איך האב נישט געקענט כאפן וואס זיי זעען דא אזוי אינטערסאנט, ווען איך האב זיך געכאפט אז מיינע קינדער וועלכע וואוינען אין ווילעדזש אוו קרית יואל האבן נאך קיינמאל נישט געזען קיין גארבידזש טראק פאר די אויגן.

די גארבידזש ווערט אפגענומען באישון לילה. אנדערש ווי אין אנדערע געגענטער וואס דאס ווערט געטון אינמיטן טאג. וואס האט א געוואלדיגע מעלה אז עס אפעקטירט גארנישט די טרעפיק. און די ארבעט קען געטון ווערן אסאך שנעלער.

אויב פלאנט איר אויף חוה"מ עפעס אינטערסאנט פאר די קינדער דארפט איר נישט טראכטן פון עפעס גרויס. א פשוט'ע גארבידזש טראק איז זיי גענוג אינטערסאנט.

**אהרן וו.**

*

## מ'קען זעטיגן קינדער מיט הייליגע דערציילונגען פון חז"ל

צו דער רעדאקציע.

מען הערט לעצטנס אסאך אַדווערטייזמענטס פון מתמידים פאַר קינדער, מיט פילע קאמיקס ביכער און אלע סארט געדאנקען צו האלטן די קינדער פארנומען.

מיר ציהט נישט צו געבן פאר די קינדער צו ליינען קאמיקס ביכער, און איך האב נישט די מעגליכקייט צו צאלן אזויפיל געלט פאר מתמידים און נאכדערצו פאר יעדע קינד באזונדער, בין איך אריין אין 'לאודיאו' (קרן שמואל ישעי') אויף מירון דרייוו און זיך אומגעקוקט אויף די ווענט. צו מיין פרייד האָב איך זיך אנגעטראפן מיט די באקאנטע סעריע מעשיות "די נאמען פון די מעשה איז..." ס'האט מיר געקאסט $30 די ערשטע סעריע פון מעשיות דערציילונגען פון חז"ל.

די מעשיות זענען גאר אינטערסאנט, מיט מוזיק אינעם הינטערגרונד און ס'איז מלא תוכן. עפעס וואס מען טרעפט שוין נישט היינט.

די קינדער לערנען זיך אויס מעשיות פון די גמרא, וואָס יעדע מעשה האָט א שטארקע מוסר השכל באַזונדער. דאס האלט אלע קינדער פון קליין ביז גרויס פארנומען אין א צימער פאר א לאנגע צייט! יעדן טאג קען מען הערן צוויי פרישע מעשיות און אויך איבערהערן די ביז יעצטיגע.

אזוי אויך ווען ס'קומט צו ביכער דארף מען נישט נאכטאנצן די נייע שוואכערע קוואלעטי ביכער, מען קען אלעמאל קויפן 'דערציילונגען פון צדיקים' וואס די געשעפטן פארקויפן נאך. און די קינדער זעטיגן זיך אן מיט אמת'ע לויטערע מעשיות גאר אינטערסאנט געשילדערט און געמאָלן, באגלייט מיט פילפארביגע בילדער, וואס אפילו די היינטיגע ליידיגע קאמיקס ביכער קענען זיך נישט פארמעסטן מיט יענע רויבער אין וואלד...

**יואל פּ.**

*

## אַרום די אַטאַקעס פון ווילדע גענז

צו דער רעדאקציע.

אין דעם יעצטיגן סעזאן זעט מען א שפרונג פון אגרעסיווע אנגריפן פון די באקאנטע גענז אויף פארבייגייער. איך האב מיטגעהאלטן עטליכע אזעלכע פעלער, פארלאפענעם שבת נאָכמיטאָג, אין דער גאַרפיעלד/אוהעל אומגעגנט, ווען מען איז אהיים פון ביהמ"ד, און אידן מיט טליתים האבן אריינגעכאפט קלעפ פון די קאטשקעס.

איינער האט מיר געזאגט אז זיי היטן יעצט אויף זייערע נעסטן, וואו עס ליגט אַצינד אייער און זיי זענען פארבייגייער אַלס אַ געפאר פאר זייערע אייער, דעריבער קענען זיי זיך פירן מער אגרעסיוו.

די פשוט'ע עצה טובה איז צו פרובירן שטיין ווייט פון זיי, ווען מ'זעט אַז זיי פירן זיך אויף אנדערש ווי געווענליך.

צום ביישפיל אין דעם יעצטיגן סעזאָן קען מען זען וויאַזוי זיי 'הייבן' זיך און 'לאנדן' זייער נאנט צו מענטשן וואס זיי טוען נישט געווענליך. אויך איז עס אַנדערש ווייל געווענליך, בעפאָר'ן זיך הייבן אין דער לופט, קרייען זיי א לענגערע צייט און הערשט דערנאך הייבן זיי זיך אונטער. די לעצטע וואך זעט מען זיי פלוצלינג זיך הייבן.

איך בין נישט באקאנט פונקטליך וואס די סיבה איז, אבער אזויפיל איז זיכער אז מען וואלט זיי שוין לאנג געמעגט ארויסטראגן פון שטאָט, אויב ס'איז בכלל דא אזא מעגליכקייט.

**י. מאָשקאָוויטש**

*

## שרו של אש בע"כ יענה אמן; אַרומיגע פייערלעשער באַוואונדערן 'מצילי אש'

צו די וואכנשריפט.

עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן צו א פייער באאמטע פון די שכינות'דיגע דעפארטמענטס נאכ'ן זיין אנוועזנד אויפן סצענע ביים פייער אויף דער סטראָפּקאָוו גאס. ווי ער דערציילט האט ער אויפן וועג אהער צום סצענע שוין געזען די פלאַמען, ווען ער איז אריבערגעפארן די סעווענטין, בשעת דאס פייער האט געברענט הארט נעבן די ראוד. ער זאגט אז לויט ווי אזוי ער קען דעם מהלך פון שריפות האט ער געטראכט אז ער וועט אנקומען צו א פאַרניכטעטע געביידע וואָס ליגט אין א הויפן אש.

אבער למעשה ווען ער איז אנגעקומען איז שוין דאָס פייער געווען אין קאנטראל מיט די העלדישע ארבעט פון מצילי אש! זיי האבן באוויזן אין אזא קורצע צייט מיט זייער פלינקע רעספאנד און דורך נעמען פאזיציעס אויף עטליכע פראנטן אראפצוקלאפן די פלאַמען, וואס מען זעט נישט אזא ארבעט ביי סיי וועלכע אנדערע דעפּאַרטמענט!

עס איז געווען ממש אַ קידוש ה' דאס צו הערן פון דעם גוי. איך האב בלויז געקענט צושטימען צו זיינע ווערטער און צוגעלייגט אז די געביידע און פילע משפחות זענען אפגעראטעוועט געווארן אדאנק די הייליגע ארבעט פון מצילי אש וועלכע האבן פארזיכערט אז די צינגען כאפן זיך נישט אריבער צום אנדערן באוואוינטן טייל פון די געביידע וועלכע איז צוריק אריין אין באנוץ נישט לאנג נאכ'ן שריפה. ס'איז קלאָר אַז די געשיכטע וואלט געהאט גאר אן אנדערע ענדע אונטער סיי וועלכע אנדערע דעפּאַרטמענט.

אשריכם ושכרכם הרבה מאוד!

**שמואל ל.**

*

## די ריכטיגע אָנווייזונגען פאר אַ איד וואָס זעט אַ צווייטע קאַר געשטראַנדעט אינמיטן ראָוד

איך האב נאר געוואלט צולייגן צו דאס וואס איז געווען באריכטעט פאריגע וואך ביי די 'לאקאלע נייעס' איבער דעם נייעם אויסגעברייטערטע "מאָוו אָווער" געזעץ וואס איז נאָרוואָס אַריין אין קראַפט.

צווישן די שורות איז געווען נאכגעברענגט די ווערטער פונעם גאָווערנאָר:

"אויב זעהסטו אז אן אויטא האט זיך אפגעשטעלט ביי דער זייט פון דעם שאסיי, פארשטאטער דיין שנעלקייט און רוק דיר אריבער זיי צו געבן מער פלאץ."

דאָס איז וואָס דער גוי זאָגט. אָבער אַ איד זאָגט:

"אויב זעהסטו אַז אַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זייט פון דעם שאָסיי, פארשטאטער דיין שנעלקייט, און שטעל דיך אפּ פרעגן צו זיי דארפן הילף...

**א. איד**



# דירות וואס זענען אי"ה גרייט אריינצומופן, אויף דעם יו"ט פסח!

## 3 Stamar Dr.
**Kiryas Joel**



**Ready to move in! - 6 Room - 1850 sqft**
Second Floor - Private Entrance
**Asking $850,000**

## 39 Central Valley Line
**Woodbury Junction**



**3918 Sq Ft // 11 rooms**
Single Family House
**Asking: $1,399,000**

## 71 Duelk Av.
**South Blooming Grove**




**3226 sq ft + 1420 sq ft in basement**
Semi-Private house
**Asking: $1,299,000**

## 8 Forest Ave
**Town of Monroe**



**3,323 Sq Ft // 9 rooms**
Single Family House **3 Levels**
**Asking $1,100,000**

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

LISTING AGENT
**משה שמחה קויפמאן**
לייסענס# 10311206102
**845.537.0475**

LISTING AGENT
**אליעזר דוד האפפמאן**
לייסענס# 10401304475
**845.662.3574**

**דוד לייב קרויס**
לייסענס# 10401317322
**845.274.3765**

**נפתלי הירצקא זינגער**
לייסענס# 10401300864
**845.728.1429**

**אברהם חיים לעווי**
לייסענס# 10401327281
**845.238.1162**

**אברהם הערש גפן**
לייסענס# 10401378950
**845.837.0943**




די וואָך איז אַ גאַנץ יאָר

# פסח'דיג

רייכע מלכות'דיגע אַרטיקלען

ריין פון יעדן ברעקל חמץ

הונדערט פּראָצענט היימיש

כשר בתכלית הכשרות

# די וואך
# טיילט מעגא אפיקומן מתנות!

סובסקרייבט אייך היינט און באקומט פינף הערליכע נייע שפּאנענדע קאמיקס ביכער! + זיסע מיילער און מלכי סטיקערס פאר די קינדער.



דריי ביכער וועלן אנקומען ערב פסח אי"ה
צווי ביכער וועלן אנקומען ערב יום טוב שבועות הבעל"ט

סעיל גייט אן ביז זונטאג
פרשת קדושים – כ"ז ניסן

צו באקומען די ביכער בעפאר פסח, שרייבט אייך איין בעפאר ז' ניסן

פארפאסט נישט דעם געלעגנהייט, רופט שוין:
718.305.5863 #1 | DeeVoch.com
Subscriptions@DeeVoch.com





אן ענין
אויף
דער
פרשה
במשנתו
של
רבינו:



גליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## אמונה

# ויאמינו בה'

מערכת נחלת רבותינו

דער מדרש זאגט (ילקוט תקכא), זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, ותהיו בעצה אחת, ותהא עבודתכם מיוחדת לפניו, כשם שהוא יחיד בעולמו, דעמאלט וועט מען וויסן כי אני ה' אלקיכם. [לכאורה] וואס איז דער פשט אותו יצה"ר, וואספארא יצה"ר האט מען דעמאלט געמיינט. וואס איז דאס לשון 'אותו' יצה"ר, ער ווייזט אויף אים באצבע 'דעם' יצר הרע.

די גמרא זאגט אין סנהדרין (נו:), שבע מצות זענען נצטווה געווארן די בני נח, פון וואנעט איז געדרונגען, ווייל עס שטייט ויצו, צו איז ע"ז, [וכמ"ש] הלך אחרי צו (הושע ה). קען זיין, משה רבינו האט אנגעזאגט פאר אידן, עטץ וועט'ס דא ברענגען קרבנות, דער עיקר איז מען זאל מקבל זיין אויף אייביג, דער חטא העגל איז א מחשבת ע"ז, עס רירט אן אין די אמונה, אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה שמענום. האט משה רבינו געזאגט צו די קרבנות מוז מען האבן פנימיות, מען זאל אויף זיך מקבל זיין די ציווים.

דאס זעלבע קאן מען זאגן זאת חקת 'התורה', אלעס איז געווענדט אין קבלת התורה, די אלע כוחות אשר 'צוה' ה' לאמר, מען זאל אויף זיך מקבל זיין די אמת'דיגע טהרה, די אמת'דיגע אמונה, דאס איז דער שורש פון אלעם, אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה שמענום, דאס איז די אמונה אין די י"ג עיקרים, ווי דער רמב"ם רעכנט אויס, וואס אהן דעם איז מען קיין יוד נישט, אפילו ווען מען איז [נאר] נישט מאמין איינס פון די י"ג עיקרים, אין די תורה הקדושה, און אין ביאת המשיח, ווי דער רמב"ם רעכנט אויס די י"ג עיקרים.

און דער עיקר איז אשר צוה, חזר'ט ער איבער דעם זה הדבר אשר 'צוה', [אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, דער יצה"ר פון ע"ז, ותהיו בעצה אחת, ותהא עבודתכם מיוחדת לפניו בעיקרי האמונה], עטץ זאלטס עס טוהן מיט א כוונה מכוונת, מען זאל מקבל זיין באמת עס זאל בלייבן א נצחיות, מען זאל אויף זיך מקבל זיין טהרת ישראל, די אמת'דיגע טהרה, מיט די אמונה שלימה.

(ס"ג שמיני-פרה תשכ"ה)

## "צו האבן א פינטעלע אמונה..."

עס דערציילט הרה"ח ר' אהרן יודא שווארץ שליט"א, געוועזענער הויז-בחור ביים רבי'ן זי"ע:

ביי איינע פון די שפאצירן אין בעל-הארבאר, איז ארויפגעקומען דער שמועס איבער די נייעס אז אין רוסלאנד איז יענעם יאר געוואקסן זייער ווייניג ווייץ, און דעריבער זענען די רוסן געווען געצוואונגען זיך צו ווענדן צו דער אמעריקאנער רעגירונג מיט א בקשה אז מען זאל זיי שיקן גרויסע קוואנטומס ווייץ, אויסצומיידן א הונגער אין לאנד.

האט דער רבי רעאגירט: "איך געדענק נאך, ווען אוקראינע (וואס האט דעמאלט באלאנגט צו רוסלאנד) האט געהייסן דער שפייכלער פון אייראפע. וואס אימער מ'האט געדארפט האט מען געקענט האבן אין אוקראינע, וואס דארט איז אלעס געווען, און דא האלט מען שוין ביי דעם, אז רוסלאנד דארף בעטן אביסל ווייץ ביי דער אמעריקאנער רעגירונג.

האב איך זיך אנגערופן, ווענדיג זאגן א פשט דערין, אז מיר טרעפן אז דניאל איז נענש געווארן וויבאלד ער האט צוגערעדט אן עצה פאר נבוכדנצר: "וחטאיך בצדקה פרוק" (דניאל ד') - אז אויב ער וועט געבן צדקה וועט ער ניצול ווערן פון דער גזירה און די עונשים. זעען מיר, אז אפילו פאר די אומות העולם באצאלט דער אויבערשטער ווען זיי טוען צדקה וחסד, און היות די אמעריקאנער רעגירונג איז דאך שטארק באקאנט מיט איר "טשאריטי" און חסד לאומים, איז מעגליך אז צוליב דעם איז דא אזא גרויסע שפע אין אמעריקע, בשעת די רוסישע רעגירונג וואס איז איבערהויפט נישט באקאנט מיט קיין וואוילטעטיגקייטן, איז ביי זיי געווארן אזא מאנגל אין ווייץ.

אן אנדערער וואס האט אויך באגלייט דעם רבי'ן ביי יענעם שפאציר, האט געוואלט מיישב זיין באופן אחר דעם פאקט וואס אין אמעריקע איז דא אזא השפעה, בעת אין רוסלאנד איז פאראן א גרויס ענגשאפט, וויבאלד די רוסישע גויים זענען גרויסע אטאיסטן וואס גלייבן אין גארנישט; דאקעגן, די אמעריקאנער גויים, גלייבן כאטש אזויפיל, אז יש מנהיג לבירה.

דער רבי האט שטיל געשוויגן און אויסגעהערט אונזערע טעמים און הסברים, און דאן רופט ער זיך אן צו אונז: "וואס רעדט איר?! לויט אייך איז דאך א ליכטיגע וועלט, א לעכטיגע וועלט! מ'זעט אלעס אפן, עס איז נישטא קיין הסתרת פנים. אבערליידער איז דאך אזוי פינסטער, אזוי פינסטער! מ'זעט נישט, מ'הערט נישט. צו האבן א פינטעלע אמונה ברויך מען זיך דראפען אויף די גראדע ווענט!" דער רבי האט מיר געדריקט די הענט און געפרעגט: "דו הערסט?! **צו האבן א פינטעלע אמונה דארף מען זיך דראפען אויף די גראדע ווענט".**

איך האב געפרעגט דעם רבי'ן צי די הסתרת פנים גייט אויך אן ביי די אומות העולם? האט דער רבי געענטפערט, אז דאס איז דאך א בפירוש'ער רש"י אין פרשת האזינו (דברים לב, מג), ברענגענדיג דארט א מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי נחמיה, צי די פסוקים פון שירת האזינו גייען ארויף אויף די אידן, אדער אויף די אומות העולם. "ר' יהודה דורש כולה כנגד ישראל, ורבי נחמיה דורש את כולה כנגד העובדי כוכבים". און דארט שטייט דאך (פסוק כ') "ויאמר אסתירה פני מהם אראה מה אחריתם כי דור תהפכת המה בנים לא אמן בם", אז עס וועט הערשן א געוואלדיגע הסתר פנים.

דער רבי האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער אין א זיפצנדיגן טאן: "עס איז דאך אזוי פינסטער, אזוי פינסטער! ווען עס וואלט כאטש ליכטיג געווען ביי די גויים, וואלטן אויך אידן געזען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. עס איז דאך דא אזא שרעקליכע הסתרה. **אויף דער פיצעלע אמונה ברויך מען זיך דראפען אויף די גראדע ווענט".**

(באילנא דחיי ח"א עמ' קל"ו)

## חבלי משיח:
## זיך שטארק אנכאפן אין די שאקלדיגע שטריק בעיקבתא דמשיחא

עס האט דערציילט הרה"ח ר' טובי' לייב צימענט ע"ה פון שיכון סקווירא, וועלכער האט אסאך חוסה געווען בצילא דמהימנותא פון רבי'ן דורכאויס די תקופה וואס דער רבי האט געוואוינט אין ארץ ישראל בשנת תש"ו:

אין די ווינטער חדשים שנת תש"ו איז דער רבי זייער נישט געזונט געווארן ל"ע. מיר אַלע זענען דעמאָלט געווען אין אַ געוואלדיגן פחד און ציטער פונעם רבי'נס געזונט סיטואַציע, זיך געפינענדיג אין אַ קריטישן צושטאַנד. אבער דאָך האָט זיך דער רבי דאַן אָנגעשטרענגט בשארית כוחותיו אָנצוגיין מיט זיין עבודת הקודש מיט מסירות נפש ממש.

מיין חבר, החתן חיים פריעדמאַן ז"ל זון פונעם ראַחוב'ער רב זצ"ל (ער האט אין יענער תקופה געלערנט אין דער ישיבה פון הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל אין ירושלים. ער איז ליידער טראַגיש אַוועקגעריסן געוואָרן עטליכע וואָכן פאַר עס האט געזאָלט פאָרקומען זיין חתונה ה"י), פלעגט לערנען יעדע נאַכט אינאיינעם מיט'ן רבי'ן שולחן ערוך אורח חיים. ס'איז געווען אַ קביעות אַז אַרום צען אַזייגער פלעגט ער קומען צום רבי'ן אין שטוב און געלערנט מיט'ן רבי'ן עטליכע שעות אין אַ צי ביז אַרום צוויי דריי אַזייגער ביינאַכט. אויך אין דער צייט וואָס דער רבי איז נישט געזונט געווען און איז געלעגן אין בעט ממש מאַכטלאָז פלעגט מיין חבר קומען צום רבי'ן אין שטוב אין זיין קביעות'דיגע צייט, און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן רבי'נס בעט און ער האָט פאָרגעזאָגט פאַר'ן רבי'ן און אַזוי האָט דער רבי מיטגעהאַלטן מיט אים ווייטער די לימודים.

האָט מיר דערציילט מיין חבר חיים ע"ה, אַז איינמאָל ווען ער האָט געהאַלטן אינמיטן פאָרזאָגן פאַר'ן רבי'ן, האָט זיך דער רבי שטאַרק צופייערט, ער איז אַריין אין אַ געוואַלדיגע קאָכעניש, ער האָט אים אָנגעכאַפּט זיינע ערמל און אים געשאָקלט זיינעביידע הענט און האָט אויסגעשריגן צו אים מיט אַ הויכע שטימע: **"דער עיקר איז, זיך צו האַלטן שטאַרק ביי די אמונה, ווייל דאָס איז היינט דער גרעסטער נסיון און מ'מוז זיך מתחזק זיין אין דעם"...**

דער רבי האָט אים דערביי נאָכגעזאָגט וואָס עס ווערט געברענגט פון צדיקים אַז **"בעיקבתא דמשיחא וועט זיך ציען צוויי לאַנגע שטריק פון הימל ביז צום ערד און מ'וועט פון אויבן שטאַרק שאָקלען די צוויי שטריק, אַזוי אַז ס'וועט אויסזען אַז מ'וויל ח"ו אַז מ'זאָל פאַלן פון די אמונה, און נאָר אַז מ'וועט זיך פעסט אָנהאַלטן מיט אַלע כוחות צו די שטריק וועט מען קענען בלייבן ביי די אמונה טהורה".**

(קונטרס נקיי הדעת שבירושלים ח"ב)

## ראש דברך אמת:
# אמונה איז די ערשטע זאך פון א איד

עס האט דערציילט הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל מנהל בית רחל ד'סאטמאר:

דער רבי האט מיר עטליכע מאל באטאנט זיין שטרעבונג, אז ער וויל מ'זאל אנהייבן אליין צו פארפאסן אייגענע ספרים, געווידמעט פאר די "בית רחל" תלמידות און איך האב ב"ה זוכה געווען צו ממלא זיין רצון קדשו, ווען דער רבי זעלבסט האט ארייגעלייגט דערין אסאך מי און פלאג מיט'ן דאס באגלייטן.

דאס ערשטע האט מיר דער רבי אנגעוויזן איך זאל אנהייבן צו שרייבן דעם ספר "כולל ענינים" בעניני מדות טובות. איך האב שוין אנגעהויבן מיט דער ארבעט, אבער אינמיטן די ארבעט האב איך באקומען א הוראה פון רבי'ן צו מפסיק זיין דערמיט, און אנהייבן צו שרייבן דעם ספר "אני מאמין", די י"ג עקרים מיט אידיש-טייטש. דער רבי האט מיר דעמאלט געזאגט: **"אמונה איז די ערשטע זאך פון א איד, עס קומט פאר אלעס!"** דער רבי האט מיר געזאגט, אז ווען מ'וועט פארטיג ווערן מיט'ן ספר 'אני מאמין' זאל איך ווייטער פארזעצן מיט'ן 'כולל ענינים'.

פקודתו שמרה נפשי, און איך האב זיך באלד ארייגעלייגט אין דער ארבעט פון אפשרייבן דעם ספר 'אני מאמין', לויט די הוראות וואס דער רבי האט מיר אנגעוויזן. ווען איך האב געענדיגט מיין ארבעט האב איך עס איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן איבערצוגיין, דער רבי האט צוגעלייגט און מגיה געווען מיט א געוואלדיגע כובד ראש. ווען דער ספר איז ענדליך ארויסגעקומען לאור עולם האב איך דאס ארייגעברענגט צום רבי'ן, דער רבי האט שטארק הנאה געהאט צו זען די ערצייגטע ווערק.

דער רבי האט מיר דאן געזאגט, אז דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט 'אני מאמין' דריי מאל א טאג, און האט צוגעלייגט: "דער דברי חיים איז דאך געווען א מוח עצום, מענטשן האבן באוואונדערט ווי אזוי קען א מוח אזויפיל דערהייבן, פונדעסטוועגן האט ער געזאגט דריי מאל א טאג דעם אני מאמין". האט דער רבי פארענדיגט: "איך פאדער נישט אז די קינדער זאלן זאגן 'אני מאמין' דריי מאל אין טאג; אבער כאטש איין מאל א טאג מוזן די קינדער זאגן אני מאמין. דאס איז לגבי 'זאגן' אני מאמין, אבער 'לערנען' דעם ספר אני מאמין, דאס זאל מען יעדעס יאר נאכאמאל..."

(באילנא דחיי ח"ד עמ' רמ"ה)

# "גלייבן אז דער באשעפער איז דער גרעסטער בעל רחמנות"

עס האט דערציילט הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק: איך געדענק ווען איינמאל איז געקומען א אידענע צום רבי'ן און זיך מזכיר געווען אויף א געוויסע צרה אין די משפחה. זי האט זייער געוויינט און פארפירט פאר א ישועה, און בתוך הדברים האט זי זיך אויסגעדרוקט צום רבי'ן, אז די מאמע פונעם חולה וועט דאך דאס נישט אויסהאלטן.

ווי נאר דער רבי האט געהערט די ווערטער, האט דער רבי איר איבערגעהאקט: "ווי קאן א אידיש קינד זאגן אזוינע ווערטער?! דאס איז דאך א פגם אין אמונה. מיר גלייבן דאך אז דער אייבערשטער איז דער גרעסטער בעל רחמנות וואס איז נאר פארהאנען".

(עזר בקודש עמ' ש"א)

# דיבורי אמונה והתחזקות ביים ערשטן תקיעת שופר דרשה נאך דער ביטערער קריג






# בית הוראה

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו

## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

**הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

**הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

**הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

**הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א**
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

**הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

**הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א**
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

**הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

**הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

**הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

**הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

**הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

**הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

**הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נומ. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר
עם הדיינים על ההוראה ליין #5 845-783-0546

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

24 שעה על ההוראה ליין:

845.783.0546


דעם ערשטן ימים נוראים, שנת תש"ו, נאך דעם ביטערן חורבן האט דער רבי ספעציעל מאריך געווען ביי זיינע דרשות פול מיט דברי חיזוק ואמונה צו איינפלאנצן אמונת אומן אינעם מקור הטוב און איינפלאנצן... אוועקטרייבן יעדע מחשבה והרהור אויף די הנהגת הבורא ב"ה.

עס האט דערציילט איבערדעם הגה"צ רבי אלימלך אשכנזי זצ"ל גאב"ד מעלבורין:

דורכאויס די פארכטיגע טעג פון ראש השנה האט דער רבי אראפגעלייגט אן אויסטערלישע עבודה. דער רבי איז נאך דעמאלט געווען אינגאנצן שבור ורצוץ פון די צרות הכלל והפרט, און פון די שווערע מיטמאכענישן דורכאויס די מלחמה-צייטן, וואו ער האט פארלוירן טויזנטער באליבטע תלמידים וחסידים. דער רבי האט דאן געזאגט פאר זיינע מקורבים, אז דאס יאר וועט ער נישט האלטן קיין תקיעת שופר דרשה, צולייגנדיג אז ער האט א טעם כמוס דערביי.

דער עולם האט מיר געבעטן אז איך זאל פועל'ן ביים רבי'ן, ער זאל יא מסכים זיין צו זאגן א תקיעת שופר דרשה. ווען דער רבי איז אריבערגעקומען צו מיר אינדערהיים נאך תפילת שחרית, זיך צוגרייטן צו די תקיעות, בין איך צוגעגאנגען צום רבי'ן און געבעטן: אזויפיל אידן ווארטן אז דער רבי זאל זאגן פאר זיי אפאר ווערטער, זיי לעכצן נאך אביסל דיבורי אמונה והתחזקות. די אידן זענען דאך שבור ורצוץ פון די ביטערע מאורעות, אסאך אידן זענען נארוואס צוריק געקומען פון די לאגערן, און זיי גייען אויס ווידער צו הערן דעם רבי'נס פייערדיגע תקיעת שופר דרשה, וואס וועט זיכער אריינבלאזן אין זיי א טל של תחיה און א נייעם גייסט פון האפענונג. דערצו זענען דא אסאך די ירושלים'ער אידן וואס האבן שטענדיג געהערט וועגן די דרשות התעוררות פונעם רבי'ן אין די הייליגע טעג, א זאך וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט זוכה געווען מיטצוהאלטן, און אויב דער רבי וועט נישט זאגן די תקיעת שופר דרשה, וועלן זיי זיין זייער אנטוישט און פארוויטאגט.

נאך לאנגע הפצרות, האט דער רבי צוגעשטימט צו מיין בקשה, און האט באוויליגט צו האלטן א תקיעת שופר דרשה.

אריינקומענדיג אין ביהמ"ד איז דער רבי ארויפגעגאנגען צום ארון הקודש, און האט אנגעהויבן צו זאגן די תקיעת-שופר-דרשה וואס האט צוטרייסלט יעדן צוהערער. ס'איז געווען א פחד בלויז צו קוקן אויפ'ן רבי'נס צורה. דער רבי האט בתוך הדברים געזאגט אן התעוררות'דיגן געדאנק, איבער דעם ביטערן מצב אין וואס אידן האבן זיך געפונען אין יענער תקופה.

דער רבי האט זיך געשטעלט אויף דעם שינוי הלשונות אינעם פסוק: "למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם". אין תהלים (עט) שטייט: "למה יאמרו הגוים", ה'גוים מיט א ה"א, וואס דער טייטש דערפון איז: "פארוואס האבן מיר דערגרייכט צו אזא שפלות'דיגן מצב, אזא הסתרת פנים, אז די גוים, די אומות העולם פרעגן אונז אידן, איה נא אלקיהם?! - וואו איז כביכול אייער גאט?!" ווידער טרעפן מיר אין יואל (ב, יז) ווי מיר זאגן ביי תחנון מאנטאג און דאנערשטאג, דעם נוסח "למה יאמרו בעמים איה אלקיהם", - ב'עמים מיט א בי"ת, וואס דער טייטש דערפון איז, אז די פעלקער צווישן זיך אליין זאגן "איה נא אלקיהם". לכאורה וואס איז דער אונטערשייד צווישן די צוויי נוסחאות?.

נאר ס'קען אפשר זיין - האט דער רבי אנגעהויבן מיט א שטיקנדער קול פון געוויין - דוד המלך ע"ה, ווען ער האט געשריבן דעם קאפיטל אין תהלים: 'למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם', האט ער גערעדט ווען אידן האבן אנגעהויבן צו גיין אין גלות, דעמאלט איז געווארן א גרויסער הסתרת פנים; עס איז ליידער פארדעקט געווארן דער געוואלדיגער גילוי השכינה וואס האט געהערשט ביז דעמאלט ווען ס'איז געווען קלאר פאר אלע אומות העולם אז דער באשעפער היט די אידן אויף טריט און שריט. און אויף דעם באקלאגט זיך דוד המלך: "למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם", די כוונה איז טאקע אויף די גוים - די אומות העולם, וואס פרעגן צו אונז אידן - וואו איז דער באשעפער? וואו געפינט זיך דער באשעפער וועלכער האט אייך ביז יעצט געהיטן?

אבער יארן שפעטער ווען די אידן זענען שוין געווען טיף, טיף אין גלות, זיי זענען שוין געווען אויסגעמישט צווישן די אומות העולם, 'ויתערבו בגוים', און ליידנדיג פון די פיין און דרוק פונעם גלות בין העמים, האבן ליידער די אידן פארלוירן זייער אמונה טהורה אין באשעפער, די צרות האבן גורם געווען אז מ'זאל ר"ל פארגעסן דעם אייבערשטן. איבער דעם האט ער געקלאגט און געוויינט: 'למה יאמרו בעמים' - דאס מיינט די אידן, אחינו בני ישראל, וועלכע זענען אויסגעמישט בין העמים און געפינען זיך אין גלות צווישן די פעלקער, און צוליב די צרות און פיין וואס זיי גייען אריבער, ווערן זיי אויך מיטגעשלעפט און פרעגן זיך אליין: 'איה אלקיהם'. די ביטערע צרות האבן גורם געווען, אז די אידן אליין פרעגן צווישן זיך וואו איז דער באשעפער, רחמנא ליצלן. דעריבער - האט דער רבי אויסגעפירט - פאסט זייער גוט דער לשון: למה יאמרו 'בעמים', וויבאלד די כוונה איז נישט אויף די גוים, נאר אויף די אידן אליין וואס זייענדיג צווישן די עמים, פרעגן זיי אליין 'איה אלקיהם'.

דאן האט דער רבי אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין און אויסגעשריגן: "הייליגער באשעפער! השקיפה ממעון קדשך מן השמים, קוק אראפ פון אויבן און זע וואס ס'גייט דא פאר אויף דעם עולם השפל. וויפיל אידן מאחינו בני ישראל זענען ליידער צוגעקומען צו א מצב, וואס האבן אין די לעצטע שווערע תקופה געפרעגט זיך אליינס "איה אלקיהם", אוי ווי, נעבעך צובראכענע אידן וועלכע האבן מיטגעמאכט אזעלכע ביטערע צרות אשר לא היתה מאז היתה ישראל לגוי! אידיש בלוט איז פארגאסן געווארן ווי וואסער. ס'איז ליידער פארשניטן געווארן גאנצע משפחות בישראל. גאנצע קהילות קדושות בישראל. גאנצע שטעט, וועלכע זענען אומגעקומען מיט די ערגסטע מיתות משונות דורך די אומות העולם. אידן זענען געבליבן אליין, אן טאטע און מאמע, אן די ברודער און געשוויסטער, אן די פרוי מיט די קינדער, מ'איז געבליבן בלויז 'אחד מעיר ושנים ממשפחה'. און ליידער אזוי איז נחלש געווארן די ריינע אמונה און בטחון פון אזויפיל אידישע קינדער, 'למה יאמרו בעמים', פארוואס זענען מיר צוגעקומען צו אזא מצב אז 'יאמרו בעמים', די אידן וועלכע געפינען זיך אונטער די עמים, זאגן נעבעך 'איה אלקיהם'".

דער רבי האט געשריגן מיט בכיות און יללות: "דער חילול שם שמים איז דאך זייער גרויס! דער חורבן וואס איז געשען האט פאראורזאכט אזא גרויסער חילול ה', אז אפילו די אידן צווישן זיך פרעגן רח"ל איה אלקיהם".

(באילנא דחיי ח"ד עמ' ע"ה)

## אמת ואמונה חוק ולא יעבר

עס האט דערציילט הרה"צ רבי יחזקאל שרגא וואגשאהל זצ"ל מלאנצהוט:

ביום שמחת תורה תש"ט האט דער רבי כדרכו בקודש געזאגט "תורה" צווישן די הקפות. איך געדענק א טייער ווארט וואס דער רבי האט דעמאלט געטייטשט ביי דער תורה פון דער צווייטער הקפה אויף די ווערטער "אמת ואמונה חק ולא יעבור", אז 'אמת' גייט ארויף אויף די צדיקים וואס דינען דעם באשעפער און זענען מייחד שמו יתברך מיט אן אמת. 'אמת' מיינט א זאך וואס מ'זעט בחוש אז עס איז ריכטיג. אין דעם היינטיגן שפלות'דיגן דור, ווען מיר האבן נישט זוכה געווען צו דער מדת האמת, מוז מען אבער האבן 'אמונה' פשוטה אין דעם אמת און די צדיקי אמת, און דאן איז מען אויך בגדר "חק ולא יעבור", וואס בלייבט א נצחיות לדורות עולם.

(באילנא דחיי ח"ו עמ' צ"ב)

## "א כפרה זאלן מיר ווערן, אבער מיט די אמונה וועלן מיר בלייבן!"

חול המועד פסח שנת תשי"ד, בשעת דער רבי האט געפראוועט דעם שלחן הטהור "סעודת אסתר" איז פארגעקומען די באקאנטע געשעעניש צווישן רבי'ן מיט הגאון ר' יונתן שטייף זצ"ל ביי וועלכן דער רבי האט אים מעורר געווען איבער דעם וואס די אגודת ישראל האט געזאלט אפרעכטן אן אסיפה אין וויענער ביהמ"ד אין וויליאמסבורג אין בעפארברייטונג צום כנסי' הגדולה.

בתוך הדברים האט זיך דער רבי אנגערופן מיט א קאך: "איך ווייס נישט צו איך האב דריי אירע מיט מיר, א כפרה זאלן מיר ווערן, אבער מיט די אמונה וועלן מיר בלייבן!". דער רבי האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער עטליכע מאל: **"א כפרה זאלן מיר ווערן, אבער מיט די אמונה וועלן מיר בלייבן!"** (מפי הרה"צ ר' משה גראס זצ"ל משארמאש, והרה"ח ר' ישעי' ראטה ז"ל).

ממש דעם זעלבן לשון האט דער רבי זיך נאכאמאל ארויסגעכאפט מפה קדשו מיט עטליכע יאר פריער, געווען איז עס ביים טיש אחרון של פסח, שנת תש"ט, ווען דער קיוויאשדער רב הגה"צ רבי אלעזר שפירא זצ"ל וועלכער איז אנוועזנד געווען ביים טיש האט דאן דערציילט פאר'ן רבי'ן, אז די מועצת גדולי התורה פון דער "אגודה" אין אמעריקע האט ארויסגעגעבן א קול קורא אז אלע פליטים וועלכע געפינען זיך צושפרייט אין די די.פי. לאגערן איבער אייראפע זאלן אלע פארן קיין ארץ ישראל און בלויז דארט ווען זיי געפינען א דאך איבער'ן קאפ, און מען וועט זיי אויפנעמען מיט ביידע הענט.

דארט אינעם קול קורא האבן זיי געשריבן אז די אידן זאלן נישט פארן קיין אויסטראליע, אדער קיין אורוגוואי, לענדער וואו מ'איז נישט פארזיכערט קעגן אנטיסעמיטיזם מיט שנאת ישראל, און האבן דערביי געראטן אז מ'זאל פארן דירעקט קיין ארץ ישראל.

הערנדיג די ווערטער האט זיך דער רבי אנגערופן צום קיוויאשדער רב מיט אן אש קודש: "זיי זענען פשוט'ע רוצחים, מפקיר דמם של ישראל! ווי אזוי קען מען טרויען צו פראפאגאנדירן און ראטן דעם כלל ישראל צו פארן קיין ארץ ישראל?".

דער רבי האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער מיט א קאך: "זיי זענען מפקיר דמם של ישראל". דאן האט דער רבי אויך גענוצט דעם אויבן-דערמאנטן לשון: "א כפרה זאלן מיר ווערן, אבער מיט די אמונה וועלן מיר בלייבן".

ווען דער רבי האט נאכגעזאגט די ווערטער האט ער עס געזאגט מיט אזא קאך, האט דער רבי געקלאפט מיט'ן לעפל אויפ'ן טיש, אזוי ווייט אז די רביצין איז שנעל געקומען צו לויפן, צו הערן וואס גייט פאר. (מפי הרה"צ רבי משה גראס זצ"ל משארמאש)

ענליכס האט דערציילט הרה"ח ר' בערל יאקאבאוויטש ז"ל וועלכער האט מיטגעהאלטן יענעם שלחן הטהור אז דער רבי האט דעמאלט געזאגט: כהיום איז אפשר פארהאנען אין אמעריקא דריי הונדערט משפחות שומרי תורה ומצוות וואס היטן שבת, כשרות, און טהרת המשפחה, אבער ווער ווייס וויפיל פון די זענען גאנץ מיט זייער אמונה... און דער רבי האט צוגעגעבן דערויף מורא'דיגע דיבורים זיך אויסדריקנדיג: **זאל איך זיין א כפרה פאר כלל ישראל אבי עס זאל בלייבן ערליכע אידן מיט א אמת'ע אמונה אין אייבערשטן.**

## וצדיק באמונתו יחיה: "אמונה האב איך ברוך ה'"

עס האט דערציילט הרה"ח ר' משה האנדלער ז"ל:

פורים תש"ח כטוב לב המלך ביין האט דער רבי געזאגט מורא'דיגע דיבורים, בזה"ל: "געלויבט דער אויבערשטן, אז איך האב אמונה אין אים. איך ריר זיך נישט קיין זיז כל שהוא פון דער תורה הק'. אמונה האב איך, ברוך ה'! און עטס מיינט, אז אמונה איז א קלייניגקייט?! אמונה איז גאר א גרויסע זאך". דער רבי האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער הויך אויפ'ן קול, אז דער גאנצער עולם האט עס געהערט: **"אמונה איז גאר, גאר א גרויסע זאך. און דאס האב איך, ברוך ה'"** – האט דער רבי צוגעענדיגט.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תק"ג)

אן אנדערער יאר פורים, שנת תשי"ט, האט דער רבי זעלבסט עדות געזאגט כטוב לב המלך ביין ביי די סעודת משתה היין, ווען ער האט זיך ארויסגעכאפט בלשה"ק: "איך ווייס מיין נידריגקייט. אזויפיל נחמה האב איך, איך האף **אזויפיל אז איך ברענג אריין אין אידן אז זיי זאלן האבן אמונה אין השי"ת. דאס אליין טרייסט מיך, דער כח האמונה איז מער פון אלעם".**

## "נישט געטראפן אין דעם דור אזא ריינע אמונה ווי דעם סאטמארער רב"

הגאון הגדול ר' אהרן קאָטלער זצ"ל האט אמאל אָנגערופן הגאון ר' אברהם קאַלמענאָוויטש זצ"ל דער מירער ראש ישיבה און האָט אים געפרעגט וואָס איז זיין חוות דעת צי מ'מעג נעמען דאָס געלט פון די דייטשן ימ"ש וואָס זיי האָבן דעמאָלט געגעבן פאַר די אידן וואָס האָבן נעבעך מיטגעמאַכט אין די מלחמה יאָרן.

אויפ'ן אָרט האָט הג"ר אברהם קאַלמענאָוויטש זצ"ל געענטפערט פאַר רבי אהרן קאָטלער זצ"ל: "לאָמיר גיין פרעגן דעם סאַטמאַרער רב וואָס ער האַלט וועגן דעם...". הערנדיג דאָס האָט רבי אהרן קאָטלער זצ"ל זיך געוואונדערט און האָט אים געזאָגט: איך האָב דאָך אייך אָנגערופן ווייל איך וויל הערן אייער חוות דעת. האָט זיך הג"ר אברהם זצ"ל אָנגערופן צו רבי אהרן זצ"ל: "איך בין דאָך אַ תלמיד פון חפץ חיים זצ"ל, און אַזוי פיל קען איך אייך זאָגן, אַז זייט מיין רבי'ן דער חפץ חיים האָב איך נאָכנישט געטראָפן נאָך אַ איד אין דעם דור וואָס זאָל האָבן אַזאַ ריינע אמונה אַזוי ווי דער סאַטמאַרער רב".

הג"ר אהרן זצ"ל איז ערשטוינט געוואָרן צו הערן אַזעלכע ווערטער פונעם מירער ראש ישיבה, און האָט זיך אָנגערופן מיט באַגייסטערונג: זאָגט דאָס איבער נאָכאַמאָל. (ווי איינער וואָס זאָגט, איך וויל הערן צי דו זאָגסט דאָס מיט אַן ערנסטקייט, און נישט אַלס אַ גוזמא בעלמא). האָט זיך דער מירער ראש ישיבה ווידעראַמאָל אָנגערופן מיט אַן אַנטשלאָסנקייט: "אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, זייט מיין רבי'ן דער חפץ חיים האָב איך נאָכנישט געטראָפן נאָך אַ איד אין דעם דור וואָס זאָל האָבן אַזאַ ריינע אמונה ווי דער סאַטמאַרער רב".

הג"ר אהרן זצ"ל האָט ווי פאַרשטענדליך באַלד צוגעשטימט אַז מ'זאָל פאַרלייגן די שאלה אויסשליסליך פאַר'ן רבי'ן זי"ע.

(קונטרס נקיי הדעת שבירושלים ח"ג)

## קולו זימר עריצים: ארייגעשיינט אמונה מיט'ן לייענען אין דער תורה

עס דערציילט כ"ק הגה"צ רבי משה וואלפסאן שליט"א רב דקהל אמונת ישראל:

איך געדענק, איך בין געווען א בחור, א יונגערמאן, האב איך געהאלטן אז ס'איז א


חלה טייג צום פארברענען

$3.00 א פונט

מיר קומען עס אויפפיקן

845-537-1100

Price Reduction

For sale by owner

4 Beds – 2 Baths

1,488 sqft - 1.5 Acres

888 Silver Lake Scotchtown Road, Middletown, NY 10941

Available immediately



Please contact

845-344-7006

גרויסע ענין, אזויווי אלע האבן געהאלטן, ס'איז א גרויסע ענין צו הערן תורה פון זיין מויל, איך קען דאך נישט אלעמאל גיין, ער פלעגט זיין דער בעל קורא, איז איך האב נישט געקענט אלעמאל גיין, ווייל ער פלעגט האלטן עפעס זייער מאדנע שטונדן, ס'האט געקענט אמאל זיין אז צוויי אזייגער בייטאג שבת האט ער דעמאלט געליינט די קריאת התורה, און אויך אן א סדר, ער פלעגט אמאל קענען אריינקומען אמאל ניין אזייגער צום דאווענען, אמאל עלעוו אזייגער צום דאווענען, אמאל איינס אזייגער צום דאווענען. ביי אים נישט געווען קיין סדר. האב איך אבער געוואלט הערן זיין קריאת התורה, האב איך געהאט אן עצה, אז אזויווי ס'שטייט אין ספרים, אז בראשית איז כולל די גאנצע תורה, די ערשטע פסוק אין בראשית איז כולל די גאנץ בראשית, די ערשטעווארט איז כולל דעם גאנצן פסוק, און די בי"ת איז כולל אלץ, פלעג איך מאכן זיכער אז איך מוז אים הערן ליינען בראשית.

האב איך דאס געקענט הערן אדער שמחת תורה, אדער שבת בראשית. **איך וועל אייך זאגן רבותי, ווען ער האט געליינט די פסוק "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", ס'איז געווען מיין געפיל, און דאס קען גארנישט זיין אנדערש, אז יעדער איד אין גאנצן בית מדרש האט אויך אזוי געפילט, און נישט נאר יעדער איד, נאר די ווענט האבן געפילט, די מענער, די פרויען, די קינדער, די ווענט, האבן געשפירט אז "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אז דער אייבערשטער האט באשאפן דער וועלט!. און אזוי האט ער אריינגעגעבן אמונה אין די וואס האבן זיך צוגעהערט צו אים.**

צו הערן אים ליינען די "עשרת הדברות", דעמאלט איז נישט געווען אזויווי היינט א דור יתום, דעמאלט האבן זיך ארומגעדרייט גדולי ארץ אויף דער וועלט. וויליאמסבורג איז דעמאלט געווען ממש א קיבוץ פון גדולים און קדושים און טהורים, וואס דאכט זיך אז פון 'צפת' איז נאך אזוינס נישט געווען לויט'ן ערך פונעם דור. גערעדנק איך גרויסע מענטשן פלעגן זיך שטופן צווישן עולם אין דעם געפאקטן בית מדרש צווישן די טויזנטער אידן. איך געדענק רבי יונתן שטייף זכרונו לברכה, **ער איז געווען א איד אכציג יאר אלט, האט ער זיך געשטופט צווישן עולם,** און קיינער האט זיך פשוט נישט אומגעקוקט אויף אים, ער האט אים געוואלט הערן ליינען די עשרת הדברות. רבי יונתן שטייף איז געווען דער רב פון דער וויענער שול, איז פארשטייט זיך אז דארטן האט מען געדאוונט אכט דרייסיג פונקטליך, און מ'האט שוין געהאט אפגעדאוונט, און ער האט שוין געהאט אפגעגעסן, און אפשר האט ער זיך עפעס אפגערוט נאכ'ן עסן, און ער איז געקומען און געשטופט און געווארט, אדער פינף מינוט ווארטן, אדער צוויי שטונדע ווארטן, הערן די עשרות הדברות, ווייל דעמאלט הערט מען די תורה בקולות וברקים.

**און ווען דער סאטמארער רב זכרונו לברכה האט געזאגט "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים", איך בין זיכער אז ס'איז נישט געווען קיין איין איד אין בית מדרש וואס איז נישט אויסגעהיילט געווארן פון ספיקות אין אמונה אויב ער האט לא עלינו אויף דעם געליטן, מ'האט געשפירט אז דער אייבערשטער האט באשאפן דער וועלט, "אנכי ה' אלקיך". דאס איז געווען די כח פון דיבורים פון א צדיק, וואס דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב.**

**...רבותי! דאס וואס מיר גלייבן היינט אין די י"ג עיקרים, דאס וואס מיר זאגן היינט "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח", איז דאס צוליב דער סאטמארער רב!**

**... און ווען נישט דער סאטמארער רב, וואלטן מיר עד היום הזה קיינער נישט געגלייבט אין משיח. ער האט געשריגן, און ער האט אונז געהאלטן ביי די אמונה!.**

## אמת ליעק"ב – מאיר"ת עינים

כ"ק הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א דערציילט אין זיינע זכרונות (געדרוקט אנהייב ספר באילנא דחיי ח"ב) איבער דעם רבי'נס השקפה און הייליגן בליק איבער דער מצב האמונה בעקבתא דמשיחא. ווי פאלגענד:

דער סאטמארער רב זי"ע, סיי אין "ויואל משה", און סיי אין "על הגאולה ועל התמורה" ברענגט אראפ פון "שיחות הר"ן" אז בעיקבתא דמשיחא וועט אראפקומען אויף דער וועלט א גרויסער רוח פון אפיקורסות, און ער שרייבט **"אשרי מי שיחזיק עצמו באמונה בעתים הללו"**, וואויל איז צו דעם וואס וועט זיך האלטן פעסט ביי דער אמונה אין די שווערע צייטן!.

רבי נחמן זי"ע שרייבט ווייטער: כאטש איך ווייס אז עס וועט נישט קיין סאך העלפן דאס וואס איך שרייב פון פאראויס, ווי אזוי דער מצב וועט אויסקוקן, ווייל מיט-דעם-אלעם וועט ליידער זיין א התגברות פון אפיקורסות און א בלבול המוחות - ווייל אויך דניאל און אנדערע נביאים האבן שוין נביאות געזאגט אז פאר משיח וועט קומען וועלן זיין געוואלדיגע נסיונות אין אמונה, און וויבאלד זיי האבן אונז שוין מודיע געווען פון פאראויס אז דאס וועט זיין דער נסיון פאר ביאת המשיח, וואלט דאך יעדער איינער געדארפט זיין קלוג און אכטונג געבן אויף זיך צו בלייבן פעסט מיט דער אמונה, און דעמאלט וואלט שוין ניטאמאל געדארפט זיין קיין נסיון אין דעם, אבער פונדעסטוועגן וועלן יא זיין גרויסע נסיונות אין אמונה, און זייער אסאך וועלן נישט קענען עומד בנסיון זיין - פונדעסטוועגן בין איך דאס מודיע פון פאראויס, צוליב דעם ביסל ערליכע אידן וואס וועלן זיך מחזק מיט דער אמונה, און זיי וועלן אוודאי האבן גרויסע מלחמות ביי זיך אליין איבער דעם, און אז זיי וועלן זען אז מ'האט שוין געשריבן פון פאראויס אז פונקט אזוי וועט אויסקוקן דער מצב פאר ביאת המשיח וועלן זיי האבן דערפון א גרויס התחזקות זיך צו מתגבר זיין אויף די נסיונות און זיך האלטן ביי די אמונה טהורה.

דער סאטמארער רב זי"ע שטעלט דארט צו נאך א שטיקל וואס ווערט געברענגט אין "שיחות הר"ן", אז פאר משיח וועט קומען וועט אראפקומען אויף דער וועלט א גרויסער מבול פון אפיקורסות אויסצופרואוון די אידן, און רבי נחמן זי"ע האט געקרעכצט און געזאגט: "אוי! ווי אזוי וועט דאס ביסל אידן קענען עומד בנסיון זיין קעגן דער גאנצער וועלט?!"

אין "ויואל משה" ברענגט אויך דער סאטמארער רב זי"ע א משל וואס רבי נחמן זי"ע האט געזאגט אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענין: א קייסער האט זיך ארויסגעלאזט אין די וועלדער צו פאנגען חיות אין באגלייטונג פון זיינע שרים. פלוצלינג האט זיך אראפגעלאזט גאר א גרויסער שלאקס-רעגן, כמעט ווי א מבול, און אלע שרים און באדינער פונעם קייסער זענען געלאפן זוכן שוץ פונעם שווערן רעגן. נאר דער קייסער אליין איז איבערגעבליבן און האט זיך געפונען אין א גרויסער סכנה, ביז ער האט געטראפן א שטוב פון א דארפסמאן וואס האט זיך דערבארעמט אויף אים. ער האט אריינגענומען דעם קייסער צו זיך, אים דערווארימט, אנגעקליידעט, און געגעבן צו עסן פון זיינע פשוט'ע דארפישע מאכלים.

אינדערצווישן האבן די שרים אויפגעזוכט דעם קייסער, ביז זיי האבן אים געטראפן ביים דארפסמאן אין שטוב. זיי האבן אים געוואלט אהיימטראגן, אבער דער קייסער האט געזאגט: "וויבאלד איר האט מיך נישט געראטעוועט, נאר איר זענט אנטלאפן וועלנדיג זיך אליין ראטעווען, און נאר דער דארפסמאן האט זיך אויף מיר דערבארעמט און מיך אזוי מחיה געווען, דערפאר וויל איך אהיימפארן מיט זיין וואגן און מיט די מלבושים וואס ער האט מיר אנגעקליידעט, און ער וועט מיך צוריק ארויפזעצן אויף מיין כסא מלוכה".

דאס זעלבע וועט זיין בעיקבתא דמשיחא. עס וועט אראפקומען א שווערער מבול אויף דער וועלט; נישט קיין מבול פון וואסער, נאר א מבול פון אפיקורסות, "מ'וועט שיסן מיט אפיקורסות", און דאס וועט אריינדרינגען אפילו אין די כשר'ע הערצער, און אפילו די שרי המלוכה, די מקורבים למלכות, וועלן זיך נישט קענען האלטן און וועלן איבערלאזן דעם מלך, און **נאר די פשוט'ע אידן,** די "תהלים-**זאגערס" וואס וועלן זיך האלטן מיט אמונה פשוטה, זיי וועלן בלייבן נאענט צום קייסער, און די גאנצע מלוכה וועט זיך דערהאלטן נאר דורך די אידן, און ווען משיח וועט קומען וועלן אט-די אידן איבערגעבן די קרוין פאר'ן מלך המשיח.**

איך האב געהערט דערציילן, אז ווען דער סאטמארער רב זי"ע האט געשריבן דעם הייליגן ספר "ויואל משה" האט ער זייער שטארק געוואלט אריינשטעלן די דערמאנטע ווערטער פון רבי נחמן זי"ע וואס ער האט שוין געהאט געזען מיט יארן צוריק.

וויבאלד ער האט דעמאלט נישט געהאט ביי זיך די ספרים, האט ער געלאזט אריבעררופן הרה"ח ר' צבי יוסף (הערשל) וואסילסקי ז"ל, א חשוב'ער ברעסלאווער חסיד וועלכער האט געוואוינט אין וויליאמסבורג און פלעגט זיך אסאך דרייען ביים סאטמארער רב זי"ע, און געבעטן ער זאל אים פארבארגן עטליכע ברעסלאווער ספרים. ר' הערשל האט אריבערגעברענגט פאר'ן סאטמארער רב דעם ספר "שיחות הר"ן" און דעם ספר "כוכבי אור", וואו עס איז געדרוקט דער דערמאנטער משל, האט דער סאטמארער רב אים געבעטן אז ער וויל דאס האלטן ארום צוויי וואכן. און דעמאלט האט דער סאטמארער רב מעתיק געווען די ווערטער אין זיין הייליגן ספר "ויואל משה".

על-כל-פנים, דער סאטמארער רב האט געקאכט מיט די הייליגע ווערטער פון רבי נחמן זי"ע, און ווי ער שרייבט דארט בלשון קדשו: "וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעיקבא דמשיחא" - דאס איז אן ענין פון א רוח הקודש, וואס ער האט פון פאראויס געזען ווי אזוי עס וועט אויסקוקן אינעם דור פון עיקבתא דמשיחא. אויך האט דער סאטמארער רב אפטמאל זיך אויסגעדריקט: "ווער פון די פריערדיגע צדיקים האט נאך אזוי אפן און קלאר געשריבן ווי אזוי עס וועט אויסקוקן דער מצב אין אמונה אינעם היינטיגן דור, אזוי ווי רבי נחמן האט פון פאראויס געשריבן".

די זעלבע בחינה קען מען זאגן אויפ'ן הייליגן סאטמארער רב זי"ע: ווער האט נאך אזוי אפן און קלאר געשריבן, פאר פופציג יאר צוריק, ווי אזוי מיר וועלן היינט צו-טאגס אויסקוקן... די זעלבע סודות האט דער סאטמארער רב זי"ע מגלה געווען פופציג יאר צוריק, וואס קיינער האט דאס נאך דעמאלט נישט איינגעזען; פארקערט, כמעט יעדער איז מחולק געווען מיט אים. ווער נאך ווי ער האט אזוי קלאר פאראויסגעזען און געזאגט ווי אזוי מיר וועלן אויסקוקן אינעם יעצטיגן מצב, סיי אינעם מצב הדור בכללות, און סיי בפרטות. ווי למשל, דער ענין פון "חינוך הטהור", וואס דער סאטמארער רב האט מיט יארן צוריק געשריגן און געווארנט אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס די אפיקורסים וועלן זיך אריינמישן אינעם הייליגן חינוך. און אזוי ווייטער, אלעס וואס ער האט מרעיש עולמות געווען און געווארנט וואס עס קען ארויסקומען פון התחברות לרשעים איז ליידער היינט צו-טאגס מקויים געווארן במלוא מובן המילה. קיינער האט זיך דעמאלט נישט געקענט פארשטעלן אז עס וועט טאקע אזוי אויסזען דער מצב.

אבער היינט צו-טאגס, ווען מ'זעט דאס שרעקליכע התדרדרות, איז שוין כולי עלמא מודי צום סאטמארער רב! יעצט זעט יעדער איינער איין, וואספארא ווייטן קוק דער סאטמארער רב זי"ע האט געהאט, ווי עס איז ליידער מקויים געווארן אלעס פונקט ווי ער האט אונז פון פאראויס געזאגט.

דער וואונדער איז נאר, אז כאטש היינט זעט שוין יעדער דעם אמת, גיט מען זיך נישט אונטער! דער בלבול המוחות און דער מבול פון אפיקורסות איז איום ונורא! ממש אזוי ווי די פריערדיגע צדיקים האבן געזאגט, **אז פאר משיח וועט קומען וועט מען זיך דארפן דראפען אויף די גראדע ווענט זיך צו האלטן מיט דער אמונה!**

דערפאר איז היינט א גרעסערע פליכט זיך מדבק צו זיין אין די פריערדיגע צדיקים, עוסק זיין במשנתם הטהורה און איבערדערציילן זייערע מעשים טובים און דרכי המלחמה, וואס זיי האבן אונז פינקטליך געזאגט און מדריך געווען ווי אזוי זיך צו שטארקן מיט דער אמונה טהורה אין די היינטיגע שווערע צייטן.



## FOR SALE

**3 Holland - Prestwick area**
Rare opportunity!! Brandnew, custom house. 4 bedroom 4 baths, walkout basement, many upgrades, ready to move. Asking $1,199,000



## FOR SALE

**105 high St – Smith Gardens area** Renovated 3,000 sq. ft., brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income



## FOR SALE

**Buchanan** Great Location! Oversized 6 room apartment top floor with unfinished attic. Right next to בית המדרש הגדול



## FOR SALE

**Schinas V'yoel Moshe** 5-6-7-8 room apartments all floors available call to inquire

## FOR SALE

- 5 room apartment top floor in SVM
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room apartment 2nd floor on Lizensk
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 5 room apartment in Atzia Temorim second floor
- 5½ room apartment on Lemberg top floor
- Oversized 6 room apt on Satmar Dr. ready to move in
- 6 room apartment in SVM top floor
- 7 room plus finished basement in SVM
- 7 Room apartment top floor with attic
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment in Atzia Temurim walk in private entrance
- 9 room apartment SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Custom built brand-new private house 3 Holland Prestwick area
- Private house in Woodbury Villas

## FOR RENT

- One one-room apartment on Quickway good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk-in in SVM
- 4 room apartment in SVM
- 4 room apartment brand new in Blooming Grove
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in SVM 2nd floor sec. 8 only
- 7 and 8 room apartment on forest 1th floor
- 7 room apartment in SVM 2nd floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 3rd & 4th floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 3rd floor
- 10 room apt on Meron Dr. 2-year lease
- 3000 sq. ft. Retail space on the 17-M
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 2,000 sq. ft. unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- 1500 sq. ft. office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק


גערענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי


## וואס מיינט א פרייער מענטש, א בן חורין? זייבער נישט דער וואס קען טון וואס ער וויל

### שאלה:

**לכבוד הרה"ג הדומ"ץ שליט"א.**

**יעדעס יאר ווען ס'קומט פסח הער איך פון בעלי דרשנים אז מ'דארף אריינברענגען אין די קינדער אמונה פסח ביינאכט. איך פרוביר טאקע זיך צוצוגרייטן, מ'לערנט אביסל חסיד'ישע ספרים אד"ג, אבער למעשה ווען ס'קומט צום סדר נאכט איז נישט אלעמאל די מוח גרייט איבערצוגעבן. איך ווייס נישט פונקטליך וויאזוי ארויסצוברענגען די יסודות פון אמונה. איך קען טאקע נאכזאגן פון ספרים, אבער למעשה פארשטיי איך אז ס'איז אסאך בעסער ווען ס'איז מסודר און קלאר אינעם מוח פאר מ'גיבט דאס איבער. אפשר וואלט מען געקענט דא אין דעם קאלום פון "שאלת חכם" ארויסברענגען כאטש אביסל פון דעם געדאנקען גאנג וואס מ'דארף טראכטן ווען מ'גייט צו צו אזא וויכטיגע מצוה פון סיפור יציאת מצרים. און ווי אזוי מ'נעמט ארויס דערפון די יסודות פון אמונה לגבי דעם טאג טעגליכן לעבן.**

### תשובה:

וואס קען איך דען צולייגן צו דעם גרויסן אוצר פון מחשבה און התעוררות הלב וואס ווערן געברענגט אין די פילע ספרי קודש, אבער פונדעסטוועגן דאך וועל איך פרובירן דאס אראפצולייגן אביסל אויף מאמע לשון.

ס'איז געווען אינמיטן דריטן טויזנטער זייט בריאת העולם, ס'איז שוין אדורך 2,744 יאר ווען ס'איז אנגעקומען די צייט פאר א נייע תקופה, דער דור וואס השי"ת האט באשטימט אז ס'זאל דעמאלט אנטפלעקט ווערן קלאר און דייטליך, אז השי"ת איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. ער האט אלעס באשאפן און פירט זיי כסדר, און נאר ער טוט און מאכט און קיינער מער.

דער קלארקייט איז געקומען דורך צען פארשידנארטיגע מכות, וואס האבן אנגעזייט שרעקליכע חורבנות און נידערלאגע אין דער ריזיגער לאנד מצרים. די מעכטיגסטע און שטארקסטע אימפעריע אין יענע צייט, וועלכע איז געווען ברייט באקאנט מיט די וואונדערליכסטע חכמות אין אלע הינזיכטן. במשך פון א יאר צייט אין א ציה (עדיות פ"ב משנה י') זענען געקומען די מכות, איינס נאך די אנדערע מיט א פונקטליכע, אויסגערעכנטע, פאראויס-געזאגטע סדר, אויף נישט קיין נאטורליכע וועג.

אין מצרים איז געווען די גרעסטע כח הטומאה. זייערע גרויסע חכמים זענען געווען פארזינקען אין אלע מיני כישוף און אין עבודה זרה וואס לייקנט אפ דעם כח פון השי"ת. אידן זענען דארט געווען פארשקלאפט אין זייער א נידעריגע לאגע, ברוחניות ובגשמיות. ס'האט אויסגעזען ווי די גאלדענע קייט וואס ציט זיך פון די אבות הקדושים האלט חלילה ביים איבערגעהאקט ווערן (רמב"ם הל' ע"ז). דוקא דעמאלט און דארט, האט דער אייבערשטער באשטימט צו אויפדעקן און קלאר מאכן די ריינע אמונה, און דערמיט אפווישן די אלע כוחות הטומאה און שטארקן די כח הקדושה אויף די וועלט לדורות עולם.

אנגעהויבן פון יענע ספעציעלע תקופה, הייבט זיך אן צו ציען א גראדע אפענע ליניע פון אמונה שלימה אויף אלע דורות, אויב זיי וועלן נאר וועלן אנערקענען דעם בורא עולם, און אים זען און דערקענען פון אונטער דעם פארנעפלטן שלייער פון דרך הטבע וואס נעמט ארום די גאנצע וועלט.

צוליב דעם דערמאנען מיר יציאת מצרים אזויפיל מאל יעדן טאג, כדי נישט צו פארשלעפט און פארשוועמט ווערן פון די פארבלענדעניש פון די גאנצע טאג טעגליכע לעבן, און פון אלעס וואס איז ארום אונז, וואס קומט פארשטעלן און פארדעקן און מאכן פארגעסן פון אונז די אמונה, מ'זאל מיינען אז ס'איז אנגעהאנגען אין טבע און ס'האט צוטון מיט מענטשליכע מעשים.

דער קלימאקס פון אמונה איז געקומען צום אויבערפלאך נישט לאנג נאך יציאת מצרים און קריעת ים סוף, ווען אידן זענען אנגעקומען צום תכלית און צו די מטרה פון יציאת מצרים און בריאת העולם, דאס איז מתן תורה. אין יאר 2,448 פון בריאת העולם, ווען אלע אידן און אלע שפעטערע נשמות האבן משיג געווען מיט א קלארע נבואה השי"ת מיט די תורה. דאס איז געווען אן איינמאליגע מעמד נורא וואס איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין יעדע אידיש הארץ.

נאכדעם זענען אידן געווען אין מדבר 40 יאר, ווי זיי האבן געלעבט טאג טעגליך אומנאטורליך מיט אפענע נסים:

1) דער מן וואס איז געפאלן יעדן טאג. וואס דערביי איז געווען עטליכע שטענדיגע נסים: א] ברויט פון הימל שיין איינגעפאקט אין גליווער. ב] יעדער קען קלויבן נאר די זעלבע מאס יעדן טאג, נישט קיין חילוק ווי לאנג ער קלויבט, און די מאס פארמערט זיך לויט וויפיל מיטגלידער אין די משפחה. ג] אויב פירט ער זיך ערליך וועט ער מארגן טרעפן דאס ברויט נעבן זיין טיר, אויב נישט וועט ער מוזן קריכן ווייט. ער וועט דאס פשוט נישט זען און נישט קענען אויפהייבן פונדערנאענט. ד] מ'קען טראכטן און שפירן סיי וועלכע טעם עס גליסט זיך. ה] שבת קומט נישט קיין מן. נאר פרייטיג קומט דאפלט, ווען א גאנצע וואך אויב לאזט מען איבער פון איין טאג אויפן צווייטן ווערט דאס ווערעמיג. ו] ס'איז רוחניות'דיגע ברויט וואס ס'ווערט נישט דערפון קיין אפפאל.

2) וואסער קומט פאר עטליכע מיליאן מענטשן פון א שטיין וואס קוילערט זיך פון זיך אליין. ס'איז אייביג דא גענוג און נאך פאר יעדן.

3) וואלקענעס - ענני הכבוד. א] וואס ביגלען די קליידער. ב] יעדער קען ארויסגיין און אריינגיין דורכן וואלקן ס'איז ממש גארנישט, אבער גוים און ערב רב קענען נישט אריבערטרעטן כאילו ס'איז אן אייזערנע וואנט. ג] די זינדיגע ווערן אויסגעשפיגן פונעם וואלקן. ד] ס'גראדט אויס גרויסע בערג און הייבט אויף טאלן. ה] א פייער וואלקן וואס קומט יעדע נאכט אין די באשטימטע צייט, און ס'מאכט ליכטיג איבעראל אפילו אין די געצעלטן וכו' וכו'.

> **אויב מ'קען טון וואס מ'וויל איז דאס סאך אן ערגערע קנעבטשאפט. מ'איז משועבד צו די אייגענע גלוסטענישן און שוואכקייטן**

4) קליידער וואס וואקסן מיט מיט'ן מענטש. און אזוי נאך און נאך וואונדער וואס מ'זעט פערציג יאר אין איין ציה, ביז מ'איז אריינגעקומען אין ארץ ישראל אין יאר 2,488 וואס דאן איז געווען א תקופה פון אפענע נסים ביים באזיגן אזוי גרינג די פילע קעניגן מיט זייער מעכטיגע מיליטער, וואס אידן האבן איינגענומען ממש מיט גארנישט בלויז מיט אפענע נסים.

דאס איז געווען די פרוכטבארע תקופה פאר כלל ישראל, וואס פון דארט האט

ארויסגעשפראצט די אייביגע אמונה וואס ציט זיך אלע דורות, די אמונה צו וויסן און שפירן אז ס'איז דא א מנהיג העולם, וואס געוועלטיגט איבער אלעס און פירט דאס כסדר, און טוט וואס ער וויל. ס'איז דא שכר ועונש, נישט דוקא אויפן פלאץ אבער מ'האלט חשבון. מיט די אמונה האבן אידן דורכגעמאכט דעם לאנגן וועג אין גלות ביז דעם היינטיגן טאג. אין אלע צייטן האט מען מיט אמונה באזיגט אלע נסיונות. סיי אין שווערע צייטן סיי אין גוטע צייטן, ווער ס'האט נאר נישט געוואלט אוועקשטופן די אמונה מיט ביידע הענט, און געוואלט זיין דבוק אין השי"ת, נישט נאכגעצויגן ווערן צו די שטותים פונעם בעל דבר מיט זיינע שלוחים, האט געטאפט די אמונה מיט די הענט, און ס'איז געווארן איינגעווארצלט אין זיין בלוט און אין זיינע דורות. אט דאס האט געהאלטן דעם אידישן פאלק פעסט קעגן אלע בייזע ווינטן וואס זוכן אויסצורייסן די אמונה, אדער כאטש דאס אפצוקילן.

אמונה דערקוויקט אונז כסדר, אמונה באלעבט אונזער גאנצע וועזן טאג און נאכט, מיט דעם לייגן מיר זיך בייננאכט ביי ק"ש מעריב און ק"ש שעל המטה, און מיט דעם שטייען מיר אויף אינדערפרי ביי ק"ש של שחרית, און ביי יעדע ברכה ווען מיר זאגן די ווערטער ברוך אתה וכו' חזר'ן מיר אמונה. אויך סתם אזוי אין א שמועס זאגן מיר כסדר ברוך השם, בעזרת ה', אם ירצה השם וכו'. ווען מיר גייען ארויס פון די טיר קוקן מיר מיט ליבשאפט אויף די מזוזה און מיר חזר'ן אמונה. דאס זעלבע ביי ציצית, תפילין וכדו'. און מיר דארפן טאקע געדענקען נישט אדורך צו לאזן די אלע געלעגנהייטן נאר צולייגן קאפ דערצו. און כסדר געדענקען אז מיט השי"ת קען מען דעם ים אריבערגיין, און אן השי"ת קען מען די שוועל נישט איבערטרעטן.

די געשעענישן אין מצרים איז זיכער נישט געווען בלויז כדי מיר זאלן נישט דארפן מער ארבייטן, און נישט דארפן צוזען ווי די מצריים פייניגן אונז מיט אונזערע קינדער, ווייל אויף דעם האט נישט אויסגעפעלט אזא לאנגע פראצעדור און איבערצודרייען גאנץ מצרים מיט פארשידענע סארט מכות אזא לאנגע צייט. דער אייבערשטער וואלט דאס געקענט מסדר זיין אין איין מינוט, אריינגעבן אין הארץ פון פרעה פטור צו ווערן פון די אידן און זיי ארויסלאזן, אדער מאכן אלע מצריים בלינד און שטום און אידן זאל ארויסגיין אן קיין פיפס, פראנק און פריי.

אלא מאי וואס דען יא? די תורה זאגט קלאר וואס איז געווען דער עיקר תכלית למען תספר באזני בנך ובן בנך וגו' וואס איז דער תכלית פון די אלע זאכן, כדי דו זאלסט צוקומען צו אמונה שלימה. אריינעמען אין זיך און זיך צוגרייטן צו די יסודות און די עקרים און די גילויים וואס מ'גייט הערן ביי מתן תורה אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. און דו זאלסט דאס ווייטער איבערגעבן פאר דיינע דורות איז געווען פאר אידישע קינדער זיי זאלן אנערקענען אז ס'איז דא א באשעפער און א מנהיג. ס'איז דא שכר ועונש. ס'איז דא א תכלית פארוואס א מענטש איז דא אויף דער וועלט. ס'איז דא א תורה וואס לערנט אונז ווי אזוי צו לעבן אונזערע באשטימטע יארן אויף די וועלט. ס'איז דא א פארגעשריבענע ציל פאר יעדן איינעם וואס ער דארף טון אז ער זאל צוקומען זיך צו פארכטן פון השי"ת און אים ליב האבן.

**סיי ווי אזוי מוזטו זיך ראנגלען, אויב גיבסטו נישט נאך דיינע תאוות וועסטו זיך דארפן ראנגלען נאר מיטן יצר הרע, אבער אויב דו וועסט ח"ו נאכגעבן דיינע תאוות וועסטו נאכמער ליידן**

יעצט אין די הכנה טעג פאר פסח דארפן מיר זיך מאכן דער ריכטיגער חשבון הנפש אויב מיר טוען גענוג אין די ענינים, און אויב לפחות מיר לערנען ענינים וואס זאל אונז ברענגען ליראה ולאהבה את ה' אלקיך, און אויב מיר דערווייטערן זיך פון יעדע סארט זאך אפילו נאר א קלייניקייט וואס דערווייטערט אונז דערפון. מיר זאלן זען מיט אונזערע אויגן דאס וואס מיר זאגן 'המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית', אדער חלילה טוען מיר פארקערט זאכן וואס דערווייטערן אונז דערפון און ברענגען פרעמדקייט צו קדושה רח"ל.

די עשר מכות האבן א באשטימטע ציל אריינצוברענגען אמונה, אז אפילו די גרעסטע כופרים, די מצריים, זאלן צוקומען צו וידעו כי אני ה' און צו למען ספר שמי בכל הארץ. און מיר חזר'ן דאס יעדע פסח בייננאכט כדי צו געדענקען אויך אינעם טאג טעגליכע לעבן ווען מיר גייען אדורך שווערע נסיונות אין לעבן, אז מיר זענען גארנישט ווערד אן די הילף פון השי"ת. מיר זענען נישט בעלי בתים אויף די וועלט. מיר קענען גארנישט און מיר ווילן גארנישט. נאר איין זאך: אויסצופירן אונזער הייליגע שליחות און אויפגאבע. מיר האבן נישט קיין שום אנדערע ציל. און ס'אינטערעסירט אונז בכלל נישט די גאנצע וועלט נאר אויף וויפיל ס'העלפט אונז דינען השי"ת. די רגע ס'שטערט אונז פון די וויכטיגע אויפגאבע דארפן מיר דאס נישט און מיר ווילן דאס נישט. זאלן מיר זיך מאכן א חשבון הנפש אויב אלעס וואס מיר טוען און גלוסטן און טראכטן זענען טאקע עפעס וואס צילט צו דעם אדער חס ושלום פארקערט.

אפילו פרעה דער כופר וואס האט געזאגט מי






בית הוראה

# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:
845.783.0546
לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

ה' אשר אשמע בקולו, האט זיך געלערנט פון די מכות און ער האט אויסגעשריגן ה' הצדיק ואני ועמי הרשעים און האט זיך געבעטן העתירו אל ה'. אויך זיינע קנעכט האבן מודה געווען אז אצבע אלקים הוא. און צום סוף בעט זיך דער שטאלצער פרעה קומו צאו וגו' ולכו עבדו את ה' וגו' וברכתם גם אותי, ער בעט זיך גאר פאר א ברכה ער זאל געראטעוועט ווערן, ממש א מהפיכה פון אפענע כפירה פון לא ידעתי את ה' ביז צו א פולע הכנעה פאר די הנהגת הבורא.

די ראשונים זענען מסביר אויף פארשידענע אופנים פארוואס ר' יהודה האט געדארפט געבן סימנים אויף די צען מכות דצ"ך עד"ש באח"ב, ווייל די מכות זענען געקומען איינגעטיילט פער דריי סדרים, ווען יעדע סדר לערנט אונז דריי מאל די ממשלה פון השי"ת אויף די גאנצע בריאה (דריי מאל איז א חזקה), וואס דער תמצית פון די אלע מכות איז אויסצושרייען אז השי"ת איז דער רבון כל המעשים אדון כל הנשמות. מיר וועלן ברענגען איין פשט.

די ערשטע דריי מכות 'דם צפרדע כנים', איז געקומען צו ווייזן די ממשלה פון השי"ת אונטן אויף די וועלט ווי מיר דרייען זיך. אויף די ערד און אויף אירע וואסערן. אין איין סעקונדע ווערן אלע וואסערן איבערגעדרייט צו בלוט, די וואסערן גיבן ארויס שווערע ביליאנען פרעש אן קיין גרעניץ, יעדע שטויבעלע פון די ערד ווערט פלוצלונג איבערגעדרייט צו כנים, מ'קען נישט זען די ערד מער, ווייל ס'איז נישטא. ס'איז אלעס איין שטיק לייז. און דאס אלעס ווי לאנג השי"ת וויל און אין די באשטימטע צייט. און ווען ער וויל ווערט אלעס אין איין סעקונדע צוריק אזוי ווי פריער אן קיין שום אנשטרענגונג. ביי צפרדע האט משה רבינו געגעבן פאר פרעה די אויסוואל ווען די מכה זאל אוועקגיין, נארמאל וואלט ער געדארפט בעטן אויף שוין יעצט, זאגט דער רמב"ן ווייל ער האט נאכאלץ געטראכט אפשר איז דער מזל יעצט מסוגל ס'זאל אוועקגיין, האט ער געקענט באשטיין צו ליידן נאך א טאג, אפשר וועט אים געלונגען צו איבערווייזן אז ס'איז חלילה נישט יד השם.

די צווייטע דריי 'ערוב דבר שחין' ברענגען ארויס די ממשלה פון השי"ת אויף אלע בעלי חיים. אין איין סעקונדע קומען זיך צוזאם אלע מיני חיות פון די גאנצע וועלט, זיי קריכן אריין איבעראל אן קיין שום אפהאלט פון מארמארענע שווערע פעסטונגען. ווייטער ביי מכת דבר, ווען משה גיבט ארויס דעם באפעל שטארבן פלוצלונג אלע בהמות אן קיין שום סיבה. און דאס זעלבע ביי שחין, מיט א טראפעלע אש ארויפגעווארפן צו די הייעך, באקומט גאנץ מצרים, מענטשן און בהמות, שווערע און ביטערע אויסשלאַגן פון שחין. ס'איז אזוי שווער אז ס'טרעט צו ביזן הארץ.

צום לעצט די דריטע סדר 'ברד, ארבה, חשך, מכות בכורות', לערנט אונז די ממשלה פון השי"ת אין די הויכע ספערן פון די וועלט, פון ווי ס'קומט דער האגל און די לופט ווערט פארפעסטעט. און צום לעצט די ממשלה אויף די אויסגעוועלסטע חלק פון די בריאה דאס איז דער מענטש. און מ'קלייבט אויס נאר איין געוויסע חלק פון די מענטשן, דאס מיינט נאר די בכורים, שטארבן אלע אין איין סעקונדע. דאס איז זיכער אומנאטורליך אינגאנצן אז דוקא די בכורים זאלן שטארבן.

די עשר מכות זענען געווען אויסגערעכנט קלאר און פונקטליך ס'זאל נישט איבערלאזן קיין ספיקות. משה רבינו האט געזאגט כחצות נישט בחצות, טאמער איינער וועט זיך טועה זיין מיטן זייגער און זאגן אז ס'איז נישט געווען פונקטליך (ברכות ד.). דאס מיינט אז די מכות דארפן איבערווייזן זייער פונקטליך און קלאר דעם יד השם אז ס'זאל נישט זיין קיין שום פלאץ און קיין מעגליכקייט צו פארדרייען און נישט זען די התגלות. אויך ביי די מכה פון חשך האט דאס געדארפט זיין 'לעיני פרעה' ער זאל זען מיט די אויגן אז דאס איז נישט מער ווי א טראפעלע אש, וואס גייט זיך אין א סעקונדע שפעטער מערן אויף מיליאנען מאל אזויפיל.

דער דרשות הר"ן (דרוש ג) זאגט אז צוליב דעם איז משה געווען א כבד פה וכבד לשון (א שווערע אקצענט), כדי מ'זאל זיך נישט איינרעדן אז ס'איז געווען אריינגעמישט אין זיינע ווערטער אביסל רעדנערישע קראפט אדער רעטאריק, נאר ס'איז כולו יד ה' אן קיין שום טבעיות. (און טאקע רוב אויסגערופענע גדולי ישראל זענען נישט געווען קיין ספעציעלע באמבאסטישע רעדנערס, ווייל לא בכח ולא ברעש ה'.)

אין ירושלמי (תענית פ"ב ה"ה) שטייט אז ביים ים האבן א טייל אידן געוואלט שרייען און מאכן קולות כדי צו דערשרעקן די מצריים, אבער אפילו דאס האט השי"ת נישט געלאזט, כדי מ'זאל נישט טראכטן אז ס'איז געווען אריינגעמישט עפעס א מענטשליכע כח. פארדעם האט ער געזאגט 'ואתם תחרישון' אינגאנצן שטיל. דא גייט זיין בלויז יד ה' בגילוי אן קיין שום ספק. אויף דער זמן שטייט: אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך וגו' וימרו על ים בים סוף - זיי האבן קודם געמיינט אז ס'איז נאכנישט דא קיין אפענע גילוי, מ'דארף עפעס טון, אבער דאס איז נאר געווען פאר איין מינוט, ווען משה רבינו האט זיי געזאגט ניין! יעצט איז דער זמן פון יסודות האמונה, אפענע גילויים, דאס דארף דינען א לימוד אויף אלע דורות ווייטער, האבן זיי דאס דערהערט אזוי ווי ס'שטייט טאקע ויאמינו בדבריו ישירו תהלתו, און זיי האבן געהאט מסירות נפש און אריינגעשפרינגען אין ים.

> 'לאמיר איינמאל נאכגעבן דעם יצר הרע און נאכדעם וואס איך וועל אים צופרידנשטעלן וועט ער זיך באַרואיגן' דאס איז הוילע פאנטאזיע!

נאך די אלע גילויים און אפענע יד ה' ווען איינער וויל לייקענען אין דעם יכולת פון השי"ת און אנהענגען זאכן אין טבע, אין צופאל, אדער אין כישוף, איז ער אן אפיקורוס במזיד. נישט ווייל ער גלייבט נישט, נאר ווייל ער וויל נישט גלייבן. ער וויל לעבן א הפקר לעבן און נישט זיין אנגעבינדן אין השי"ת.

*

מענטשן מאכן א גרויסע טעות אין דעם אפטייטש פון בן חורין. מ'זאגט ביי מעריב אין ואמונה כל זאת, ויוציאנו מתוכם לחירות 'עולם'. זאגט דער חתם סופר אז דאס מיינט זיין פריי פון די וועלטליכע זאכן. נישט פריי צו קענען טון וואס מ'וויל ווען מ'איז שוין נישט קיין קנעכט, ווייל אויב מ'קען טון וואס מ'וויל איז דאס סאך אן ערגערע קנעכטשאפט. מ'איז משועבד צו די אייגענע גלוסטענישן און שוואכקייטן. איינער צו פרעס, איינער צו מלבושים, איינער צו מאכן א לעבן דורך פארברענגען, הוליען - טשילן - קומזיצן - נסיעות, אדער גאר שכור'ן, און ווער ווייסט וועלכע נאך אנשיקענישן. דאס איז זייער ווייט פון פרייהייט. סיי ווי אזוי מוזטו זיך ראנגלען, אויב גיבסטו נישט נאך דיינע תאוות וועסטו זיך דארפן ראנגלען נאר מיטן יצר הרע-גוף, אבער אויב דו וועסט נאכגעבן דיינע תאוות וועסטו נאכדעם נאכמער ליידן ווייל דיין יצר הרע וועט נישט צופרידן זיין מיט איינמאל ער וועט דיר שלעפן נאך און נאך, ביז דאס וועט דיר אינגאנצן חרוב מאכן און רואינירן אויך בגשמיות. ס'איז בכלל נישט פארהאן אזא מציאות ווי די פאלשע איינרעדעניש 'לאמיר איינמאל נאכגעבן דעם יצר הרע און נאכדעם וואס איך וועל אים צופרידנשטעלן וועט ער זיך באַרואיגן'. דאס איז הוילע ליגנט און פאנטאזיע. ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזא זאך פון בריאת העולם אנגעהויבן, און ס'וועט קיינמאל נישט זיין. ס'איז ממש פונקט פארקערט.

ווי מער מ'גיבט אים נאך אלץ מער ווערט די רייץ גרעסער, און אלץ שווערער ווערט דאס זיך אפצושיידן דערפון, אפילו ווען מ'וויל שוין. ס'איז אסאך גרינגער זיך צו שלאגן מיט אים און נישט נאכגיין די תאוות, ווי איידער אים נאכגעבן און זיך דארפן שלאגן נאכדעם מיטביידע זייטן אויף איינמאל, מיטן יצר טוב און מיטן יצר הרע, וואס ביידע שלעפן אים אויף צוויי פארקערטע ריכטונגען און ער ווערט צוריסן אינדערמיט. גרעסערע חכמים פון דיר זענען דורכגעפאלן מיט דעם נארישן און נישט רעאליסטישע געדאנק, (דער מבחר הפנינים רופט דאס שטילן דעם דארשט מיט געזאלצענע הערינג).

וואס דען איז יציאת מצרים, 'מעבדות לעבדות' - פון פראסטע נידעריגע קנעכטשאפט צו א געהויבענע תפקיד און העכערע הייליגע קנעכטשאפט, צום רבונו של עולם, וואס דאס גיבט חיות און סיפוק פאר א גאנץ לעבן, און דאס ווערט גערופן 'חירות עולם', ווייל פאר די נשמה איז דאס אן אייביגע פרייהייט, נאר פארן גוף איז דאס א קנעכטשאפט ווילאנג ער קומט נאך נישט צו צום ריכטיגן טעם. אבער למעשה וועט דער גוף אויך זיין זייער צופרידן דערפון.

צו די געוואלדיגע און אמת'דיגע חירות זענען אידן צוגעקומען אין מצרים, זיך אפצולאזן פון אלע זייערע שלעכטע געוואוינהייטן אין זכות פון די אמונה אז ס'איז דא א רבונו של עולם וואס הייסט טון אנדערש ווי זיי ווילן, און ער שטייט זיי צו די האנט אז זיי זאלן זיך קענען אפלאזן פון די אלע געוואוינהייטן און אדיקשנס. דאס איז די גרעסטע פרייהייט וואס קען נאר זיין פאר א מענטש, און ס'גיבט אים די גרעסטע שמחה ווען ער קען זיך פארמעסטן מיט זיינע שלעכטע פליישיגע קערפערליכע גלוסטעניש, צו טון דאס וואס זיין נשמה פארלאנגט. א איד וואס גלייבט אין יציאת מצרים און ער כאפט זיך אן דערין קען יא ארויסגיין פון אלע געפענגעניש אין וואס דער יצר הרע האט אים אריינגעכאפט, בפרט אין די הייליגע נעכט פון פסח זמן חירותינו.

געדענק גוט! א בן חורין איז דירעקט נישט דער וואס האט אלעס און קען טון וואס ער וויל, דער איז גאר א פארשקלאפטער קנעכט. א בן חורין איז נאר דער וואס קען מאכן שינויים לטובה. ער קען טוישן א לאנגיעריגע מהלך און אנהויבן א נייע לעבן. און אויב זאגט ער אז 'ער קען נישט' איז דאס נאר ווייל ער וויל נישט עכט, און ער איז נישט גרייט גארנישט צו אינוועסטירן צו שפירן דעם גוטן טעם פון א בן חורין. ער וויל ווייטער נאכגיין זיין הארץ גלוסטעניש (וואס ער רעדט זיך איין אז ס'איז גוט, און גאר בעסער ווי זיין פנימיות'דיגע רצון) כאטש ער וויינט און שרייט דערויף, אבער ער איז איין שטיק חוזק ווייל ער וויינט ווי א ביבער, ער קען זיך העלפן אבער ער גייט ווייטער אין נעץ אריין. ער איז ממש ווי א בהמה. ומותר האדם מן הבהמה 'אין' טייטשט דער ייטב לב מיט דעם הייסט מען א מענטש אז מ'קען זאגן ניין! און אויב קענסטו נישט זאגן ניין דאן 'לייג ארויף אויף דיין שטערן די ווארט בהמה מיט גרויסע אותיות און גיי אזוי אין בית המדרש'. דאס איז דער חילוק צווישן א איד מיט א גוי, א גוי אויב קען ער זיך נישט נאכגעבן זיינע תאוות עולם הזה, הייסט דאס ביי אים נישט געלעבט. אבער ביי א איד איז דאס פונקט פארקערט, ווען ער קען זיך אויסארבייטן אז תאוות עולם הזה זאל אים נישט אינטערעסירן, אדער צום ווייניגסטנס ער זאל זיך קענען דערפון צוריקהאלטן, און ווער רעדט נאך ווען ס'איז נוגע צו אן איסור, ערשט דעמאלט און נאר דעמאלט הייסט דאס ביי אים געלעבט, וויבאלד דאס איז דער אמת'ער רצון פנימי (אינווייניגסטע ווילן) פון א איד, און ווען ער קען נישט אויספירן זיין ווילן, פעלט אים שמחת החיים. אזוי לאנג ווי ער פארשטייט נאכנישט אז לעבן ווי די תורה הייסט איז זיין אמת'דיגע גוטס, רעדט ער זיך איין אז ער איז נישט קיין בן חורין. בפרט טרעפט זיך דאס ביי אינגע אומערפארענע קינדער וואס זיי זענען נאך אונטער די עלטערן אדער מחנכים, און זיי רעדן זיך איין אז דאס וואס זיי דארפן פאלגן מיינט צו זיין משועבד, עס מיינט אז ער איז נישט פריי, און צוליב דעם שפירט ער נישט גליקליך און פרייליך ווייל ער וויל קענען טון וואס ער וויל, און ער רעדט זיך נעבעך איין אז דאס וועט אים מאכן גליקליך, ער וועט שפעטער געוואויר ווערן אז ס'איז פונקט פארקערט.

> # א בן חורין איז דירעקט נישט דער וואס האט אלעס און קען טון וואס ער וויל, דער איז גאר א פארשקלאפטער קנעכט!

מיר וועלן געבן א משל, איינער האט שווער געארבעט פאר א געשעפטסמאן, ער האט זיך אוועקגעגעבן מיט לייב און לעבן כדי צו געפעלן פארן בעל הבית, ער האט אים אריינגעברענגט אסאך רווחים ביז יענער איז אונטער זיין מענעדזשמענט געווארן אין א קורצע צייט א מולטי מיליאנער, אבער ער האט אים נאר באצאלט פון צייט צו צייט נישט יעדע וואך. איינמאל נאך א לענגערע צייט ווען דער ארבייטער האט זיך זייער גענויטיגט אין די געלט, בעט ער זיין געהאלט, הייבט דער געשעפטס מאן אן צו שרייען אויף אים דו ברענגסט גארנישט אריין, ס'וואלט געקענט זיין אסאך מער רווחים. דו באקומסט גארנישט! נישט נאר דאס, נאר דו קומסט מיר נאך דאס געלט וואס איך האב דיר געצאלט ביז היינט. צאל דאס שוין צוריק! דער געשעפטסמאן איז א גבר אלם מ'קען מיט אים נישט רעדן. איך דארף אייך גארנישט זאגן דעם שווערן געפיל פון דעם ארבייטער, און וואספארא זעץ אין קאפ דאס איז פאר אים, (ס'קומט ליידער פאר, יא ס'זענען פארהאן צוויי פיסיגע חיות רעות, אויך צווישן די וואס מאכן א רושם ווי מענטשן. אבער דו באטראפענער גלייב אמת'דיג אז דאס איז פאר דיר נישט מער ווי א שליחות פון הימל דיר אויפצוואוועקן. דאנק און לויב השי"ת אז ס'איז אויסגעגאנגען נאר אויף געלט. קאנצענטריר זיך נישט אין יענעמ'ס אוממענטשהייט נאר אין דיר אליין. כאפ דעם מעסעדזש, טו דאס נישט איגנארירן, ווייל דאן וועלן ח"ו קומען נאך מעסעדזשעס).

אבער רבותי פארוואס טראכטן מיר נישט אריין אז דאס זעלבע קומט פאר מיט אונז, מיר הארעווען שווער פאר עולם הזה און אירע גלוסטעניש, מיר גיבן אוועק דערפאר אונזער עולם הבא און אונזער גאנצע לעבן, מיר יאגן זיך ביים דאווענען און ביים לערנען כדי צו קענען קויפן נאך אביסל עולם הזה, אבער נאך א שטיקל צייט דערזעט מען זיך ווי מ'איז אריינגעפאלן מיט א פשוטע רויבער און ליגנער. פון די אלע גליקן וואס דער יצר הרע האט מיר איינגערעדט איז גארנישט געבליבן. מ'שפירט זיך פוסט און ליידיג מיט א דורשטיגע אומצופרידענע נשמה, נישט עולם הזה נישט עולם הבא.

ווען ס'קומט ימים נוראים אדער אנדערע זמני התעוררות ווי דער סדר נאכט, הייבן מיר אן צו שרייען און וויינען פאר דעם האבן מיר געהארעוועט?? צו פארלירן אלעס?? אבער דער יצר הרע שטייט און לאכט, יא יא, קענסט שרייען און וויינען, אבער מעגסט וויסן אז איך גיי דיר נאך די ימים נוראים נאך אמאל אריינכאפן אין זאק אריין. רבותי לאמיר נישט נאך אמאל אריינגיין אין זאק בשום אופן. לאמיר אים ווייזן אז מיר זענען יא בעל הבית אויף זיך אליין! און אפילו חלילה מ'גייט אדורך אומאנגענעמע מצבים, דינט מען ווייטער השי"ת מיט שמחה און מיט חיות. מ'לאזט נישט צו די יסורי הגוף זאלן האבן א שליטה אויף די נשמה. דאס איז געווען דער כח פון ערליכע אידן אין אלע שווערע צייטן, מ'האט צוגעבינדן דעם גוף צום נפש, אבער נישט דעם נפש צום גוף. זיי זענען געווען די אמת'דיגע בני חורין. זייער פנים האט שטענדיג געשיינט פון שמחה און פון אינערליכע חדוות החיים און סיפוק הנפש, וואס מ'קען נישט זען ביי די גרעסטע עשירים.

ס'איז אבער דא איין גאר גרויסע וויכטיגע נקודה אין אמונה, וואס דאס מיינט מ'זאל גלייבן אין זיך אליין! וויסן דאס חשיבות פון א אידישע נשמה, פון בני אברהם יצחק יעקב, פון די אויסגעוועלטע פאלק ביי מתן תורה, וואס השי"ת האט דאס קלאר באטאנט סיי ביי יציאת מצרים און סיי ביי מתן תורה. אן דעם יסוד איז נישט מעגליך א מענטש זאל זיך האלטן ביי תורה און ביי אמונה.

ביי יציאת מצרים האט השי"ת געשיקט משה צו זאגן פאר אידן זייער חשיבות און ווי שטארק זיי זענען באליבט פאר השי"ת, (ריש פ' וארא) איך געדענק ענקערע אבות, איך האב געהערט ענקערע תפלות, איך גיי ענק ארויסנעמען פון מצרים און ענק דערנענטערן צו מיר דורך מתן תורה, אויך ביי מתן תורה איז די ערשטע זאך געווען והייתם לי סגולה מכל העמים, און נאך שיינע ליבליכע ווערטער זיי צו מקרב זיין. אזוי שטייט אויך אין אנפאנג 'שערי העבודה' אז די ערשטע זאך דארף א מענטש אפשאצן זיין גרויסע און טייערע ווערד אז ער איז א בן מלך, אן דעם קען מען אפילו נישט אנפאנגען.

מ'ליינט אין די מגילה 'ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר', דרש'נט די גמרא 'אורה' מיינט תורה, 'שמחה' מיינט יום טוב, 'ששון' מיינט מילה, 'ויקר' מיינט תפלין. פארוואס ווערט דאס אויסגערעכנט צום לעצט ווען דאס איז יעדן טאג? ווייל אויב האסטו אין זיך דעם יקר - חשיבות, וואס איז מרומז אין די תפלין פון רבונו של עולם, ווי ס'שטייט מי כעמך ישראל, און אויך אויף אונזערע תפלין וואס דער פסוק זאגט דערויף 'וראו כל עמי הארץ ויראו ממך' - ס'ברענגט אונז חשיבות און טייערקייט מיטן האבן אויף זיך דעם חותם המלך, נאר דעמאלט קען זיין די אלע פריערדיגע זאכן. אויב אבער דו ביסט ביי דיר גארנישט דו שפירסט נישט דיין חשיבות און דיין קדושת נשמת הישראלי דאן איז נישטא די אורה, נישטא די שמחה, און נישט קיין ששון, אלעס מוז אנקומען צו די לעצטע זאך כדי זיי צו ערגענצן.

כדי מיר זאלן די אלע זאכן קענען איבערגעבן פסח ביינאכט פאר די בני בית און קינדער, מוזן מיר מקיים זיין 'אף אתה' אמור לו, מיר זאלן דאס אויך האבן אזוי שטארק איינגעבאקן אין אונזער הארץ אז ס'זאל זיין טופח על מנת להטפיח. איבערגעבן פארן קינד ווען דו אליינס ביסט נישט דערביי וועט נישט ארבייטן.

דארף מען טאקע האבן סייעתא דשמיא און מאכן א ריכטיגע הכנה, אויסנוצן דאס ביסל צייט ביז פסח, ס'זאל קענען זיין 'אף אתה' ממילא וועט זיין 'אמור לו'. אמן כן יהי רצון.

אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**

**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**



OWL SECURITY

אברהם יהושע בינער | 845.782.8090

sales@owlsecurityinc.com




# ס'איז נישטא קיין "שאָרט קאַטס"; מ'דאַרף ברענגען האָלץ יעדן אינדערפרי!

**וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ לֹא תִכְבֶּה, וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר, אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה.** - דאָס פייער אויפ'ן מזבח זאל בלייבן ברענען, עס זאָל נישט ווערן פאַרלאָשן. און דער כהן זאל צינדן דאָס פייער מיט האָלץ יעדן אינדערפרי. אַ שטענדיגע פייער זאל ברענען אויפ'ן מזבח, ס'זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן!

די מצוה איז צו שטענדיג אָנהאַלטן אַ פלאַם אויפ'ן מזבח וואָס איז געשטאַנען אין דעם משכן, און שפּעטער אויפ'ן מזבח אין בית המקדש אין ירושלים. דערפאַר האָט דער כהן געדאַרפט יעדן אינדערפרי אַריינלייגן פרישע האָלץ אויפ'ן מזבח, כדי צו שפּייזן דעם פלאַם, אַז ס'זאָל קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

***

אַלע מפרשים, און נאָכמער די תלמידי בעש"ט הק', שרייבן אַז יעדע מצוה, בנוסף צו די פשוט'ע משמעות דערפון, האָט עס אויך אַ שטאַרקע לימוד וואָס גייט אַרויף אויף דעם נפש פון דעם מענטש.

אַלזאָ, לאָמיר זען וויאַזוי די מצוה פון "אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה" איז אַ לימוד וואָס איז שייך צו אונזער טעגליכע לעבן?!

***

## אש תמיד תוקד על המזבח:

די מזבח טוט סימבאָליזירן דאָס האַרץ פון דעם מענטש. די אינעווייניגסטע חלק אין יעדן פון אונז איז די פלאַץ וואו מיר זענען מקריב קרבנות. דאָס האַרץ דאַרף אָבער האָבן אַ כסדר'דיגע ברענענדיגע פייער. ווייל אז דאָס מענטשליך הארץ זאָל קענען לעבן מיט אַ טיפקייט, צו שפּירן מיט אַן אמת דעם רצון ה' און אהבת ה', דאַרף עס זיין פייערדיג, ברענענדיג און מיט אַ פלאַם.

יעצט איז דאָ די גרויסע קשיא: אָבער וויאַזוי?!

ס'איז דאָ צייטן ווען אונזערע הערצער און נשמות זענען אינספּירירט און פלאַמעדיג, אָבער אָפּט שפּירן מיר געלעמט און אפּאטיש, עס פעלט אונז הרגשים און אינטערסע, און צומאָל ווערן מיר אפילו שלעכט און אָפּגעריסן. וויאַזוי קענען מיר אָנהאַלטן דעם פלאַם און דעם פייער פון אונזער אייגענע אינערליכע מזבח?!

עס איז דאָ בלויז איין וועג:

**ובער עליה הכהן עצים בבוקר בבוקר! - דער כהן זאל אַרויפשטעלן האָלץ אויפ'ן מזבח יעדן אינדערפרי!**

מיר דאַרפן שטעלן האָלץ אויף אונזער אייגענע מזבח יעדן איינציגן אינדערפרי, כדי צו זעטיגן די פּאָטענציאַלע פלאַם פון דעם האַרץ! פייער קען נישט עקזיסטירן אויף גאָרנישט; דאָס פייער פון אונזער הארץ און נשמה דארף האָבן האָלץ וואָס זאָל עס אונטערהאַלטן!

וואָס איז די האָלץ וואָס קען שפּייזן די נשמה פלאַם יעדן פרימאָרגן?!

לערנען די הייליגע תורה! דאַווענען! און גמילת חסדים! אָט אַזוי טרעפט זיך די נשמה יעדן אינדערפרי מיט די לעבעדיגקייט, מיט די חיות. דאָס גיט אַריין אַ כח אַז די פייער פון דער נשמה זאָל זיך קענען גוט אָנהאַלטן און איינוואָרצלען אין דעם נפש פונעם מענטש.

***

עסן אַ געשמאַקע שטיקל קעיק, טשעקן די אימעילס, ח"ו אויסהערן די נייעס, און אייגנטליך יעדע זאַך אויסער תורה, עבודה און גמילת חסדים, קענען נישט באַווייזן צו אָנהאַלטן די אינערליכע טיפקייט און פלאַם פון דיין נשמה! די אַלע זאַכן פאַרמאָגן נישט די אייגנשאַפטן אַרויסצוברענגען די פלאַם פון דער נשמה, זיי האָבן נישט קיין כוח צו מקיים זיין די מצוה פון "לא תכבה"! פאַרקערט, עס לעשט אויס דעם פלאַם!

גלייך אינדערפרי , נאָך אױדער מיר טוען עפּעס אנדערש, דאַרפן מיר זיין פאַרנומען מיט דער הייליגער אַרבעט, דאָס וועט לאָזן אַרויסקומען דעם פלאַם פון אונזערע נשמות.

דעמאָלט וועלן מיר זיין מסודר פאַר'ן טאָג.

ווייל אַ מענטש זעט אין דער וועלט, דאָס וואָס ער טראָגט אין זיין האַרץ!

**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

**זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב**

אויב דיין האַרץ איז אנגעצינדן, וועט דיין גאַנצע וועלט זיין פייערדיג אַ גאַנצן טאָג!

מיר דאַרפן צושטעלן דאָס "האָלץ" אויף אונזער מזבח יעדן אינדערפרי אָן קיין אויסנאַם. התמדה, קאָנסיסטענסי, איז דער שליסל צו אַ אָנגעפולטע, אינספירירנדע און ערליכע טאָג. ס'איז נישטאָ קיין "שארט קאטס" דערצו; אַלעס קומט מיט אַ פרייז.

די איינציגע אַרבעט ווי מ'דאַרף אָנהויבן אין שפּיץ איז ווען מ'גראָבט אויף אַ לאך. אָבער דורכאויס דאָס לעבן פון אַ מענטש איז מען בעיקר פאַרנומען צו קריכן בערג, נישט צו גראָבן לעכער, און ביים קריכן בערג דאַרפן מיר אָנהויבן פון אונטן! דאָס איז דער אינדערפרי פון יעדן טאָג!

***

מיר אַלע ווייסן אַז די מדה פון שמחה איז עפּעס וואָס וועגט איבער אַלע אַנדערע מדות!

דער 'בן יהוידע' אויף דער גמרא אין מסכת מגילה (דף יז) זאָגט אַז בשעת המן האָט געוואָלט נעמען מרדכי אים צו אַרומפאָרן אויפ'ן פערד פונעם קעניג, אָנגעטון מיט די קעניגליכע קליידער, האָט מרדכי געדאַוונט מנחה און המן האָט געוואַרט ביז ער זאָל ענדיגן.

פאַרוואָס האָט המן געוואַרט און אים נישט געשטערט גלייך פון דאַווענען?!

ווייל ער האָט געוואָלט מרדכי זאל דאַווענען מיט אַ טרויעריגקייט, נישט מיט קיין שמחה!

וואָלט מרדכי געוואוסט פאַרוואָס ער איז געקומען וואָלט ער דאָך געדאַוונט בשמחה, און המן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער טיפער עמלק, האָט געוואוסט אַז ווען איינער דאַוונט בשמחה, קען קיינער אים נישט שעדיגן און זיינע תפלות איז בוקע רקיעים!

אסתר האָט געזאָגט פאַר'ן קעניג אַז מאָרגן וועלן מיר קומען נאָכאַמאָל פאר אַ סעודה און דאַן וועל איך אויסזאָגן מיין סוד. פאַרוואָס האָט זי דאָס אָפּגעשטופּט?!

ווייל זי האָט געזען אַז המן איז אַזוי פריילייך וויבאַלד ער איז גערופן געוואָרן צו די משתה, "ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב", האָט זי באַשלאָסן אַז ס'וועט נישט אַרבעטן היינט, ער איז צו שטאַרק בשמחה. אויף צומאָרגנס איז ער שוין טאַקע געווען טרויעריג, נאָך די מעשה פון "ופני המן חפו" און ס'האָט טאַקע געאַרבעט פיין!

אַלזאָ שמחה איז די שליסל יעצט ווען מיר גייען פון איין שמחה צו די אַנדערע. פּורים - פּסח. לאָמיר דאַווענען, לערנען תורה, און טון גמילת חסדים, מיט אַ שמחה יעדן אינדערפרי. דאָס וועט אונז געבן אַ גאַראַנטיע צו האָבן געהויבענע טעג.

און ווער איז דען נישט געגוג קלוג דאָס נישט צו כאַפּן מיטביידע הענט?!

אַ פריילִיכן שבת!

***

ס'איז נאָך אַלס די וואך פון פּורים, זייט נישט אמעריקאניש, צו פאַרגעסן און אַוועקגיין פון די אמת'ע לעבן וואָס השי"ת גיט אונז.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן צו אָנהאַלטן די נאָענטקייט צו השי"ת וואָס מיר האָבן געהאַט אין פּורים, לאָמיר מקיים זיין אונזער הבטחה קיינמאָל אַוועקצוגיין פון השי"ת אפילו מיט מסירת נפש ממש, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין צעטיל קטן: "אש גדול ונורא בוער עד לב השמים".

אָן קיין מסירת נפש אַרבעט גאָרנישט!

דאָס איז די 'אשר קרך' פון עמלק וואָס מיר זענען יעצט פּטור געוואָרן דערפון פּורים. ער וועט פּרובירן צוריקצוקומען צו די מענטשן וועלכע נעמען אַלעס פאר 'איזי'... ניין! ניין! כדי מיר זאָלן קענען זיצן ביים סדר מיט אַ פרייהייט מיט אַ חירות דאַרפן מיר זיין זייער וואַכזאַם! אויב מיר געבן אים נאָך אפילו איין אינטש וועט ער זיין זייער פריילִיך.

עס שטייט אין דער מגילה, אויב אַ איד זאָגט "ומחר אעשה כדבר המלך" - "טעקינג איט איזי"... דעמאָלט איז "ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב"! מיר קענען זיך נישט ערלויבן דאָס צו געשען נאָך די אַלע עבודה וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט דעם פּורים.

**אַ גוט שבת**

*נחמי' צבי בן דינה*


בס"ד

## קרית יואל שמות טראק
## 845-774-4305

**פסח תשפ"ד לפ"ק**

דערמיט ווילן מיר מעלדן אז מיר וועלן אי"ה צושטעלן א

## שמות טראק אויף עטליכע לאקאציעס

### לויט די פאלגענדע זמנים

| טאג | פלאץ | צייט |
|---|---|---|
| **דינסטאג תזריע** | **ביהמ"ד אבני צדק (עצי תמרים)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מיטוואך תזריע** | **ביהמ"ד ישמח משה (ברך משה)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **דאנערשטאג תזריע** | **שכונת ויואל משה (בית מנחם זאב)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **זונטאג מצורע** | **ביהמ"ד הגדול<br>בית החיים 31 סקאנעמאנק** | **פון 9:00 ביז 12:00 מיטאג / פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט<br>פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מאנטאג מצורע** | **שכונת בלומינג גראוו<br>29 Merriewold** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מאנטאג דינסטאג מיטוואך<br>דאנערשטאג מצורע** | **ביהמ"ד הגדול<br>בית החיים 31 סקאנעמאנק** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט<br>פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **ערב שבת קודש מצורע** | **ביהמ"ד הגדול** | **פון 6:00 ביז 12:00 מיטאג** |
| **זונטאג – בדיקת חמץ** | **ביהמ"ד הגדול** | **פון 9:00 מיטאג ביז 9:00 ביינאכט** |
| | | |

צוליב די חוקי המדינה מוז מען זיין זייער פארזיכטיג, דעריבער וועט מען נישט קענען נעמען קיין באקסעס נאר שאפינג בעגס, אויב איר האט אסאך שמות ביטע לייגן נאר אין שטארקע גארבידזש בעגס און נישט מער פון צוואנציג פונט צוליב כבוד שמות

**ישיבות, מוסדות התורה, און בתי מדרשים, אדער ווער עס האט א גרעסערן קוואנטום פון שמות, קענען רופן**

**845-774-4305**

# מעמד בקשת רחמים - ביים ציון הקדוש פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע

## תלמידים פון די סאטמארער מוסדות אין קרית יואל מיט הארצרייסנדע תפלות במקום ציון קודש הקדשים בעת די שליחי כלל ישראל האבן אויפגעטרעטן ביי די געריכטליכע הירינג אז זכותו הגדול זאל מגין זיין אויף די הייליגע מוסדות וועלכע פירן זיך אויף זיינע הייליגע דרכים




די קינדער ביים זאגן די ברכת 'אשר יצר אתכם בדין' פארן פוקד זיין דעם ציון הק'



די צענדליגע באסעס ביים אויסווארטן די צאן קדשים





הארצרייסנדע ריינע תפלות האבן געשפאלטן הימלען און באגלייט די העלדישע שלוחי ישראל אין געריכט ווען די שופטים האבן אויסגעהערט די מוסדות פארטרעטער'ס און ארויסגעוויזן א שטארקע אינטערעסע איבער פארגעלייגטע פונקטן.

# קומה החדש - ביהמ"ד הגדול

## ברענגט פרישע 5,000 ס"פ צום גרויסן ביהמ"ד



פלאמבינג פארענדיגט אויפן ערשטן שטאק



דרעינידזש ביי די 30 שאוערס ווערט פארענדיגט





מקוה געיט ערהאלטן פאר די נייע מקוה וואס גייט אט באנייעט ווערן בשעטו"מ



שטיגן פון די חדרי תפלה שטאק צום נייעם מקוה ווערט איבערגעצויגן מיט פרעכטיגע טיילס



3 בורות הטבילה שוין איבערגעצויגן מיט טיילס - חדר המקוה ווענט שוין ערגענצט

# יום תפלה עם אלפי תשב"ר - בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בביהמ"ד הגדול סאטמאר וויליאמסבורג



הרה"ג רבי משה פריעדמאן שליט"א טרעט אויף פאר די טויזענטער תלמידים



תלמידי כתה ט' אין שפיץ פון די מנהלים שליט"א



הרה"ג רבי מנשה מאיער שליט"א אבד"ק גרינוויל ביי אבינו מלכינו און קבלת עול מלכות שמים





ומה קול הצאן הזה באזני

# יום תפלה עם אלפי תשב"ר - בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בביהמ"ד הגדול סאטמאר וויליאמסבורג



אם החרש תחרישו בעת הזאת



אלפי תלמידי המוסדות רייסן איין בתפלה ותחנונים למען המשכת חינוך הטהור בדרך המסורה לנו






# עקזעקיוטיוו ביזנעס צענטער
## פאר אייער 'אייגענע' געקויפטע אפיס




פאנדעישאן ווערט ארויפגעצויגן פאר נייע האנדלס צענטער אויפן רוט 208 אין ווילעדזש

# נייע זיכערהייט מאסנאמען - שטח המוסדות לארקין



שטודיע מעסטונגען דורכגעפירט פאר נייע באסעס רוט ארום בניני המוסדות ביים אפנעמען די תשב"ר



גרויסע שטיקער צעמענטענע בלאקערס אראפגעשטעלט לויט די נייע רוט

# שכונת ברך משה החדש




רייע צעמענט טראקס לענגאויס בעיקערטאון צווישן עיקערס און בלובערי לעין צו גיסן פרישע פאנדעישאנס פאר נייע געביידעס

# פעולות נאמני הקהלה - כבוד הציבור



ריזן שיפמענט פון ווייטן כינע געאנקערט ביים גרויסן ביהמ"ד צו שפארן נכסי הקדש




גרויסע ווארימער און אנדערע קאמערציאלע אפלייענסעס



טראק אנגעפילט מיט פילצאליגע שפאגל נייע בענקלעך פאר גרעסערע מאורעות בצל הקודש


# משנכנס אדר מרבין בשמחה




Spotlight Pro
Your house bright
since 2006

845 537 9787

# והדרת פני זקן - וואדבורי ווילאס

## פארקינג אינפארסמענט ביים ביהמ"ד אור משה ביי די לויפענדע מניני שחרית



אויב האט איר זיך אמאל געוואונדערט פארוואס די קאר פירמעס האבן נאכנישט אויסגעטראפן א בלאזער אנשטאט ווייפערס... וואו וועלן די אוטאריטעטן לייגן די קוויטלעך..?





ארגינעלע שילדן פארנט פון היכל הלימוד פונעם ביהמ"ד





אייגענארטיגע פארקינג טיקעט...

# פארקוויז טרעפיק קאנטראל



גרויס צופרידנהייט אויסגעדרוקט דורך תושבי השכונה



געלונגענע טרעפיק קאנטראל דורך 'פארקוויז' צו האלטן א אנגענעמע טרעפיק פלוס אויף קוויקוועי ראוד פארנט פון שטוב פונעם רב שליט"א




שמחה פאר אלע צדדים אין א דירעקטע ווענדונג פון א געוועלב
צו זייערע קליענטן אין די יעצטיגע חודש



ליינער מיטגעטיילט בילד גענומען פורים 4:00 נאכמיטאג פון א עקספעלענט באס וואו מען זעט א גמ"ח
הצלה ווען ביי די טעגליכע ראוטס צו העלפן תושבי העיר גרייכן שפיטעלער צו משמח זיין זייערע נאנטע




בקשה פאר מתפללי ביהמ"ד יראי ה' נישט צו פארקירן אויפן סמיט פארם ראוד







ספעציעלע לענדסקעפינג באהאנדלונג צו ערלויבן דעם שילד
ארויסצובליקן פון צווישן די גרינע צווייגעלער

# סעודת משתה היין - בק"ק סאטמאר ירושלים

בביהמ"ד אהל רחל – בראשות הרה"צ רבי יואל טייטלבוים שליט"א





## COLONIAL HOUSE IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

**18 Hillside Terrace** Monroe NY 10950

Welcome to 18 Hillside Terrace, Nestled in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.











| | | |
|---|---|---|
| 2,552 square feet | 3 upstairs 1 downstairs bedrooms | 2 car garage |
| 4 heating zones | Central air conditioning | Central vacuum cleaning |
| Security system | Fireplace | Fenced in back yard |
| Quartz counter tops | Crown molding all floors | Brand new Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**

The REALTY BLUE group

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

# מאַסיווע אינפראַסטרוקטור פראָיעקט אויף די טרואוועי אין אָלסטער און גריִן קאַונטיס



אן איין און צוואנציג מיליאן דאלאר'דיגע אינפראסטרוקטור פראיעקט צו פאררעכטן און פארבעסערן די טרואוועי לענגאויס טיילן פון אלסטער קאונטי און גרין קאונטי איז אריין אין גאנג.

די ארבעט וואס ווערט ערווארטעט צו ווערן געמאכט טוט אריינגעמען פאררעכטן לעכער אויף די שאסייען אינאיינעם מיט א פולע איבערפלאסטערונג פון א שטח אזוי לאנג ווי 15.5 מייל אויף די הייוועי צווישן עקזיט 19 ביי קינגסטאן און רוט 28 ביז עקזיט 20 ביי סאוגערטיס און רוט 32. א געשאצטע 40,000 מאטאריסטן נוצן דעם שטח פון די הייוועי אין ביידע ריכטונגען יעדן טאג.

נאכדעם וואס די טרואוועי אויטאריטעט האט ארויסגעלייגט א ביד צו באקומען דעם בעסטן פרייז פאר די פאררעכטיגונגען איז די 'קאלאהאן אינדוסטריעס' פירמע באזירט אין אלבאני געוואורן אויסגעקליבן צו מאכן דעם פראיעקט.

"די טרואוועי אויטאריטעט טוט אינוועסטירן אין קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו פארבעסערן זיכערהייט און פארלענגערן די לעבן פון די שאסייען, האלטנדיג די טרואוועי איינע פון די זיכערסטע גרויסע הייוועיס אין די לאנד", האט דער טרואוועי עקטינג דירעקטאר פראנק האועיר געזאגט. "געלטער פון די אפצאל אויף דעם הייוועי ווערט ווידער אינוועסטירט אין די טרואוועי סיסטעם, צו פארבעסערן זיכערהייט און פארבעסערן די רייזע ערפארונג פאר די מאטאריסטן". די ארבעט אויף דעם טייל טרואוועי איז ערווארטעט צו זיין פארענדיגט אין די הערבסט פון 2024.

גאווערנער האוקול זאגט אז דער פראיעקט איז בלויז די אנפאנג און אז די סטעיט האט אינוועסטירט ארום 2.4 ביליאן דאלאר אין פראיעקטן וואס ווען באצאלן צו איבערמאכן קריטישע טיילן פון די סטעיטס 2,800 מייל פון די ניו יארק סטעיט טרואוועי שאסייען, און ארום נײַנציג בריקן, איבער די קומענדיגע פינף יארן.

געוויסע לאקאלע מאטאריסטן זענען באזארגט איבער די רעזולטאט פון דעם פראיעקט אויף די טרואוועי, וואס וועט לויט זיי מאכן אז זיי זאל פארלירן צענדליגער שעות אין טראפיק אין לויף פון די קומענדיגע חדשים. געוויסע פון זיי האבן אנגעוויזן אויף די בוי ארבעט אויף די ניבורג בעיקאן בריק וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2012 און זיך געצויגן פאר ארום דריי יאר, פאראורזאכנדיג לאנגע שעות פארשפעטיגונג פאר דרייווער ביז ווי לאנג דער פראיעקט איז ענדגילטיג געווארן פארענדיגט אום 2015.

די ארבעט אויף דער שאסיי האט זיך שוין פאקטיש אנגעהויבן אין געוויסע טיילן, און איז ערווארטעט צו צווינגען די ארבעטער צו פארמאכן ליניעס אויף די שאסייען, און ארויפלייגן ספיד לימיט באגרעניצונגען אין די געגענטער ווי די ארבעט ווערט אדורכגעפירט דורכאויס דעם גאנצן זומער.

ספיד לימיטס אין ערטער וואו עס איז דא ארבעט אויף די שאסיי וועט זיין באדייטענד נידריגער ווי די געווענליכע ספיד פון 65 מייל פער שטונדע אויף די טרואוועי, און די טרואוועי אויטאריטעט איז ערווארטעט זיך צו באנוצן מיט קאמערעס צו אויפכאפן די וועלכע פארן שנעל, און זיי אפשיקן טיקעט שטראפן אויף דער פאסט.

# אָפּסטעיט איינוואוינער ברויזן איבער באַשטעטיגונג פון 'קאנדזשעסשען טאָל' צו אַריינפאָרן אין נידריגערע גאַסן אין מאַנהעטן



פארלאפענע וואך מיטוואך האט די פולע עם-טי-עי באורד באשטעטיגט די "אנגעלייגטקייט פרייז" פלאן פאר די ניו יארק סיטי, אונטער וועלכע די אגענטור זוכט צו אויפטרייבן פינאנצן אינאיינעם מיט זייער ציל צו שניידן טראפיק אין די גאר אנגענומענע גאסן אין מאנהעטן, וואו עס איז גאר שווער צו פארן צוליב אומגעהויערע טראפיק.

די באורד האט באשטעטיגט א יארן-לאנג-דעבאטירטע פלאן צו פארלאנגען געלט צו אריינפארן אין דעם נידריגערען טייל פון מאַנהעטן, וואס איז פון דעם 60'סטען גאס און נידריגער. דער פרייז וועט זיין א געשוואלענע 15 דאלאר אפצאל פאר דרייווער פון אויטאס.

אפסטעיט איינוואוינער וועלכע זענען אנגעוויזן צו אריינפארן אין שטאט פאר ביזנעס ברויזן איבער דעם פלאן, און ראקלענד קאונטי עקזעקוטיוו האט אויסגעדרוקט זייער אויפברויז מיט'ן זאגן אז דער פלאן איז א באליידיגונג פאר פאמיליעס.

"קאנדזשעסשאן פרייסינג וועט רעדוצירן טראפיק אין אונזער איבערגעפילטע דאונטאון, פארבעסערן לופט קוואליטעט און צושטעלן קריטישע פינאנצן פאר די עם-טי-עי" האט גאווערנער האוקול געזאגט ביים מעלדן די באשטעטיגונג.

פיל דעטאלן איבער דעם פלאן זענען נאך נישט ענדגילטיג ארויסגעגעבן געווארן דורך די אפיס פון דעם גאווערנער. דער עם-טי-עי באורד פארזיצער האט געזאגט אין א סטעיטמענט אז "יעצט פאנגט זיך די עכטע ארבעט אן. די עם-טי-עי מוז אדאפטירן א פונקטליכע אפצאל וואס אלע סארט אויטאס, און פון אלע סארט געגענטער, וועלן דארפן צאלן, און אנהייבן צו אויפשטעלן די פאקטישע עקוויפמענט און אינפראסטרוקטור דורכאויס אלע ערטער וואו מען וועט דארפן באצאלן די נייע טאללס".

לויט באריכטן אין לאקאלע צייטונגען וועט דער פרייז צו פארן פון האדסאן וועלי קיין ניו יארק סיטי ארויפגיין מיט 11 ביז 14 דאלאר, און ביז 25 דאלאר פאר טראקס. די פרייז וועט זיין אין צוגאב צו די שטייער אפצאלן וואס די מאטאריסטן דארפן צאלן פאַר'ן אדורכפארן די בריקן און טונעלן אריין אין מאנהעטן.

אין די שעות וואס די שאסייען זענען נישט אזוי אנגעלייגט, וועלן די פרייזן זיין מיט 75 פראצענט ביליגער ווי די פארגעשלאגענע פרייז. די ביליגערע פרייז וועט זיין אין קראפט פון ניין אווענט ביז פינף אזייגער פארטאגס.

איינמאל עס וועט ווערן באשטעטיגט וועט ניו יארק זיין די איינציגסטע אדער ערשטע גרויסע סיטי אין די פאראייניגטע שטאטן וואס זאל פארלאנגען אזא אפצאל. אין לאנדאן, ענגלאנד איז שוין איינגעפירט אזא אנלייגונג אפצאל זינט איר באשטעטיגונג אין יאר 2003. די עם-טי-עי פלאנירט צו איינשטעלן דעם נייעם אפצאל פארלאנג דעם קומענדיגן יוני, אבער געריכטליכע אנקלאגעס איז ערווארטעט צו פארשלעפן דעם דאטום.

"ניו יארק איז די מערסט אנגעלייגטע סיטי אין די פאראייניגטע שטאטן. אנגעלייגטע גאסן טוט פארשטאטערן פובליק טראנספארטאציע, פארשפעטיגן די רעספאנס פון עמוירדזשענסי איינהייטן און דעליווערי סערוויסעס, העכערט די קאסט פון טון געשעפטן און שעדיגט די קוואליטעט פון לעבן. די ענדגילטיגע איבערזיכט אפשאצונג זאגט פאר א געשאצטע 15 ביז 20 פראצענטיגע רעדוקציע אין די צאל אויטאס וואס וועלן אריינפארן אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט אין מאנהעטן" האט גאווערנער האוקול'ס אפיס געזאגט.

די עם-טי-עי אגענטור באורד האט באשטעטיגט א פלאן צו געבן אויסנאמען פאר געלע שולע באסעס, געווענליכע באסעס וועלכע טראגן פאסאנדזשירן און געוויסע רעגירונג אויטאס.

# צוזאַמפאַל פון בריק אין באַלטימאָר ברענגט אַויף פראַגעס איבער ניו יאָרקער בריקן



די צוזאמפאל פון די 'פראנסיס סקאט קי' בריק אין באלטימאר מערילענד, נאכ'ן ווערן געשעדיגט ווען א קארגא שיף האט אריינגעקלאפט אין איר, האט אויפגעברענגט פראַגעס איבער וואס קען געשען אויב אן ענליכער עפיזאד שפילט זיך אפ אין די ניו יארקער וואַסערן ה"י, און און אונזער פאל אין דעם 'טאפאן זי' בריק, אויך באקאנט אלס דער 'מאריא קאומאו' בריק.

אין דעם עפיזאד די פארלאפענע וואך האט דער "דאלי", א 985 פיס-לאנגע שיף פון סינגאפור אריינגעקראכט אין די זייל פון דעם בריק ווען עס האט פארלוירן עלעקטריציטעט קראפט נאכ'ן ארויספארן פון דעם באלטימאר פארט אויף דעם וועג קיין סרי לאנקא. זעקס בוי ארבעטער אויף דעם בריק וועלכע זענען אריינגעפאלן אין וואסער ביים קראך זענען נאָכנישט אפגעפינען געווארן. די ארבעטער זענען מערסטענס געווען אימיגראנטן פון דרום אמעריקא.

די פראגע איבער אויב די מאריא קאומא בריק אין די האדסאן וועלי ראיאן וואלט געקענט בלייבן שטיין נאך אזא קראך "איז נישט קיין אבסטראקט קושיא" לויט דזשאן ליפסקאמב, וויצע פרעזידענט פון אן ענווייראמענטאלע וואטש-דאג גרופע און א שיף קאפיטאן, "עס איז א מציאות'דיגע פראגע. דער טאפאן זי בריק קען איבערקומען א קראך פון א שיף אויף איר אינפראסטרוקטור, עס איז נאר די פראגע ווי גרויס דער שיף קען זיין". דזשאן ליפסקאמב טוט כסדר ארומפארן אין די וואסערן אין די האדסאן וועלי צו פאטראלירן און באאבאכטן די זיכערהייט פון דעם בריק און טייך.

דער בריק צווישן ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס איז געבויעט געווארן 40 יאר נאך וואס די באלטימאר בריק איז אויפגעשטעלט געווארן, און פארמאגט דעריבער פיל מער זיכערהייט מאסנאמען צו פארמיידן אזא צוזאמפאל. די זיילן זענען ארומגענומען מיט קליינע אינזלען און צוימען וואס זענען דעזיגנירט געווארן צו איינזאפן אין זיך די קראפט פון א קראך, און צו צוריקהאלטן שיפן פון אריינקראכן מיט די סטרוקטור פון דעם בריק. אין ענגליש ווערן זיי באצייכענט ווי 'פעדס' אדער 'באמפערס'.

אבער ליפסקאמב זאגט אז טראץ די זיכערהייט מאסנאמען איז נאך אלץ פארהאן א ריזיקע אין פאל א גאר ריזיגע שיף קומט מיט א שטארקע קראפט און קראכט אריין. די טרואוועי' אויטאריטעט האט געזאגט אז זיי פארמאגן אויף די וואך א מאן וואס זאל באאבאכן די סיטואציע 24 שעה א טאג, און זיין ארבעט איז צו אַלאַרמירן די יונייטעד סטעיטס קאוסט גארד אויב סיי וועלכע פארדעכטיגטע סיטואציע אדער פראבלעמען קומען אויף, און אז עס זענען פארהאן זיכערהייט קאמערעס אונטער דעם בריק צו באטראכטן די סיטואציע פון דעם ווינקל.

די הויך וויפיל א שיף קען זיין צו אדורכפארן דעם קאומאו בריק איז 139 פיס ווען די וואסער איז נידריג, און איר ברייט איז 600 פיס. די טיפקייט פון די וואסער אין די האדסאן טייך ביים 'טאפאן זי' איז ארום 30 פיס. די הויך פון א שיף דארף זיין אממערסטענס צוויי פיס נידריגער ווי די הויך פון דעם בריק צו זיין ערלויבט צו אדורכפארן אונטער איר. די באלטימאר בריק איז געווען 185 פיס הויך און די טיפקייט פון דעם וואסער איז געווען ארום 50 פיס. אן אנדערער בריק אין ניו יארק וואס פארמאגט מער ענליכקייטן צו די באלטימאר בריק איז די ווארואזאנא בריק אין ניו יארק סיטי. יענער בריק איז ארום 228 פיס העכער די וואסער, וואס ערלויבט גאר גרויסע קארגא שיפן און קרוז שיפן צו אדורכפארן אונטער איר.

עקסידענטן דורך שיפן אין די האדסאן וועלי איז שוין געשען אין פילצאליגע פעלער דורכאויס די יארן, אריינגערעכענט אין 2017 ווען א טאנקער שיף וואס האט געטראגן אויף זיך ארום 2.5 מיליאן גאלאן גאזאלין האט אריינגעקראכט נעבן די קעטסקילס, אין וועלכע עס האט זיך צום מזל גארנישט אויסגעגאסן, און נאך א צאל אזעלכע עקסידענטן. צווישן אנדערע האט זיך א קרעין איבערגעדרייט אויף דעם 'טאפאן זי' בריק אין לויף פון די בוי ארבעט מיט עטליכע יאר צוריק, אין וועלכע דרייווער האבן פארפאניקט זיך אפגעשטעלט. גארנישט ערנסט איז געשען דאן.

# שוואַרצע און היספאַנישע איינוואָוינער קלאָגן 'טאַון אָוו ניובורג' איבער פאַרלעצונג פון סטעיט געזעצן



דריי שווארצע און דריי היספאנישע איינוואוינער האבן אריינגעגעבן אן אנקלאגע אין געריכט אנטקעגן די טאון אוו ניובורג, זאגנדיג אז זייער וואל סיסטעם טוט פארלעצן די סטעיט געזעץ.

זיי זאגן אז די מעטאד פון דעם טאון וויאזוי זיי וועלן אויס אירע פיר טאון באורד מיטגלידער, דורך דעם וואס אלע איינוואוינער אין טאון ערוועלן אלע פיר מיטגלידער טוט צוריקהאלטן אז שווארצע אדער היספאנישע זאלן קענען אויסוועלן זייערע פארשטייער.

די אנקלאגע איז אריינגעגעבן געווארן אין די סטעיט סופרים קאורט אין גאושען. די אנקלעגער זאגן אז די ניו יארקער שטים רעכט געזעץ וואס איז אדאפטירט געווארן אום 2022 זוכט צו פארזיכערן אז אלע עטנישע, ראסן און שפראך מינאריטעטן גרופעס האבן א גלייכע מעגליכקייט צו אנטייל נעמען אין די פאליטיק אין די סטעיט.

לויט די קלאגע זענען אזויפיל ווי ארום 25 פראצענט פון די איינוואוינער אין די טאון שווארץ און נאך 15 פראצענט זענען היספאניש, אבער טראץ דעם איז נאך קיינמאל נישט ערוועלט געווארן צו דעם טאון א פערזאן וועלכער איז נישט ווייס. זיי ווילן אז די סטעיט זאל צווינגען די ניובורג טאון צו אדורכפירן די וואלן לויט דיסטריקטס אין וועלכע די שווארצע אדער היספאנישע וועלן האבן מער איינפלוס.



NEW
100% FINE MERINO WOOL
A WHITER WHITE
STAIN RESISTANT - PRISTINE WHITE WOOL
MEGA SALE!
ON ALL TZITZIS AND TALLEISIM.
VK
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd. 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY


P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדוועטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com


**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדוועטייזט אין אונזער צייטונג.


KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## אינהאלט


לוח הלימודים זכרו תורת משה 88
שטארקע אינטערעס אין 'ליקוי חמה' פארכאפט אויבנאן 96
א בליק אין קרית יואל רבתי 100
שריפטן צום וואכנשריפט 106
אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 110
שאלת חכם 116
זמני בית הוראה 118
די תפיסה ווענט פארציילן 120
בילדער זייטן 122
לאקאלע באריכטן 132
לוח הזמנים לעיר קרית יואל 135
וועטער פון קרית יואל 135


## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| רעגן 20/30 | פארוואלקנט 48/35 | זוניג 54/33 |

## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 7:04 | 9:15 | 8:33 |









































בס"ד
JEWELRY MASTER
BROOKLYN, NY
THE W MALL
355 FLUSHING AVE. #114
BROOKLYN, NY 11205
718.400.1210
P
FREE PARKING
MONROE, NY
BUSINESS CENTER II / UNIT # 204
52 BAKERTOWN RD.
MONROE, NY 10950
845.782.6365